STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01021

DURKH DOYRES

Menahem Boraisha

Permanent preservation of this book was made possible
by I. Irving Weissler
in memory of
Gladys Reed Weissler

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מנחם באָריישא

דורך דורות

משה

חשבון אויפֿן אַש
(י. ל. פּרץ)

פֿאַרלאַג מתנות ניו יאָרק

1950

ארויסגעגעבן פון
פאַרלאַג מתנות
ביים שלום עליכם פאָלקאינסטיטוט

DURKH DOIRES

Through Generations

By *MENAHEM BORAISHA*

Copyright, 1950
By SARAH BORAISHA
New York, N. Y.

Published by
FARLAG MATONES
22 E. 17th St. New York 3, N. Y.

Printed in U.S.A.

GRENICH PRINTING CORP.
New York, N. Y.
166

אין דעם דאָזיקן בוך „דורך דורות", ברענגען מיר די צוויי גרויסע פּאָעמעס וואָס מנחם באָריישא ע"ה האָט געלאָזן: „משה" און „חשבון אויפן אַש" (י. ל. פּרץ).

פון דער פּאָעמע „משה" זיינען פאַרעפנטלעכט געוואָרן דריי קליינע חלקים אין די זשורנאַלן: „טינט און פעדער" טאָראָנטאָ; „די גאָלדענע קייט", תל־אביב; און „די צוקונפט", ניו־יאָרק. פון „חשבון אויפן אַש" (י. ל. פּרץ) איז נאָר איין טייל געווען געדרוקט אין „דער אידישער קעמפער", ניו־יאָרק. די טיילן זיינען אַריין אין דעם בוך, ווי זיי זיינען געדרוקט געוואָרן אין די דערמאָנטע זשורנאַלן. דאָס איבעריקע איז געדרוקט געוואָרן פון מאַנוסקריפּט, אַזוי ווי דער דיכטער האָט די צוויי פּאָעמעס געלאָזן.

„חשבון אויפן אַש" (י. ל. פּרץ) איז פאַרענדיקט. אַזוי זעט עס אויס. „משה" — קאָן מען זאָגן — איז אפשר נישט פאַרענדיקט. עס לאָזט זיך אָננעמען, אַז דעם מחברס פּלאַן איז געווען, צו גיין ווייטער און פאַרענדיקן די גרויסע פּאָעמע מיט אַן אַנדער סוף.

עס קאָן אויך געמאָלט זיין, אַז דער מחבר וואָלט געמאַכט געוויסע שינוים, ווען ער אַליין וואָלט דעם כתב־יד צוגעגרייט צום דרוק. אָבער,

שבת בייטאָג, ג' שבט, תש"ט, דעם 12טן פעברואַר, 1949, האָט דער פּלוצעמדיקער טויט אַלץ פאַרענדיקט. פאַרשניטן און צע־שטערט נאָך אַ סך וויכטיקע ליטעראַרישע פּלענער אין אָנגע־צייכנטע גרויסע ווערק.

— —

דאָס דאָזיקע בוך איז פּלאַנירט געוואָרן און ווערט אַרויסגעגעבן פון פרוי שרה באָריישא.

פאַרלאַג מתנות

א י נ ה אַ ל ט

מנחם באָריישאס שאַפונגס־וועג—לעאָ פינקעלשטיין — 7 —55

משה — — — — — — — — — — — — — — 57 —189

חשבון אויפן אַש (י. ל. פּרץ) — — — — — — — — — — 191—261

ביבליאָגראַפיע — — — — — — — — — — — ל. פּ. — 263—277

אין דעם בוך זיינען פאַראַן 5 בילדער:

מנחם באָריישא; זיין פאָטער, ר' אהרן נח גאָלדבערג; מנחם באָריישא, 1904; מנחם באָריישא און זיין פרוי שרה, 1909; מנחם באָריישא, זיין פרוי שרה, זייער טאָכטער אָדאָ און איר מאַן אפרים פאָגעל, 1936.

מנחם באָריישאַ

לעאָ פינקעלשטיין

מנחם באַריישאס שאַפונגס־וועג

מנחם באַריישאַ איז געקומען אויף דער וועלט י״ב שבט תרמ״ח (26־טער יאַנואַר 1888) אין דער אַלטער שטאָט בריסק דליטא. דאָס איז געווען אַ מיוחסדיקע שטאָט, וואָס האָט שוין אין 14־טן יאָרהונדערט אָנגעהויבן שפּילן אַ חשובע ראָל אין דער געשיכטע פון יידישע קהילות אין פּוילן. דאָרט האָט שפּעטער נישט איינמאָל דער ועד אַרבע ארצות אָפּגעהאַלטן זיינע רווי־שיקע סעסיעס. אַ שטאָט פון גרויסע יידישע שתדלנים, פּרנסים, מלוכה־פּאַכטער, רבנים, וויסנשאַפטלער און רעוואָלוציאָנערן. זי איז נאָך הונדער־טער יאָרן פאַר ווילנע געווען אַן עיר ואם בישראל. דעם לומדישן יחוס ציט בריסק במשך פון פיר הונדערט יאָר זינט דעם מהרש״ל ביז ר׳ חיים סאָ־לאָווייטשיק. דאָס איז געווען אַ שטאָט פון יידישער גאַנצקייט, איינגעפונ־דעוועטן יידישן נוסח און איינהייטלעכן יידישן לעבנס־סטיל.

די פעסטונג־שטאָט בריסק האָט דעמאָלט געהערט צו דער צאַרישער אימפּעריע. די אַמאָליקע פּויליש־וואָיעוואָדישע שטאָט איז שפּעטער פאַר־רעכנט געוואָרן צו גראָדנער גובערניע. די אַלגעמיינע וועלטלעכע דערציאונג האָט דאָרט געהאַט אַ רוסיפיצירנדיקן כאַראַקטער. די אַרומיקע באַפעלקערונג איז אַ ווייסרוסישע, אָבער אין טאָג־טעגלעכן לעבן האָבן זיך געשפּירט קענ־טיקע איינפלוסן פון דער שכנותדיקער פּוילישער קולטור. ס׳איז געווען גענוג איבערצושיפן דעם שמאָלן בוג קיין טערעספּאָל און מ׳איז שוין געווען אויפן באָדן פון קאָנגרעס־פּוילן, וואָס האָט דעמאָלט אויך באַלאַנגט צו דער רוסישער אימפּעריע. בפרט, אַז מ׳איז געווען אין נאָענטע עקאָנאָמישע פאַרבינדונגען מיט דער פּוילישער רעזידענץ — וואַרשע.

מנחם איז געבוירן געוואָרן אין אַ באַלעבאַטישער שטוב; זיין פאָטער ר׳ אהרן נח גאָלדבערג איז געווען אַ העברעאישער לערער, אַ מאָדערנער מלמד, אַ משכיל, וואָס האָט געוואַכט איבער זיין זונס לשון־קודשדיקער דערציאונג.

דער פאָטער האָט נאָכן טויט איבערגעלאָזט הונדערטער זייטן פון אַ כתב־יד, אַ דידאַקטישע פּאָעמע אין פערזן מיטן נאָמען „אהבת אמת", געבויט אויפן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע. צוליב זייער אַ שווערן לעבן האָט ער די פּאָעמע גענומען שרייבן ערשט אין עלטער פון אַרום 60 יאָר. דעם נאָמען מנחם האָט דער ניי־געבוירענער געקראָגן, ווייל ביז אים זיינען דריי קינדער איינס נאָכן אַנדערן געשטאָרבן. דער פאָטער האָט קיין מאָל פון זיין אָפּשטאַם און יחוס נישט גערעדט, כאָטש אין דער משפחה זיינען געווען רבנים און אויך דער באַקאַנטער פּובליציסט אחד הרבנים המרגישים איז געווען זיינס אַ שוועס־טערקינד. די מוטער, וואָס שטאַמט פון שטעטל סעלץ, און הייסט פון דער היים באַריישאַ, האָט זיך געגרויסט מיטן אָפּשטאַם פון ווילנער גאונס משפחה. זיינע עלטערנס הויז האָט זיך געפירט לויטן טראַדיציאָנעל־יידישן שטאַט, אָבער מ'האָט שוין דאָרט אַרויסגעוויזן פאַרשטענדעניש פאַר דעם גייסט פון דער נייער צייט. דערביי איז די מוטער געווען מער צוגעבונדן צו אַלטער יידישקייט איידער דער אויפגעקלערטער פאָטער. מנחם איז געווען אַ קרענק־לעך יינגל און דעריבער אין חדר כמעט נישט געגאַנגען. דערפאַר געלערנט ביים פאָטער תנ"ך און דקדוק; שפּעטער האָט ער אונטער דעם טאַטנס השגחה געלייענט די אַלטע און מאָדערנע העברעאישע ליטעראַטור.

מנחם האָט געמוזט דורכמאַכן זיין דערציאונגס־וועג לויט דעם אַלגע־מיינעם שטראָם. ער האָט באַזוכט די שטאַטישע פאָלקסשול, וואו מ'האָט אַלץ געלערנט אויף רוסיש. די ערשטע ידיעות וועגן ליטעראַטור האָט ער באַקומען אין דער רוסישער שפּראַך און לויט רוסישע מוסטערן. ווען די יידישלעכע היים האָט זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט דער רוסישער „וואָספּי־טאַניע", ווען דער נביא ישעיה האָט זיך „באַגעגנט" מיטן רוסישן פּאָעט אַלעקסאַנדער פּושקין, איז עס ביי מנחמען דערגאַנגען צו אַ פּסיכישן קורצ־שלוס, וואָס האָט געהאַט אַ באַשיימפערלעכן איינפלוס אויף דעם יינגלס ווייַ־טערדיקער אַנטוויקלונג. דער סענסיטיווער בחור האָט אין זיך גיכער גע־טראָגן די גייסטיקע זוימען פון זיין עלטערזיידן איידער פון זיין פאָטער. זיין מענטאַליטעט, נישט געקוקט אויף דער רוסישער שפּראַך, איז געווען אַ טיף־יידישע. ס'האָט אים מער אינטערעסירט אינהאַלט איידער פאָרם; ס'האָט אים מער גערייצט דער גאָט־צעפלאַמטער בן־אָמוץ, איידער דער אין פערזן צעשפּילטער סערגייעוויטש. שפּעטער האָט ער ווי אַ זייטיקער צו־הערער גיריק געשלונגען די קלוגע מוסר־רייד פון „חובבת הלבבות", וואָס אַ שכנותדיקער פאָטער האָט געלערנט מיט זיינע קינדער. פונדעסטוועגן האָט דער פאַרבענקטער בחור זיינע ערשטע „קלאָגענישן" אויסגעגאָסן אין דער רוסישער שפּראַך, און שפּעטער ערשט אויף יידיש.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן לידער — „פאַר זיך״, אַריינגעזיפצט אין זיי די יינגלשע צרות, וואָס קומען פון אַן אומגליקלעכער ליבע, זיינע אַנטוישונגען און זיין בענקשאַפט נאָך אַ ריינעם לעבן, אַ לעבן פון קדושה. און מיט אָט־דעם גרינעם פרי־דיכטערישן אומרו איז דער זיבעצניעריקער מנחם אַוועק קיין וואַרשע, אין דער פרץ־רעזידענץ.

קיין וואַרשע איז ער אַריינגעפאַלן ווי אַ דיכטער־אָנהייבער און ווי אַן עקסטערן, וואָס „זוברעוועט״ לאַטיינישע גראַמאַטיק. וואַרשע איז געווען אַ רוישיקע שטאָט מיט אַ פולבלוטיק יידיש לעבן. דער וואַרשעווער ייד מיט זיין צעפלאַכטענעם הילוך, היציקן טעמפעראַמענט, נערוועזע זשעסטן און ברייטער אויסשפּראַך האָט זיך גרינטלעך אונטערשיידט פון בריסקער ייד, וואָס האָט געטראָגן אַ קורצן סורדוט, געשוירן בערדל, געהאָט אַ געמעסיקטן טעמפעראַמענט און זיך באַמיט אַלץ צו באַנעמען מיטן שכל. מנחמען האָט דווקא געהאַרצט סיי די וויטאַליטעט און סיי ס׳פאַרחלומט געמיט פון צע־פּאַטלטן פוילישן ייד. שוין אין די ערשטע טעג נאָך זיין קומען קיין וואַרשע איז אים וואויל־געפעלן די פוילישע שפּראַך:

> „נאָך נישט דיין שפּראַך געקענט — און זי האָט שוין געשפּילט
> מיט קלאַנג און פאַרבן אין מיין אויער...״ („פוילן״, 1914).

דאָס נייע יידישע וואַרשע האָט דעמאָלט געאָטעמט מיט רעוואָלוציע און קולטור־רענעסאַנס. מנחם, הגם אַליין אַ חבר פון די פועלי־ציון, האָט זיך געפילט אַ ביסל פאַרלוירן. פון איין זייט האָט ער אינעם סאָציאַליזם אַרויסגעשפּירט הויכע עטישע ווערטן, ווידער פון דער אַנדער זייט האָט אים געצויגן די קינסטלערישע וועלט מיט איר וואָרט־שיינקייט און נייע שאַפונגס־פאָרמען. אָבער סיי דאָ און סיי דאָרט האָט ער דערהויפּט געזוכט דאָס תוכנדיקע, דאָס וואָס פירט צום תיקון פון מענטש. ס׳איבעריקע באַ־טראַכט ער בלויז ווי פרפּראות לחכמה...

מנחם האָט אויך אין וואַרשע געפונען זיין זיווג און טרייע לעבנס־באַגלייטערין אין דער פריילן סאַראַ (שרה) בערענסאָן. דאָס איז אַ טאָכטער פון אַ יחסניש יידיש הויז אין וואַרשע. די בערענסאָנס זיינען אין פוילן געווען אַן אָנגעזעענע משפּחה, וואָס האָט אַרויסגעגעבן באַדייטנדיקע רבנים און יוריסטן. פון דער מוטערס צד שטאַמט מנחמס פרוי פון די הורוויצעס, וואָס ציען זייער יחוס פון גאונישן של״ה („שני לוחות הברית״). במשך פון פערציק יאָר איז שרה בערענסאָן געווען מנחמס איבערגעגעבענער לעבנס־פריינד, געטיילט מיט אים ס׳גוטע און ס׳שלעכטע און אים אַפּט געמוטיקט אין זיין ליטעראַריש־קינסטלערישער אַרבעט.

ער איז גיך געוואָרן אַ בן־בית ביי י. ל. פּרצן, וועלכער האָט אים וואַרעם אויפגענומען און זיך מיט אים אָפּגעגעבן נאָכאַנאַנד. ער איז געגאַנגען צו פּרצן נישט כדי זיך ביי אים „לערנען" שרייבן. דאָס קען מען פון קיינעם נישט אויסלערנען. ער האָט אין זיין גייסטיקער פאַרלוירנקייט געזוכט אַ מאָראַלישן שטיצפּונקט און אים געפונען ביי פּרצן.

פּרץ איז אָוודאי נישט געווען דער פאַרקיילעכדיקטער, פאַרענדיקטער, וואָס האָט שוין דערגרייכט ס'העכסטע און דעריבער געקאָנט דינען אַנדערע פאַר אַן אָנשפּאַר־פּונקט. גראָד פאַרקערט, פּרץ האָט תמיד געזוכט, שטענדיק געפלאָטערט, אָפט זיך באַגייסטערט און נאָך אָפטער זיך אַנטוישט. זיין אומרו און וויטיקלעכע דערפאַרונגען האָבן אים אָבער געגעבן אַ סך מאָראַ־לישן כוח, פון וועלכן מ'האָט נאָך געקאָנט אַנדערע פאַרטיילן בשפע.

פּרץ האָט מנחמען באַצויבערט מיט זיין אומאויפהערלעכן זוכן, ווייל מיט דעם האָט פּרץ נישט אָקצעפּטירט דאָס שוין פאַראַנענע. פון איין זייט איז ער געגאַנגען צוזאַמען מיט דער מחנה און געשליידערט דער אַלטער וועלט די ווערטער — „מיין נישט, אַז די וועלט איז אַ קרעטשמע", פון דער אַנדערער זייט האָט ער געשפּאַנט ביחידות צו דער וועלט פון „אייביקן שבת"...
מנחם האָט זיך באַלד זעליש געפונען אין דער פּרץ־סטיכיע, אין דער סטי־כיע אי פון רייגער לעבנס־מאָראַל אי פון נאָגנדיקער גאָט־בענקשאַפט. און נאָר ביי פּרצעס זייט האָט מיט צוויי און פערציק יאָר צוריק געקאָנט אויפ־קומען מנחמס ליד „קדוש".

ער האָט אַ בענקשאַפט פאַרזייט אין דער וועלט —
מורמלט און זינגט אַלץ וואָס לעבט מיט דער בענקשאַפט.
דריקן זיך הערצער און לייבער צוזאַמען,
ווילן זיך וועלדער צום הימל דערציען,
לעכצט די ערד צו די טראָפּנס פון וואָלקן,
רייסט זיך דער ים צו די שטייגערנע ברעגעס,
רוישן און ברומען די שוימיקע כוואַליעס —
ער האָט אַ בענקשאַפט פאַרזייט אין דער וועלט,
אַטעמט די וועלט מיט זיין ווילן און בענקשאַפט. (1907)

אויך אין פּרצעס שטוב איז מנחמען נישט אַלעמאָל געגאַנגען מיט דער פּוטער אַרויף. ווי אַ שאָטן איז אים נאָכגעגאַנגען דער קריטיקער בעל מחשבות; מנחמס ליטעראַריש געמיט איז בעל מחשבותן נישט געווען ניחא. דאָס האָט נאַטירלעך מנחמען ווי געטאָן, אָבער באַגלייך געשטאַרקט זיין אויסדויער.
לויטן טעמפּעראַמענט איז מנחמען געווען שווער מיטצומאַכן פּרצעס

דריבנע טריט. דער פלאַטערנדיקער פרץ איז געווען אַ שפּילעוודיקער דיכ־טער, פאַרליבט אינעם האַלבטאָן און קורצאָטעמדיקן פערז. מנחם איז לויטן געמיט געווען אַ דורכאויס ערנסטער, ווייט פון שפּילעוודיקייט, מיט אַ נײי־גונג צו רעזאָנירן. דערצו איז זיין פערז געווען אַ לאַנגאָטעמדיקער. מנחם האָט אפשר געקאָנט זיך אָנזעטיקן מיט פרץ־מאָטיוון, אָבער נישט איבער־גענומען זיין אויסדרוק־פאָרם און נאָך ווינציקער זיין פערזן־ריטם. אין דעם איז אים גאָר נעענטער געוואָרן דער פוילישער דיכטער יאַן קאַספּראָוויטש. אָט דער פרץ־קאַספּראָוויטש־געפלעכט לאָזט זיך דערעיקרשט פילן אין מנחמס „תפילות" און „על חטא".

קליין בין איך, גאָט,
און איך קען נישט באַנעמען דיין זיין אין אומענדלעכקייט.
האָסטו זיך אין דיין חסד אַנטפּלעקט צו מיר,
אין דער האַלב, דער געגאַרטער, וואָס דאַרף מיך דערגאַנצן.
— האָסט מיט וואַרעמע ליפּן מיך אָנגערירט,
האָסט מיט צערטלעכע פינגער אַריינגעטריפט
אין מיין לייב דעם באַגער צו דערגאַנצונג,
האָסט דאָס מויל מיר געעפנט
פאַר געבעט און פאַר ווידוי און מאַנונגען,
און עם ליכטיקט די ברכה אין מיר
פון דיין חסד און נאָענטקייט. (1908)

אין מנחמס ערשטע לידער איז פאַראַן אַ פאַרבינדונג צווישן רעליגיעזיש־קייט און עראָטיק. זיינע שפּעטערדיקע לידער זיינען כסדר „געוואַקסן" אין דער לענג און זיינען אין גאַנג פון שרייבן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין פּאָע־מעס. שוין אין יאָר 1909 איז דערשינען זיין אָריענטאַלישע פּאָעמע „שלמהס טויט", געשריבן אין אַ זעכצן־טראָפיקן פערז. אָט־די פּאָעמע איז אַ ביסל איבערגעבלומלט מיט יוגנטלעך־נאַאיווער אויסגעצירטקייט.

אין דער זעלביקער צייט מאַטערן אים — ווי יעדן יונגן פּאָעט — די „אייביקע" ליבע־ און בענקשאַפט־מאָטיוון. צו אָט דער סעריע געהערן: „אַ ליד פון אַ מיידל", „אַ ליד פון אַ צוריקגעקומענעם", „אַ ליד פון אַ יונגער פרוי", „אַ ליד פון אַ כלה" אד"גל.

נישט לאַנג אָבער אָבסאָרבירן מנחמען „אייביקע" מאָטיוון; ער ווערט שפּעטער מיטגעריסן מיטן געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן. צו יענער צייט האָבן פוילישע פריצים און סוחרים אַרויסגערופן אַווירטשאַפטלעכן באָיקאָט אַקעגן יידן. דאָס איז געווען אַן אָרגאַניזירטער פּרוּוו צו פאַרהונגערן די

יידישע באַפעלקערונג און צווינגען זי אַזוי אַרום צו עמיגרירן פון פוילן. מנחמס דיכטערישע רעאַקציע דערויף איז געווען זיין פּאָעמע „פוילן". אין אַ געאײדלטן בילדערישן פּערז ברענגט ער אַרויס זיין טיפע פאַרביטערונג קעגן די צעהוליעטע פּריצים, וואָס האָבן דורות־לאַנג זיך ווילד־לוסטיק געמאַכט איבער יידישע אַרענדאַרן, קרעטשמאַרעס און לאַטוטניקעס. זיי האָבן אײנעם יידן נישט געזען דעם מענטש, כאָטש דער ייד האָט אין די פּוילישע הימלען באַזעצט זיין אײגענעם גאָט. ווילד־פרעמד האָט זיך מנחם פּלוצים דער־פילט אין די אַמאָל־היימישע פּוילישע גאַסן.

אין שנעלן לויף פון יוגנט־יאָרן זײַנען
צוזאַמען מיטן טוי פון יינגלשקייט צערונען
די ברידערשע חלומות, וואָס כ'האָב דאָ געשפונען.

מנחם נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין געזעלשאַפטלעך־קולטורעלן לעבן. אַרבעט אין דער וואַרשעווער יידישער פרעסע („היינט"), פאַרעפנטלעכט פובליציסטישע אַרטיקלען און כמעט דער ערשטער אײנגעפירט אין „היינט" טעאַטער־רעצענזיעס. אין האַרבסט 1909 האָט מנחם זיך געשטעלט צום פּריזיוו און אָפּגעדינט ביז פרילינג 1911. אַ סעריע קאַזאַרמע־בילדער זײַנען געווען געדרוקט אין „היינט" און „פריינד". זומער 1914, ערב דער ערשטער וועלט־מלחמה, איז ער אָפּגעפאָרן אין דער שווייץ און אין דעצעמ־בער דעם זעלביקן יאָר איז ער אָנגעקומען קיין אַמעריקע.

מנחם איז געקומען קיין אַמעריקע — אין אַ ניי לאַנד, צווישן היימישע יידן אָבער אַ פרעמדן אַרום. דאָס איז נישט קיין אַלטגעזעסענער ישוב, וואָס זאָל במשך פון דורות האָבן דאָ אויסגעוואָרעמט אײגענע טראַדיציעס. ס'היי־מיש־יידישע פון דער „אַלטער היים" איז געוואָרן איבערגעפּלאַנצט אויף אַ נייעם באָדן אין אַן אַנדערן גייסטיקן קלימאַט. און ס'איז נישט געווען אין גאַנצן זיכער צי ס'וועט דערפון אויפגיין אַ שפע. פאַרקערט, פאַר מנחמס אויגן האָט דער אַמעריקאַניש־יידישער ישוב, לכתחילה ביסלעכווייז, און נאָכדעם — ראַשיק, גענומען זיך צופּאַסן צו די „נייע באַדינגונגען". מ'האָט זיך גענומען גרימירן מיט ריין־אַמעריקאַנישע שטריכן און דער נאַציאָנאַלער ווידערשטאַנדס־כוח איז ביסלעכווייז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. ס'האָט זיך דער־רימעך געלאָזט פּאַראַויסזען, אַז אין דער „נייער וועלט" דראָט אונדז אַ נאַ־ציאָנאַלע פסיידאָמאָרפאָזע, וואָס מוז לסוף דערפירן צו גייסטיקער ליידיקייט.

מנחם האָט זיך דאָ דערפילט פרעמדלעך. מאַי־דאָך, אַז ס'יידיש־וועלט־לעך וואַרשע, וואָס האָט, ביים געיעג נאָך פרעמדער פאָרם, פונדעסטוועגן

נישט פאַרלוירן דעם ריין־יידישן נוסח, איז מנחמען געווען דערווידער. — ער האָט געהאַלטן, אַז ס׳ווערט דאָרט געפעלשט דער יידיש־היסטאָרישער באַ־רוף, — היינט, וואָס־זשע איז שוין שייך צו רעדן וועגן צעביזנעווען ניו־יאָרק, וואָס האָט דעמאָלט אין גאַנצן נישט געהאַט קיין אייגענע יידישע וואָרצלען? ביי מנחמען האָט זיך דערימעך געשטאַרקט זיין אַלט־יידיש וועלט־געפיל און ווידער האָט ער געמוזט גיין מיט זיין אייגענעם וועג, מיט אַ „זייטיקן" וועג...

די ערשטע חדשים האָט ער מיטגעאַרבעט ווי אַ פּובליציסט אין „טאָג", וואָס האָט זיך נאָר־וואָס געגרינדעט. שפּעטער אַריבער אין „פירער", וואָס האָט עקזיסטירט בלויז עטלעכע חדשים. געשריבן אַרטיקלען אויף געזעל־שאַפטלעכע און ליטעראַרישע טעמעס. גלייכצייטיק מיטגעאַרבעט אויך אין „ליטעראַטור און לעבן", וואו ער האָט געדרוקט אַרטיקלען וועגן י. אָפּאַ־טאָשון, י. ראַלניקן און זכרונות וועגן י. ל. פּרצן. נאָכן „פירער" אָנגעקומען אַרבעטן אין דעמאָלטיקן „פּיפּלס רעליעף" און זיך געדרוקט אין דער „בייער וועלט", „יידישן קעמפער" און אַנדערע. אין 1915 צוזאַמען מיט משה לייב האַלפּערן אויך אַרויסגעגעבן דעם זאַמלבוך „איסט־בראָדוויי", וואו אָפּגע־דרוקט אַ האַלב־בעלעטריסטישן עסיי איבער די אַמעריקאַנער „יונגע".

אין משך פון אַנדערטהאַלבן יאָר באַטייליקט ער זיך ווי אַ פּובליציסט און טעאַטער־קריטיקער אין „טאָג". אין 1920 פאַרלאָזט ער די צייטונג און נעמט איבער די יידישע פּרעסע־אָפּטיילונג פון דער „דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע", וואו ער בלייבט ביז 1929.

אין צווישן, ד. ה. אין 1926 באַזוכט מנחם פּוילן און סאָוועט־רוסלאַנד. אין אָנהויב 1929 הויבט ער אָן דרוקן אין דער ניו־יאָרקער „פריהייט" אַ סעריע רייזע־בילדער און לידער. די רייזע־בילדער ווערן איבערגעריסן, ווייל אין מאָסקווע האָט מען נישט קיין הנאה פון דעם וואָס עס ווערט דער־ציילט וועגן די יידישע קאָמוניסטן. מנחם איז איינצייטיק טעטיק אין דער יידישער קולטור־געזעלשאַפט אין ניו־יאָרק. ער פּאָלעמיזירט אין דער „פריהייט" וועגן דער קולטורעלער און נאַציאָנאַלער ליניע פון דער פּאַרטיי. עס קומט אַ ריס אין אויגוסט 1929, ווען צוליב דער אַנטי־יידישער אויס־טייטשונג פון די פּאָגראָמען אין ארץ ישראל, פאַרלאָזט ער די צייטונג צוזאַמען מיט אברהם רייזען, ה. לייוויק און א. ראַבאָי. עטלעכע וואָכן נאָכן ריס מיט דער „פריהייט" דערשיינט די „וואָך" אונטער דער רעדאַקציע פון מ. באָריישאָ, ה. לייוויק און ל. שאַפּירא. ס׳וואָכנבלאַט דערשיינט אין 33 נומערן און פאַרמאַכט זיך. נאָך דעם איז מנחם אין משך פון אַ קורצער צייט מיט־רעדאַקטאָר פון וואָכנבלאַט „יידיש", אַרויסגעגעבן פון דער יידישער קול־טור־געזעלשאַפט.

אין 1932 ווערט מנחם אַ לערער אין די אַרבעטער־רינג שולן אין באָסטאָן און אין 1933 קומט ער אָן אין אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס, וואו ער פירט די יידישע פּרעסע־אָפּטיילונג און שרייבט לייט־אַרטיקלען פאַר דער ענגלישער אויסגאַבע פון דער אָרגאַניזאַציע. פון אַמעריקאַנער יידישן קאָנגרעס איז ער אַרויס אין יאָר 1947 און פון דעמאָלט אָן ווערט ער ווידער מיטאַרבעטער פון „טאָג", וואו ער פאַרעפנטלעכט אַ סעריע אַרטיקלען וועגן דער יידישער נאַציאָנאַל־רעליגיעזער פּראָבלעמאַטיק.

ער האָט אויפן אַמעריקאַנער באָדן אין יאָר תרע"ו אַרויסגעגעבן אַ זאַמלונג פון זיינע שוין דערמאָנטע פּוילישע לידער א"נ „אַ רינג אין דער קייט". די אַמעריקאַנער קריטיק האָט אָט די לידער אויפגענומען נישט איבעריק פריינדלעך. מיט פיר יאָר שפּעטער ד"ה אין 1920 איז אין מיטן ניו־יאָרקער געטומל דערשינען מנחמס „זייטיקע" זאַמלונג לידער און פּאָעמעס א"נ „זאַמד". שוין פונעם מאָטאָ: „כחול אשר על שפת הים" (ווי זאַמד אויפן ברעג ים) איז צו זען, אַז דער הויפּט־מאָטיוו פון דער פּאָעמע איז די יידישע צעשפּרייטקייט איבער דער גאַרער וועלט. ס'איז אַ רייד וועגן ביטערן גורל פון יידישן פאָלק, וועלכן ס'איז באַשערט אייביק צו וואָגלען איבער דער וועלט, צו לעבן אין אַ סביבה, וואָס אָטעמט פאַר אים מיט טויט־שנאה. אינעם צענטער פון דער פּאָעמע זעט מען אַ וואָגלענדיקן יידישן אינטעליגענט העגריך און זיין באַגלייטערין, די אין גאַנצן אַסימילירטע — לאַורא. זיי ביידע דאַרפן סימבאָליזירן דעם נישט־אויפגעקלערטן יידישן גורל. צוליב דעם, וואָס די פּאָעמע איז געבויט לויט אַ באַשטימטער טענדענץ פון שיקזאַלהאַפטיקן יידישן וואַנדערן, ווערט דאָס פּאָרל נישט געפירט פון די לעבנס־אומשטענדן, נאָר צומערסט פון אויטאָר אַליין. די פּאָעמע איז נישט פריי פון ספּעקולאַטיוון עלעמענט.

דאָס איז דער גורל פֿון וואַנדער־בלוט.
פֿאַרטיק אין יעדערן יעדע מינוט
אָפּגעבן אַלץ פֿונעם קאָפּ ביז די שיך.
און ביזן יורש, וואָס קומט פֿון דיין דיך.
ביימער פֿאַרפֿלאַנצן מיט שאָטן און פֿרוכט —
שויץ פֿאַר אַ פֿריינד, וואָס באַהעלטעניש זוכט.
שלעפּן, צונויפֿקלעפּן ציגל און שטיין,
בויען אין שוויים, כדי אין מידקייט צו גיין
זוכן אַ ווינקל, וואו וואַנדער־בלוט רוט —
דאָס איז דער גורל פֿון וואַנדערער בלוט.

אין „זאַמד" איז באַשיימפּערלעך דער אינעוווייניקסטער קאַמף פון דיכ־טער מיט זיך אַליין. ערגעץ־וואו פלעמלט אַ האָפענונג פון נאַציאָנאַלער אַנהאַלטעניש, פון נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. ווי אַן אילוסטראַציע דערצו איז די פּאָעמע דער „פרעמדער", אין וועלכער ס׳ווערט אויסגעדיכטעט ס׳לעבן פון ציוניסטישן פירער בנימין זאב הערצל.

מנחם לעבט אין אַמעריקע, אָבער ער איז זעליש אין גאַנצן צונויפגעַ־קניפּט מיט דער „אַלטער היים". מיט עקשנותדיקן גלייכגילט גייט ער פאַר־ביי די אַמעריקאַנערווירקלעכקייט און נאָר פון מאָל צו מאָל גיט ער זיך אין איר אַ קליינטשינקן „פאַרטשעפּע". פון אָט־דעם „פאַרטשעפּע" איז צווישן „אַלטן" און „אַלטן" אויסגעוואַקסן אַן אינטערמעצאָ פון אַמעריקאַנער מאָטיוון, איינגעזאַמלט אונטער דעם אַלגעמיינעם נאָמען „מעטראָפּאָליס."

שוין אינעם לייכטסטראָפּיקן ליד „ביים ים" פּרואווט ער צייכענען די היסטאָרישע ראָל פון יידן אין אַמעריקע. זיי זיינען אַהערגעקומען געטריבן פון יידישן גורל. זיי האָבן מיט מסירת־נפש באַקעמפט די ווילדערנישן און געהאָלפן אויסבויען אַ נייע וועלט. ער ווייטיקט הלמאי די ערשטע יידן אין אַמעריקע, די גולי ספרד, מישן זיך אויס מיטן אַרום און מעקן אָפּ די ירושה פון אבן־עזרא, בן־גבירול און יהודה הלוי.

פֿאַר דיין עלנטער מצבה
שטיי איך איצט און פֿרעג דיך: ענטפֿער —
ווער נאָך אונדז וועט ווידער קומען
און באַלעבן די ירושה.

די באַזונדערקייט פון דער יידישער אומה דאָ — צווישן די פעלקער פון אַמעריקאַנער שמעלצטאָפּ — צייכנט מנחם אינעם „מאַרש", וואָס קומט אַרויס אויף די ניו־יאָרקער גאַסן מיט שופר־בלאָזן און כל־נדרידיקע קלאַ־גענישן.

וואָס איז דאָס פֿאַר אַ פֿאָלק, וואָס גייט
מיט האָרן־שאַל פֿאַר אַ טרומייט
מיט שטיקער פּאַרמעט פֿאַר אַ פֿאָן
מיט פרוטה־קלאַנג און בלעך — אַ פּויק
און סוד פֿאַרגליווערט אין אויג?
וואָס טרייבט זיי פֿאַר אַ שוואַרצער סוד,
וואו פֿירט זיי זייער אַלטער גאָט?

דאָס זעלביקע קומט צום אויסדרוק אין דער „איסט־סיידער באַלאַדע". אַ רעאַלן מאָטיוו פון דער אַמעריקאַנער געגנוואַרטיקער ווירקלעכקייט אַנט־וויקלט מנחם אין דער פּאָעמע „דער דיכטער" וואָס איז אויך נישט פריי פון אינטראָספּעקטיווע גריבלענישן.

מנחם איז קיינמאָל נישט פאַרטיק מיט זיך אַליין; ער האַלט זיך אין איין גריבלען אין דער אייגענער נשמה. פאַרפלאָנטערט זיך אין אַ נעץ פון אידעען און אידעאָלאָגיעס. פון אַלף ביז תיו איז זיין שאַפן אַ פּראָצעס פון אויטאָ־אַנאַליז. אַן אויסטערלישער פרואוו פון זעלבסטצעגלידעריי איז זיין „דער גלגול" — „דיאַלאָגן און צוויי באַגעגענישן". כאָטש „דער גלגול" איז דערשינען נאָך „זאַוול רימער", דאַרף מען אים פונדעסטוועגן באַטראַכטן פּסיכאָלאָגיש (און אפשר טאַקע ממש...) ווי אַ מבוא צו „זאַוול רימער". אינעם „גלגול" קנוילן זיך לאַנג־לאַנגע געשפּרעכן צווישן דעם ייד וויקטאָר בעקער מיט דעם פּאָליאַק וולאַדיסלאַוו מירסקי. זיינען דאָס גריבלערישע חקירה־דיקע שמועסן, וואָס ווערן געפירט בעת פאַרשיידענע באַגעגענישן. ס'איז אַ רייד וועגן געפלאָנטער צווישן גוי און ייד, וועגן קאָמפּלעקסן, וואָס שטאַמען פון באַזונדערע טראַדיציעס, ירושות און וועלט־געפילן. ביידע — סיי דער גוי סיי דער ייד — זיינען גלגולים פון זייערע אָבות, וואָס האָבן דורות־לאַנג זיך אויסגעלעבט אין באַזונדערע געדאַנקען־ספערעס. דער „גלגול" איז אָנגעפּראָפּט מיט אַבסטראַקטע באַגריפן און פּסיכאָלאָגישע פּירושים. ווייטער קומען פּירושים אויף פּירושים טאַקע אויפן עקיבאַנישן שטייגער תילי תילין של קאָמענטאַרן. דער אויטאָר אַליין האָט אָפּנים נאָך דעם נישט געהאַלטן דעם „גלגול" פאַר אַ געראָטן קינד, ווייל ער האָט אים אין גאַנצן אויסגע־מיטן אין שפּעטערער איבערגעקליבענער זאַמלונג „אַ דור". פונדעסטוועגן פילט זיך, אַז אונטער די שווערע שורות פון „גלגול" שטייט אַ פּערזענלעכקייט.

דער מנחמישער וויכוח מיט זיך אַליין ציט זיך ווייטער אין זיינע שפּע־טערדיקע ווערק און ראשית כל אין „זאַוול רימער", וואָס איז אויסגעבויט אַ סך לופטיקער, לעבעדיקער און פאַרביקער.

***

ווען אַ מענטש איז מיט זיך נישט צופרידן, קרומט זיך איבער די אייגענע טאָטן, הייסט עס, אַז ער גיט זיך אַליין אָפּ חשבון פון זיין נישט־מסוגלדי־קייט „ריכטיק" צו לעבן און האַנדלען. צווישן דעם זיין און באַוואוסטזיין שניידט זיך אַריין אַ „ויתרוצצו"־קלין. די אומצופרידנקייט פירט אויף די שפּורן פון אַן אינעווייניקסטן „עפּעס", וואָס שטויסט דעם מענטשן הכרחדיק

צו האַנדלען אַזוי און נישט אַנדערש. וואָס איז אייגנטלעך דער „עפּעס" ? אין וואָס באַשטייט זיין כוח ? ווי ווייט אָדער ברייט זיינען זיינע ווירקונגס־דימענסיעס ? — אויף דעם איז נישט לייכט צו געפינען אַן ענטפער, ווייל אָט־דער „עפּעס" לאָזט זיך נישט באַנעמען און אויפקלערן. וואָס מער נעמען מען טראַכט פאַר אים צו אַלץ מער אָנגאָמענדיקער ווערט ער. דאָס האָט באַוון אַ שייכות צו דעם אָפּגרונטיק־מיסטעריעזן, וואָס ווירקט אין אונדז. דאָס בלייבט דערווייל פאַרבאָרגן פאַר אונדזער שכל ; מיר פילן בלויז אַרויס די טיפקייט און באַגלייך טונקלקייט פון דער „עפּעס"־ספערע. אַנדערע האָבן פאַר דעם אַ נאָמען — מאַרע טענעבראַרום (פינצטערער ים). ווער איז אָבער געבענטשט מיט אַ דיך־פילבאַר געהער אויפצוכאַפּן די וויבראַציעס פון דעם אייגענעם אונטערגרונטיקן געפילך־ים ? — מיט געציילטע טראָפּנס פון אָט־דער ברכה איז אַוודאי געזאַלבט דער דיכטער. ווער, אויב נישט ער איז מסוגל נייגן ס'אויער צום אייגענעם „ים" מיט דער כוונה אויפצוכאַפּן כאָטש אַ בלאַסן אָפּקלאַנג פון דעם אונטער־געריש. אָבער כדי אויפצוכאַפּן כאָטש אַ טראָפּן פון אייגענעם זעלישן תמצית, מוז זיין אַ הערער אי אַ געהערטער ; ס'מוז ובכן דערגיין צו אַ שיזאָפרעניע פון אייגענעם יש, אַ געשפּאָלטנקייט פון אייגענעם „איך".

מנחם איז אַ דיכטער, וואָס האָט דערשפּירט די אייגענע זעלישע פאַר־קנוילטקייט, וואָס האַלט אים אין איין פייניקן. עס איז אים שווער געוואָרן זיך „אַרומצוטראָגן" אויף דער וועלט מיט אַ מטושטש־פאַרלוירן לעבן, וואָס ווערט געקירעוועט דורך בלינדע אונטערשטראָמען. פון איין זייט שפּירט ער, אַז ר'ווערט פאַרכליניעט פון אומגעצוימטע געפיל־אויסגוסן, פון אַ פלייצנ־דיקן סענטימענטאַליזם. פון דער אַנדערער זייט אינטריגירט אים אָן אויפ־הער די אָפענע אומזיניקייט און געדאַכטע זיניקייט פון לעבן. ער גאַרט דע־ריבער אויף אַ וועלכן ס'איז שטייגער פאַר זיך אַליין אויפגלאַנצן אַ שפּיגל־בילד פון זיינע אייגענע טראַכטונגען, דאַכטענישן און באַרופנקייטן. ער זוכט אַן אינטימען אַריינבליק אין זיך גופא. ער וויל דורך דיכטערישע אָפּשפּיג־לונגען און קינסטלערישע צוריק־שפּיגלונגען זיך דערשלאָגן צום סוד פון אייגענעם „איך", געפינען באַשייד פאַר דעם, וואָס הערט נישט אויף צו זיין רעטעניש. ער פילט דעריבער אַ באַדערפעניש אָנצוהייבן אַ שמועס מיט זיך אַליין.

ווי אַזוי קען מען אָבער שמועסן מיט זיך אַליין ? ווי קאָן מען לאָזן אין גאַנג אַ פלוּאיד פון זיך צו זיך ? וואָסערע „אָביעקטיווע" אמתן קאָן מען דערפון מ'שטיינסגעזאָגט אַרויספרעסן ? איז דאָס נישט אַמאָל אַ נהמא־בנהמא־פראָצעס ? — אַוודאי קאָן מען זיך אַרויסהעלפן מיט ספינאָזיסטישער

טערמינאָלאָגיע וועגן צוויי אַטריבוטן פון איין־און־דערזעלביקער סובסטאַנץ. אָבער דאָס וועט נישט זיין מער ווי אַ ליידיקע טערמינאָלאָגישע באַצייכענונג, וואָס דרייט זיך סוף־כּל־סוף אַרום אַ דרויסנדיקן קרייז. מנחם וויל דאָך אָבער אַריינדרינגען אין אייגענעם אינגעווייד, דערבליקן די אייגענע נקודה. ער וויל אָביעקטיוויזירן דאָס סאַמע סוביעקטיווסטע און ראַציאָנאַליזירן דאָס סאַמע איראַציאָנאַלע. ווי־זשע געשיקט זיך עס פּאַר די אייגענע האָר זיך אַרויסצושלעפּן פון „זומפּ״?

אָט־די פראַגעס שטעלן מיר דאָ איצט ווי „קאַלטע״ אָבסערוואַטאָרן און ס'איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז אויך מנחם האָט זיך געקאָנט שטעלן די זעלביקע פראַגעס. נישט מער ער איז געקומען צו אַנדערע אויספירונגען, ווי אַ דיכטער האָט ער מסתמא אָפּגעוואָרפן די „קאַלטע״ באַוואָרענישן און זיך פאַרנומען אויף דעם וועג, וואָס דאַרף פירן צום מענטשנס אינעווייניקסטער וועלט, וואָרעם סוף פּסוק איז דאָך דער מענטש די מאָס פון אַלעם „וואָס איז דאָ און נישטאָ״. אַ דיכטער גלייבט אינעם מענטש און נאָך מער אינעם מענטשנס וויזיע, וואָס גיט אים אַ זינען־אָנהאַלט אין לעבן. וויזיע, ווי דעם דיכטערס העכס־טער שאַפונגס־צושטאַנד, גיט אים קאָסמישע אַנונגען, וועלט־שפּירונגען, ממילא אויך מיקראָקאָסמישע אַנונגען, שפּירונגען פון זיין אייגענער „איך״־וועלט, פונעם עולם־קטן. מנחם האָט אין כּמעט אַלע זיינע ווערק זיך דיכטעריש פאַרמאָסטן דורך זיין וועלט־וויזיע זיך אַליין צו אַנטפּלעקן. דורך בילד פון דער וועלט, דורכן טראַגישן שיקזאַל פון זיין אייגן פאָלק און דורך זיין נאָענ־טער לעבנס־סביבה האָט ער כּסדר געזוכט דעם וועג צו זיך אַליין. אָבער אָט־די פאַרמעסטונגען האָבן אויך געהאַט אַ בומעראַנגישע פּעולה, אַ צו־ריקשטויסנדיקע ווירקונג. ער האָט זיין יחידישן שיקזאַל פאַרבונדן מיט דער אַרומיקער וועלט און ווידער האָט ער אין דער וועלט און לסוף אין דעם גורל פון דער יידישער וועלט געזוכט דעם אייגענעם גורל. אין דעם לעצטן צענדליק יאָר פון זיין לעבן האָט מנחם זיך גאָר נישט געקאָנט זען אָדער פילן מחוץ דער יידישער און אַפילו יידישלעכער גייסטיקער ספערע. וועלט־וויזיע פלוס פאָלקס־וויזיע איז ביי אים דערגאַנגען צו גאָט־וויזיע.

דאָס איז ביי מנחמען געווען נישט קיין קינסטלערישער קאַפּריז אין אַ וועלכן ס'איז פעריאָד פון זיין העכער פערציק יאָר שאַפן. דאָס איז בפירוש אַ לייט־פאָדעם, וואָס שלענגלט זיך איבער אַלע זיינע לידער, פּאָעמעס, דראַמעס און עסייען. אַלאַ־וואָס? — נישט אין אַלע צייטן איז דאָס ביי אים געקומען צום אויסדרוק אין אַ גלייכער מאָס. און אויך נישט שטענדיק איז דער אידעאישער פאַרנעם געווען דער זעלביקער, בפרט אַז מנחם האָט אַדורכגעמאַכט בולטע שאַפונגס־גילגולים.

ער איז געווען אַ דורכאויס רעליגיעזע נאַטור, ממילא איז ער געווען פול מיט זעלישן אומרו. ער האָט זיך פאַרמאַטערט מיט זיינע פּרואוון זיך קלאָר צו מאַכן די פּסיכישע שייכותן צום אַרום און צו זיך. אָן דעם איז פאַר אים אוממעגלעך געווען צו געפינען אַן אָנשפּאַר־פּונקט אין לעבן. בדרך־כלל האָבן אים באַאומרואיקט דריי לעבנס־שייכותן, פאַר וועלכע ער האָט אָן אויפהער געזוכט באַשייד: בין אדם לעצמו, בין אדם לחברו און בין אדם למקום. איך בין נישט זיכער, צי אָט דער סדר איז אַ ריכטיקער, ס׳האָט אויך געקאָנט זיין פּונקט אַ פאַרקערטער. ס׳איז נישט קלאָר, וואָס איז פאַר אים געווען וואָגיקער, קודמער. און אפשר זיינען ביי אים אַלע דריי געווען גלייכוואַרטיקע און ממילא גלייכצייטיקע אָן אַ מוקדם און אָן אַ מאוחר?...

אין ברייטערן פאַרנעם איז מנחמס ערשטער אַריינבליק־פּרואוו געקו־מען צום אויסדרוק אין זיין עפּאָפּיי „זאַוול רימער״, אָדער ווי ער באַצייכנט זי — „אַ כראָניק אין זעכצן קאַפּיטלען.״ „זאַוול רימער״ איז דערשינען אין יאָר 1923, אָבער טעמאַטיש איז ער שייך צו דער ערשטער וועלט־מלחמה, ד״ה אַ צייט פון איבער דרייסיק יאָר צוריק. דאָס זיינען נישט געווען קיין יאָרן פון פאַרבענקטער גאַטזוכעריי, און פאַרשאַרפטע נאַציאָנאַלע שיקזאַל־שפּירונגען. גיכער איז דאָס געווען אַ פּעריאָד פון יידישיסטישן קולטור־רענעסאַנס, ווען אַן עסיי, סקיצע, ליד און דראַמע האָבן פאַרטראַטן ס׳דאַוונען, און די קולטור־קלובן, אין וועלכע מ׳האָט געהערט אַ לעקציע און געזונגען אַ יידיש פאָלקס־ליד, האָבן פאַרנומען ס׳אָרט פון בית־המדרש און ליקווידירטע פאַרטייאישע „סכאָדקעס״. מ׳האָט זיך געכאַפּט, אַז מ׳האָט ביז דעמאָלט זיך צופיל געצערטלט מיט די אויסגעווייקטע לומדי תורה, זיך געקוויקט מיט שאַרפע פּשטלעך און אין גאַנצן פאַרזען דעם שפּרודלדיקן פאָלקס־קוואַל, פון וואַנען מען קען שעפּן אַ סך באַנייענדיקע לעבנס־כוחות. אַלעמען איז נאָכגעגאַנגען דער שיין פון י. ל. פּרצעס וואונדערלעכע „פאָלקסטימלעכע געשיכטעס״, וואָס האָבן אַנטפּלעקט פאַרבאָרגענע פאָלקס־אוצרות.

מנחם ווערט באַקאַנט ווי פּרצעס אַ תלמיד, וואָס פאַרבינדט ס׳יידישע מיטן אוניווערסאַלן. ער האָט געפּרואווט אויף אַן אייגענעם שטייגער גיין אין די פוס־טריט פון זיין רבין — אַרויסהייבן פון דער יידישער סביבה און דורך דער פּריזמע פון דעם יחידס איבערלעבענישן זען דעם כלל און ווידער דורך דער פּריזמע פון כלל זען — זיך אַליין. י. ל. פּרץ האָט זיך אַליין געגעבן אין „מאָניש״, דער באַלאַדע, וואָס אידעאַליזירט דעם עילוי אין פּוילן. אַנ־דערש איז עס מיט „זאַוול רימער.״ דאָ רעדט זיך שוין נישט וועגן אַן עלוי, וואָס זיין גרויסקייט צייטיקט זיך אין די ד׳ אמות של הלכה. שוין פון נאָמען אַליין איז צו זען, אַז מיר האָבן פאַר זיך אַ בעל־מלאכה, אַ מענטש וואָס שטאַמט

נישט פון דער לומדישער ספערע, נאָר גאָר פון אַ פּאַרגרעבטער סביבה, אַליין אַ יגיע־כפּוניק, וואָס פינצטערט אָפּ זיין לעבן אין וואַרשטאַט.

ער איז געווען ברייט און נידעריק אויף שווערע פּים,
און האָט געהאַט אַ קאָפּ געדיכטע קרויזן ווי אַ נעגער.
די נעגל פון די קורצע פינגער זיינען שוואַרץ געווען
פון אַרבעט ביי די כאָמוטעס אין זיין טאַטנס רימעריי.

דאָס איז ממש אַ קאָנטראַסט־בילד צו מאָנישעס פּאָרטרעט. אָבער זאָוול האָט זיין אייגענע צאַרטקייט, זיין באַזונדערן חן און אויפן קאָפּ — געדיכטע שוואַרצע קרויזן. זאָוול האָט זיין אייגענעם נשמה־געזאַנג, וואָס ער ברענגט געפּילפּול אַרויס אין באַהאַרצטע לידער באַגלייט אויף דער פידל. נאָך דער אַרבעט, אין די שפּעטע אָוונט־שעהן שפּילט ער אויס אייגענע „שטיקלעך". עס ווערט גיך באַקאַנט אויף דער גאַס:

אַז שלום רימערס זון, וואָס לעבן פישמאַרק,
מאַכט לידער מיט ניגונים און ער שפּילט זיי אויס אַליין.

און אויך זאָוול וועקט צו זיך באַוואונדערונג, אָבער נישט פון צניעותדיקע רביצינס און פרומע שכנות, נאָר פון פּשוטע אַרבעטס־מענטשן און דינסט־מיידלעך. מיידלעך שניידערקעס זיינען באַגייסטערט פאַר זיינע לידער און:

צעטראָגן איבער הייזער און עס איז אַוועק פון זיי
צו דינסט־מיידלעך אין קיכן און צו טעכטער באַלעבאַטישע.

אָבער וואָס פרעסט זאָוולען? וואָס איז זיין געמיט? וואָס וויל ער און וואוהין גייט ער? ער ווייסט אַליין נישט און געפינט נישט דערפאַר קיין באַצייכענונג. ער זאָגט:

עס ליגט אַ וואָלקן אויף מיין האַרץ
און ווערט גאָרנישט פאַרשוואונדן.
און קיינער זעט נישט, ווי עס פּליסט
דאָס בלוט פון מיינע וואונדן.

ובכן, דער „עפּעס" איז דאָ סינאָנימיזירט געוואָרן מיטן וואָרט „וואָלקן", וואָס פאַרשטעלט פאַרן אויג די בלוט־טריפנדיקע וואונדן. מ'דאַרף דעריבער געפינען אַ וועג דורכצורייסן זיך דורכן וואָלקן. דער אויטאָר העלפט זיך אַרויס מיט צעצווייען דעם דיכטערישן „איינס" מכלומרשט אויף אָביעקט און סוביעקט. „זאָוול רימער" איז מעטאָדאָלאָגיש געבויט אויף עפּיק און

ליריק. װעגן דעם, װאָס געשעט אַרום אים און אין אים, װערט על־פּי־רוב דערציילט עפּיש אין װײַסן פערז. דער אויטאָר שטייט מכלומרשט אין אַ זייט און באַמיט זיך מיט רואיק געמאָסטענע שורות װי אַ „װילד פּרעמדער" כראָניקער דערציילן װעגן דעם, װאָס „האָט זיך געטאָן פאַרלויפן." דורך אָט־דעם עפּישן ריטם װערט נישט בלויז דערציילט װעגן דרויסנדיקע פאַסירונגען, נאָר אויך װעגן די אינעװײַניקסטע רעאַקציעס. װען ער װערט אָבער שוין איבערגעפילט מיט טיף־יחידישע געפיל־אָנלאָדונגען, װאָס גייען אַזש איבער די ברעגעס, מוז ער זיך אויסלאָדן ליריש. און דעריבער איז די עפּאָפּיי פון מאָל צו מאָל אַדורכגעפלאָכטן מיט ריין יחידישער ליריק, מיט האַרציקע מאָנאָלאָגן. דערבײַ זײַנען אויך די לירישע מאָנאָלאָגן נישט פריי פון אַ באַשטימטן עפּישן עלעמענט. דער אויטאָר סטיליזירט זיי מיט אַ בכיװנדיקער פּשטות, װאָס זאָל זײַן אין כאַראַקטער פון דעם נאַאיװן, אינטעלעקטועל אומבאַהאָלפענעם רימער־בחור.

מנחם איז ליטעראַריש אויסגעװאַקסן אין אַ יידיש־פּױלישער סביבה און האָט זיך שפּעטער באַקענט צו אוממיטלבאַרע אײַנפלוסן, װאָס ער האָט באַקומען פון דער פּױלישער ליטעראַטור, דערהויפּט פון יאַן קאַספּראָװיטש. ער איז אָבער אויך נישט געבליבן גלײַכגילטיק צו אַדאַם מיצקעװיטש. פּױלנס גרעסטער דיכטער איז געװען באַגלייך עכט אין דער עפּיק („פּאַן טאַדעאוש") װי אויך אין דער ליריק („דזשיאַדי"). מנחם האָט באַװיזן האַרמאָניש צונױפצושמעלצן אָט דיביידע עלעמענטן פון פּאָעזיע.

דער סקעלעט פון דער עפּאָפּיי: דער האַרציקער רימער־בחור זאַװל — פון דער טבע אַ פאַרחלומטער און פאַרבענקטער — האָט אַדאַנק זײַן פידל־מײַסטערשאַפט זיך אַרײַנבאַקומען אין דעם שטאָט־גבירס הויז און איז מיט דער צייט דאָרט געװאָרן אַן אָנגעלײַגטער בן־בית. ער איז געװאָרן אַ שילער פון דער שיינער גבירישער טאָכטער בעקאַ, אין װעלכער ער האָט זיך „טויט־לעך" פאַרליבט. בעקאַ האָט װאַרעם אויפגענומען זאַװלס ליבע־געפילן, אים אַפילו אַרויסגעװיזן סימפּאַטיע, אָבער לסוף חתונה געהאַט מיט אַ גבירישן בחור אין אַן אַנדערער שטאָט. זאַװל איז געװאָרן לערער פון דעם יונג גביריש טעכטערל ליזע, װעלכע האָט אים אַרויסגעװיזן אַ סך פאַרערונג. פון דעם אומגליקלעכן ראָמאַן קומט זאַװל אַרויס אַ צעבראָכענער און שוין כסדר אַ צעקריגטער מיטן לעבן. ס'איז אַ ראָמאַן אַ שטילער אָן דרויסנדיקע עפעקטן, אָן רײַסנדיקע שייד־סצענעס; אַ שטומער נשמה־ראָמאַן פון װעלכן מ'גיט זיך אַפילו נישט אָפּ קיין חשבון. נאָך אָט־דעם דורכפאַל האָט זאַװל דערפילט אַ ליידיקייט אַרום זיך און נישט געפונען קיין געמיינזאַמע שפּראַך מיט די אַרומיקע שטוב־מענטשן. אַלץ טיף אין זיך אַדורכגעװייטיקט אין דער

שטיל. וואָס אַמאָל געוואָרן פאַרלוירענער, אָן ווילן און אָן האָפענונג. אַפּטמאָל געשאַרט זיך ביי די מויערן ווי אַ שאָטן. פלוצעם האָט ער אויס רחמנות חתונה געהאָט מיט חיה־ריוועז, זיינס אַ שוועסטערקינד, אַן אַלמנה, וואָס האָט געהאָט אַ קינד פון ערשטן מאַן. איז דאָס נישט געווען קיין אידעאַל פאַרפאַלקיש צונויפלעבן; ער האָט זי ממש געהאַסט. דערווייל איז בעקאס יונג שוועסטערל ליזע אונטערגעוואַקסן און האָט באַקומען וויבערישן רייץ. זי האָט זאַוולען אַנגעבאָטן איר ליבע, אָבער ליזעס מוטער און שוועסטער בעקא האָבן זי מיט כוח אָוועקגעריסן פון זאַוולען. דער געפילפולער רימער טרינקט אויס דעם בעכער ביטערנישן ביזן לעצטן טראָפן און פאַרבלייבט שוין אויפן גאַנצן לעבן אַ נישט־ניכטערער, אַ געפאַנגענער, אַ נישט־היגער... אַחוץ דער ברוטאַלער סצענע מיט חיה־ריוועז, איז ער תמיד אַ פּאַסיווער, אַ שאָטנדיקער, וואָס לעבט אין זיך מיט מטושטשע טראַכטונגען, שווייגט אַריין אין דער אייגענער טיפעניש, רעאַגירט נישט אויף קיין שום זאַך... דער ווייטערדיקער גאַנג פון די געשעענישן איז אָבער אַזעלכער, אַז ער פאַרוועבט זיך אין אַ געדיכטער נעץ פון אָפּהענטיקייטס־געפילן, געדאַנקען־קאָשמאַרן, פון וועלכע ער קאָן זיך שוין מער נישט אַרויסבאַקומען. בלויז אין דער בלינד־איבערגעגעבענער הילפס־אַרבעט אין לאַזאַרעט פאַר מלחמה־קרבנות, באַמיט ער זיך געפינען פאַרגעסונג...

אַלץ איז געבויט עפּאָפּייאיש אויפן יסוד פון ברייט־פערזיקן שפּראַכלעדזאַפטיקן סיפור המעשה וועגן מלחמה־גרוילוקייטן, שריפות, גירושים און פּאָגראָמען. דערביי קומט עפּעס אויס ווי דער אויטאָר באַמיט זיך זיין „כראָניק" צו בויען לויט אַ פאָלקסטימלעכן ריטם, וואָס פּשוטער, נאַקעטער, וואָרהאַפטיקער אָן ליטעראַרישע באַפּוצעכצן; ער פאַרהאַלט זיך אויך נישט ביי קיין בילד, גראַם, אַסאָנאַנס און מעטאַפאָר. דער אינהאַלט, ממשותדיקע געשעענישן און די טיף־זעלישע איבערלעבענישן זיינען דער — עיקר. אויסגעצאַצקעטע לידלעריי און מעטאַפאָרישע עפעקטן האַלט ער באַוון פאַר עבודה זרה... טאַקע אין טיף־יידישן נוסח.

זאַוול איז „געקנאָטן" ראָמאַנטיש און פאַרטראָגט נישט די פּראָזע פון לעבן. ער איז אויך נישט מסוגל צו קעמפן מיט די כסדר אויפקומענדיקע קאָנפליקטן; ביים ערשטן צוזאַמענשטויס מיט דער וואולגאַרער ווירקלעכקייט קאַפּיטולירט ער און אַנטלויפט באַלד. זיין גאַנץ לעבן איז איין שטיק שאָטנהאַפטיקע נע־זנדיקייט. ער איז עלנט אין זיינע ווייטיקלעכע דערפאַרונגען, און פונדעסטוועגן קאָקעטירט ער נישט מיט זיין מאַרטירערשאַפט. אין תוך איז „זאַוול רימער" אַן אינטים־בלהשדיקער שמועס פון אַ גייסטיקצעפייניקטן מענטש מיט זיך אַליין. זאַוול איז אַ קאָנטעמפּלאַטיווע נאַטור,

וואָס איז מער מסוגל צו גריבלען זיך איידער האַנדלען. דער „שמועס" זאָל העלפן אַדורכרייסן דעם געדיכטן וואָלקן. צי איז אָבער דאָס פּראָבלעם געלייזט? צי איז לסוף פון דער — אַזוי צו זאָגן — דיאַלעקטישער „כראָניק" דער וואָלקן געוואָרן שיטערער? ס'פּראָבלעם איז אַוודאי נישט געלייזט, אָבער מיט אָט־דער „כראָניק" איז דער דיכטער אַריינגעטראָטן אויף אַ שטיקל ווייטער אין לאַבירינט און די וואונד געמאַכט טיפער... דער אומגינציקער סוף איז פאַר זאַוולען נישט געקומען אומדערוואַרט. ער האָט תמיד געוואַרט, אַז ס'זאָל קומען דאָס גרויסע פיינלעכע, וואָס וועט ווען עס איז אין ווייט־ווייטן מאָרגן ערגעץ אין דער טיפעניש אויפליכטן מיט אַ דערלייזערישן אמת...

דאָס איז אָבער אַלץ אַ רייד וועגן דיכטערישן לעתיד לבוא. דערווייל מוז זיך זאַוול אַליין טוליען מיט זיין ווייטיק, וואָס ווערט כסדר שאַרפער. ער וויל זיך נישט נאַרן מיט יאָגן זיך נאָכן פאַרבייגייענדיקן „גליק", ווייל ס'פאַר־פירערישע מאָמענטאַלע „גליק" באַטייט — דער וועג פון זיך, וואָרהאַפטיקע יסורים און לייטערנדיקע בענקשאַפט באַטייטן דעם וועג צו זיך.

דו זאָלסט נישט גיין אַהין צוריק,
וואו ס'איז געוועזן פרייד און גליק.
נאָר אין דער בענקעניש זיך קערן,
וואו ס'איז געוועזן לייד און טרערן.

די „כראָניק" איז געהאַלטן אין אַ פאָלקסטימלעכער סטיל־גאַנצקייט און פאַרמאָגט אַ שטאַרק דראַמאַטישן עלעמענט. דער נוסח איז אין אַלגעמיין פרומלעך־זאָגעוודיק, דער כאַראַקטער און די הויפּט־מאָטיוון פון דער „כראָ־ניק" זיינען באַשיימפּערלעך אויטאָביאָגראַפישע.

מנחם האָט בכלל נישט קיין קינסטלערישע אַמביציע צו געבן גע־שטאַלטן — מעג עס זיין אַפילו ביבלישע אָדער היסטאָרישע — מיט אַ פאַר־טיק פּרצוף־פּנים. ער מוז זיי פּסיכאָלאָגיש פאַלמעסן כדי אויסצוגעפינען זייער אינעווייניקסטן סתירותדיקן באַשטאַנד. ער זעט דעם מענטשן קיינמאָל נישט קיין פאַרטיקן, נאָר אַ זיך תמיד ראַנגלענדיקן; ער דרינגט אַריין אין זייער פּסיכישער ירידה און אויפשטייג. נישטאָ קיין באַשטענדיקע אויסגע־פורעמטקייט. דאָס זעלביקע לאָזט זיך אויך זאָגן וועגן מנחמס ביבליש־דראַמאַטישע שפּיל „דער פאַסטעך דוד" (דערשינען אין יאָר 1932). מיר קענען אים ווי אַ קיניג מיט אַ פעסטגעשטעלטער מאַיעסטעטישער צורה, ווי דוד מלך ישראל חי וקים. מנחם באַווייזט אים ווי איינעם, וואָס האָט אין זיך אַ סך צו באַקעמפן, ווי נישט איין מאָל וויל ער לויז ווערן פון קיניגלעכן מאַנטל. ער וויל אין זיך איינשטילן דעם געדויש פון הירטן־בלוט און פון מאָל־

צו מאָל וויל ער פּטור ווערן פון דער גבורישער שטייפקייט. אים ציט דער בלויער הימל, וואָס הענגט איבער די בית לחמדיקע פעלדער. ער שטיקט אין זיך דעם באַפעלנדיקן געוועלטיקונגס־באַגער און לאָזט זיך בלינד פירן פון זיינע האַרציקע, וואַרעמע פאַסטעכישע באַגערן. דאָס הירטן־בלוט מאָנט ביי אים נאַטירלעכע פרייקייט פון אידיליע, שפּיל און טרויער און ציט אים אַוועק פון די כלערליי גבוריש־פירערישע שליחותן.

ניט קיין קיניג בין איך און נישט קיין גיבור,
אַן אָרעמער פאַסטוך, פון זיין פעלד גערופן —
אַ פּאַלק אין זיין בלוט פון קנעכטשאַפט דערלייזן.
נישט אויף מיינע אַקסל הענגט דער מאַנטל פון קיניג:
מאַכט און טויט, וואָס צום וואָפן מיר דינען —
זיי טראָגן דעם מאַנטל פון קיניג אויף זיך...

מנחם זעט דודן אין פאַרשיידענע לעבנס־סיטואַציעס, אין וועלכע ס׳קו־מען צום אויסדרוק דודס אימפּולסן. ער צעשלאָגט די לעגענדע פון אַן אי־דעאַלן דוד, וואָס לעבט כלומרשט אין אַ סביבה פון אידעאַלע מענטשן. מנחם רוקט אויך בולט אַרויס די סאָציאַלע באַדינגונגען, וואָס מאַכן טיפער דעם אָפּגרונט צווישן הערשער און באַהערשטע.

***

צען יאָר זיינען אָפּגעלאָפן זינט ס׳איז דערשינען „זאַוול רימער״ ביז ביי מנחמען האָט אָנגעהויבן רייף ווערן די אַלגעמיינע אידעע פון „גייער״. דער זאָטלער זאַוול האָט געהאַלטן אין איין בלאָנדזשען איבער אומוועגן מיטן איינ־ציקן אויסבליק צו געפינען דעם וועג צו זיך, ד״ה זיך קלאָר מאַכן די באַ־ציאונג בין אדם לעצמו. דער שמאָלער שטעג צו זיך האָט אָבער שפּעטער אין „גייער״, באין ברירה, זיך געמוזט אַריינשניידן אין אַ ברייטערן טראַקט, כדי צו געפינען דעם וועג צום אַרום, צו דער סביבה און ממילא — צו גאָט. דאָ האָט מנחם דערימעך זיך באַמיט קלאָר־צו־מאַכן די באַציאונג בין אדם לחברו.

ס׳איז זיך נישט צו באַפרייען פון געפיל, אַז אין „זאַוול רימער״ האָט זיך פאַרוואַלגערט אַ פּרצישער שפּליטער פון „וואָס אין פידעלע שטעקט״. זאַוול, דער פאַרחלומטער און זוכנדיקער פידל־שפּילער, איז אַ גייסטיקער ברודער פון יואל כליזמר, וואָס איז לויט פּרצעס באַצייכענונג: „אַ פאַרבענק־טער אייביק־זוכנדיקער״... אָט־דעם פּרצישן שפּליטער האָט מנחם ווייטער

איבערגענומען אין זיין גרויס לעבנס־ווערק „דער גייער". ווי אַ מאָטאָ פֿאַר אַלע נח מאַרקאָנס וואַנדערונגען און זוכענישן וואָלט געקאָנט גילטן יואל כּליזמרס ווידוי:

„... האָסט מיר אַ פֿאַרבענקטע נשמה געגעבן, אַן אומרואיקע, וואָס האָט, גלייך מיט נחס טויב, אין ערגעץ קיין רו נישט געפֿונען. — שטענדיק געזוכט, קיינמאָל נישט געפֿונען. און ווייסטו ווען זי האָט געזוכט, מיין אָרעמע נשמה? — דיך! נאָר דיך!"

מיט אָט דער פֿאַרבענקטער נשמה הייבט אויך נח מאַרקאָן אָן צו „גיין" דורך דער וועלט. דאָס איז נישט קיין „גאַנג" איבער דער וועלט, אַ כּלומרשט פֿלאַטערן אין דער הייכיקער ספֿערע פֿון פֿיקציעס, נאָר אַ באַרגיק און טאָליק שפּאַנען און קלעטערן, וואָס האַלט זיך נאָענט ביי דער ערדישער סביבה. ס'איז אַ וועג פֿון נאָכאַנאַנדיקן שטייגן און קייקלען זיך. דאָס שטייגן און נידערן האַלטן זיך אין איין אָפּוועקסלען אָבער אין אַ רעאַלער סביבה. — צי איז אַזוי אַרום נחס „גיין" אַן אַבסאָלוט רעאַלער פּראָצעס? צי ווערט אין „גייער" אַלץ דערפֿירט בלויז צו אַ דרויסנדיקערווירקלעכקייט, וואָס איז דעטערמינירט, דורך אַן אימאַנענטער מעכאַנישקייט? איז מעגלעך, אַז דאָרט, וואו מיר זוכן ניסים, איז אין אמתן גאָר — געזעץ? צי זיינען נישט דעריבער אונדזערע אַלע גלויבונגען און אַנטוישונגען, נאָר אַ שפּיל פֿון בלינדן צופֿאַל? — און אפֿשר איז גאָר די ווירקלעכקייט אין עצם אַן אַנדערע, און דאָס, וואָס מיר באַנעמען איז נאָר אונדזערס אַ דמיון? — ווי אַ פּראָטאָטיפּ פֿאַר נח דעם גייער האָט מנחם גענומען זיין אייגענעם פֿאָטער אהרן־נח, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ שווער לעבן מיט ראַנגלענישן.

דער עצם־פּראָצעס פֿון נחס גיין איז אַוודאי אַ דעטערמינירטער; נח ווערט געטריבן פֿון אינעווייניקסטן אומרו, פֿון גייסטיקער היימלאָזיקייט, וואָס לאָזט אים נישט אין ערגעץ זיך פֿאַראַנקערן. וואָרן אַלץ, וואָס אין דער וועלט „גייט", איז באַהויכט מיט באַגער צו שלימות. דעם מענטשנס עולם־קטן איז מסוגל זיך צו בויען נאָר אויף דער שטענדיקער לעבנס־פֿליסיקייט, וואָס דאַרף לויטן חסידישן באַנעם דערפֿירן צו געאָנטער צדיקישער הויכקייט. דאָס שטיין־בלייבן אויף אַן אָרט פֿאַרשטייפֿט און מאַכט דעם מענטשן זינקען; דער „מהלך" שטייט העכער פֿון דעם „עומד". איז דאָס נישט בלויז אַ יידיש נאָר אויך אַן אוניווערסאַל פּראָבלעם. אָבער מנחם פֿירט נחס „גענג" נישט בלויז דורך אַ יידישער סביבה, נאָר געפֿינט אויך פֿאַר זיין אידעאישן אויס־בליק — אַ יידיש־פֿילאָזאָפֿיש לבוש גענומען פֿון חב"דיש־חסידישע ספֿרים. ווי אַ מאָטאָ פֿאַרן „גייער" שטעלט מנחם אַוועק די רייד פֿון ליובאַוויטשער ר' שניאור זלמן: „הנה ידוע ליודעים טעמי דקרא מאי דכתיב כי שבע יפול

צדיק וקם ובפרט שהאדם נקרא מהלך ולא עומד וצריך לילך ממדרגה למדרגה״ (די וואָס קענען דורכדרינגען, פאַרשטייען דעם זינען פון פסוק, אַז זיבן מאָל פאַלט דער צדיק און שטייט אויף, בפרט נאָך, אַז דער מענטש הייסט אַ גייער און נישט קיין שטייער און דאַרף גיין פון מדריגה צו מדריגה). ס׳קומט דעריבער אויס, אַז דאָס גיין און קלעטערן איבער שטאָק און שטיין איז אַ וויטיקלעכע פּריווילעגיע פון די, וואָס זיינען אויסדערווײלט אָדער אפשר גאָר פאַרשאָלטן געוואָרן פון גורל. זיי מוזן פאָלגן דעם אומבאַדינגטן אימ־פּעראַטיוו, פון וועלכן ס׳איז זיך באין אופן נישט אויסצובאַהאַלטן.

וואוהין גייט ער ? — ער גייט איבער דעם מענטשנס אַלע געצעלטן, ער בלאָנדזשעט צווישן גרויס און קליין, ער דרייט זיך אַרום צווישן זאַטע און הונגעריקע, ער קומט אַריין אין בתי מדרשים און להבדיל—אין שענקען און בתי־זונות, ער פאַרברענגט צווישן לומדים און עמי־הארצים, צווישן נכבעים און בונטאַרן,ער טאָגט צווישן צדיקים און נעכטיקט צווישן רשעים.

וואָס זוכט ער ? — ער זוכט אומעטום דאָס שיינע, ערלעכע דערהויבענע און הייליקע, וואָס האָט אַ שם הכולל — גאָט. ער זוכט גאָט נישט אין די הימ־לען, נאָר אויף דער דורכגעבלוטיקטער, זינדיקער ערד, אין מענטשלעכע טאָטן און באַשטרעבונגען. און לאָמיר שוין אין נחס נאָמען ווייטער אויפקלערן מיט פּרצעס רייד — „זי האָט דיך געזוכט אין וואַלד און פעלד, געבלאָנדזשעט נאָך דיר איבער בערג און טאָלן — אין יעדן שטראַל, אין יעדער פאַרב — אין יעדן טיפערן אויג...״

קאָן מען אָבער דאָס באַטראַכטן פאַר ריינעם רעאַליזם ? צי לאָזן זיך נחס נויט־איבערלעבענישן, פּרנסה־וואַנדערונגען, טאָג־טעגלעכע פּלאָגענישן, פילאָזאָפישע חקירות און אמונה־לעכצענישן דערפירן צום באַגריף פון בלויז סאָציאַלן רעאַליזם ? אמת, דער „גייער״־רעאַליזם איז אָנגעפּיקעוועט מיט גרויע לעבנס־פּרטים, דערצו זיינען אַ סך פאַסירונגען געבויט אויף באַשטימטע — צומאָל קולטור־היסטאָרישע — עטאַפּן פון יידיש־נאַציאָנאַלן לעבן. פונ־דעסטוועגן איז דאָס אַן עפּאָס, וואָס האָט איבער זיך צו הויכע האָריזאָנטן, אַז ער זאָל זיך לאָזן אַריינפּרעסן אין דער אָנגענומענער רובריק פון נאַאיוון רעאַליזם.

דער נאַאיווער רעאַליזם סיי אין דער פּלאַסטיק סיי אין דער ליטעראַטור באַנוגנט זיך בלויז מיט קאָפּירן די דרויסנדיקע וועלט. איז דאָס טאַקע אַ פּרימיטיווער באַנעם, וואָס דריקט זיך ניט איין טיף אין דער סענסיטיווקייט פון קונסט־געניסער. דער איינדרוק איז על־פּי־רוב אַן אויבנאויפיקער, אַ פאַרבייגייענדיקער. דער קינסטלער אָבער לאָזט זיך נישט פאַרשלינגען פון דער דרויסנדיקער וועלט, פון דער אָביעקטיווערווירקלעכקייט. ער

װערט נאָר דורך איר אָנגערעגט; ער נעמט אין זיך אויף בלויז אירע גרונט־עלעמענטן, כדי פון זיי ערשט אויסבויען די נייע װעלט, זיין אייגענע װעלט. די עובדא פון קינסטלער איז דעריבער — אין די ראַמען פון זיינע יכולתן — אויסצוגעפינען די שלימותדיקע פאָרם פאַר דער אייגענער װיזיע, װייל אין דער קונסט דעצידירט נישט דער מאָדעל, נאָר די שאַפערישע פאַנטאַזיע. דורכאויס גערעכט איז שאַרל באָדלער, װען ער זאָגט, אַז די מאָלער, װאָס האַלטן אין איין קאַפּירן די נאַטור, טאָרן נישט פאַרגעסן, אַז פאַר אַ קינסטלער מיט אַ שאַפערישער פאַנטאַזיע האָט די נאַטור די זעלביקע באַדייטונג, װאָס אַ װערטערבוך. אין אַ װערטערבוך זוכט מען געװיינלעך דעם באַטייט פון װערטער, עטימאָלאָגישע װאָרצלען, מ׳געפינט דאָרט אויך אויס די באַשטאַנד־עלעמענטן פון אַ זאַץ. קיינעם װעט אָבער נישט איינפאַלן צו באַטראַכטן דאָס װערטערבוך פאַר אַ קאָמפּאָזיציע אין פּאָעטישן באַטייט. דער קינסטלער, װאָס פאָלגט נאָך דעם רוף פון זיין כוח הדמיון, װעט אין װערטערבוך זוכן נאָר די עלעמענטן, װאָס פּאַסן צונויף מיט זיין קאָנצעפּציע.

אויפן ערשטן אויגנבליק קאָן זיך אפשר אויסדוכטן, אַז דער רעאַליזם פון „גײער" איז אַ נאַאיװער. דער גאַנג פון די פּאַרקומענישן גיט מנחם איבער װי װייט מעגלעך נאָענט צו דער „אָביעקטיװער" װירקלעכקייט. ס׳רוב געשעט טאַקע אין באַדינגונגען און אומשטענדן, װאָס לאָזן זיך קאָנטראָלירן סיי דורך די חושים און סיי דורכן שכל. ס׳געשעט נישט קיין שום איבערנאַטירלעכס. אָבער, װען מ׳װערט נאָר אַ ביסל היימישער אין דער „גײער"־אַטמאָספער, הייבט מען אָן דערשפּירן, אַז דאָס איז נישט קיין רעאַליזם לשם רעאַליזם. אמת, דער גאַנג פון די געשעענישן שפּרייזט נישט אַריבער די גרענעץ פון דרך הטבע, אָבער איבער אַלעם שװעבט אַ גייסט, װאָס װייזט נישט אויס צו האָבן װאָרצלען אין די טאַטן. פאַרקערט, גיכער האָבן די טאַטן זייער שורש אין דעם גייסט, װאָס שװעבט איבער זיי. אין דער איצטיקייט פון „גײערס" רעאַלע פּאַסירונגען, װאָס זיינען פאַר אים אַ קייט פון שװערע נסיונות, איז שוין דיכטעריש איינגעװעבט דאָס נאָך נישט געקומענע. ס׳הויערט כסדר די װיזיע פון מאָרגנדיקן... בפרט אַז נח איז אַ „ערד־ און הימל־בינדער". אַקוראַט װי עמעץ האָט געשריבן װעגן דער יאַגד־סצענע אין אַדאַם מיצקעװיטשעס „פּאַן טאַדעאוש", אַז אין דעם האָרן־שפּיל פון די יעגער האָט מען שוין געהערט דעם האַליקן געיאָמער פון דער חיה, װאָס דאַרף ערשט פאַרװאונדיקט װערן. אין דער קעגנװאָרט איז שוין אָנגעדייט די צוקונפט. פון אָט־דעם איינדרוק קאָן זיך דער „גײער"־לייענער נישט באַפרייען אַפילו אויף קיין איין מינוט. מיט דעם איז אויסגעפילט דאָס גאַנצע װערק; דאָס איז די אינעװייניקסטע מוזיק פון דעם אָריגינעל־פּאַרמאַסטענעם

עפּאָס. מנחמס דיכטערישער כמו־רעאַליזם וועט אפשר נישט געפינען קיין נאָרם און געזעץ אין דעם אָנגענומענעם שולחן־ערוך פון פּאָעטיק. ער איז אָבער אין הסכם מיט מנחמס דיכטערישער קאָנצעפּציע. ווארעם ער האָט אויפגענומען די ווירקלעכקייט עלעמענטן און זיי געגעבן אַזיל־רעכט ביי זיך, אין דער אייגענער פאָרם, וואָס דרינגט אַרויס פון דער אייגענער שאַפערישער וויזיע. איז דאָס אַ כמו־רעאַליזם, וואָס זוכט די מיסטעריע פון זוניקן טאָג און ס׳ליכט פון דער פינצטערער נאַכט...

צו מנחמס כמו־רעאַליזם לאָזט זיך אפשר געפינען אַ שליסל אין די ערשטע פיר לידער פון זיין פערט קאַפּיטל — „שלום״. דאָרט שפּאַלטן זיך נחס אויפנעם־מעגלעכקייטן, און ער הייבט אָן זיך וואַקלען צווישן חלום און וואָר. עס קלעקט שוין נישט די „באַשיימפּערלעכע״ ווירקלעכקייט, וואָס געוויינטלעך מ׳נעמט אויף מיט די חושים און געדאַנק. ער זוכט דערימעך אָן אינטואיטיוון אַריינבליק אין דער אייגענער פּנימיתדיקער לאַבאָראַטאָריע, כדי אויפצונעמען דעם פאַינאָומענאָן, מוז מען קאָנען אָנען דעם נאָומענאָן; דאָ איז ווייניק טאָג־טעגלעכע דערפאַרונג, מען דאַרף זיך אַרויסהעלפן מיט רוח הקודש. מען מוז זיך דערגראָבן צו דעם צווייטן, טיפערן „איך״, וואָס דאַרף באַשיינען די טונקלקייטן. אַזוי אַרום בילדן זיך אויס דו־פּרצופן.

יאָ, עפּעס האָבן מיר דאָך געהאַט אַ „סלוך״ וועגן דעם באַגריף „מגיד״, וואָס אַנטפּלעקט זיך דעם קאָנטעמפּלאַטיוון מענטשן, איז אים מגלה סודות און גיט אים באַשייד פאַר אַלע לעבנס־רעטענישן. זיין קומען אין רעזול־טאַט פון דעם מענטשנס אינעווייניקסטער זעלבסט־לייטערונג. אַזוי האָט עס אַמאָל אויף זיין שטייגער געזען דער תנא ר׳ אליעזר בן יעקב און עס אַרויסגעבראַכט אינעם „פּרקליט״, וועלכן דער מענטש איז פאַר זיך קונה דורך מעשים טובים. אָבער שענער האָט עס אַ סך שפּעטער אַרויסגעפירט ר׳ יוסף קאַרו (לויטן ספר „מגיד מישרים״). במשך פון פערציק יאָר האָט דער „מגיד״ (פּתרונדיקער זאָגער אָדער אָנזאָגער) מיט אים גייסטיק געלעבט און מיטגעווירקט. דער „מגיד״ דאַרף פאַרשטאַנען ווערן ווי אַן „אַלטער עגאָ״ און אפשר גאָר ווי אַ „סופער־עגאָ״, וואָס זאָל פירן דעם זיין צום באַוואוסטזיין. נחן איז ענג אין דער רעאַלער וועלט, ער זוכט אין זיך דאָס אירעאַלע.

זאָל אָנקומען דאָס קול פון דריטן פון זיין זאָגער,
וואָס דאַרף זיך רופן: שלום. אָט איז אַ נסיון דאָ פאַר אים,
און אויב ער דאַרף אים פירן, שלום, זאָל ער קומען איצט
און פירן!

שלום דאַרף פירן; שלום איז דער טיפּערער נח, ממש ס׳זעלביקע קול.

נאָר ווען דאָס קול דערהערט זיך, איז עס שטיל און אייגן,
אַזוי געלײַטערט אייגן, אַז מען קען די אייגנקייט אַפילו
נישט אָנטאַפּן.

און ווײַל דאָס קול איז אַן אייגנס, אַ סובלימירט נחדיקס, וועט עס אים נישט פירן איבער יענע וועלטיקע רעגיאָנען, נאָר איבער ערדישע היימישע געצעלטן.

— — — — — — — דאַרפסט גיין,
צו מענטשן גיין און צווישן מענטשן, און אין זיי, דורך זיי
דערקענען וואָס דו זוכסט...

***

מנחם האָט דעם „גייער" געשריבן במשך פון ניין יאָר, ד"ה פון יאָר 1933 ביזן יאָר 1942. זײַנען דאָס געווען די סאַמע ביטערסטע און בלוטיקסטע יאָרן אין היסטאָרישן לעבן פון אונדזער פאָלק. אַ צײַט, ווען יידן אין אייראָפּע זײַנען אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט פלאַמען. אמת, מנחם איז איבער אָט־דער צײַט געזעסן אין ניו־יאָרק און איז נישט געווען אוממיטלבאַר באַדראָט. אָבער ס׳איז נישט קיין שום ספק, אַז ער האָט אין „גייער"־עפּאָס געשריבן אין דעם אָפּשײַן פון די טרעבלינקע־פלאַמען. ס׳איז דערימעד פאַרשטענדלעך, אַז די יידישע שפּירונגען זײַנען ביי אים דעמאָלט פאַרשפּיצט געוואָרן. אין קאָן איז דאָך געשטאַנען דער קיום פון דער יידישער אומה; מ׳האָט זיך פון אַלע זײַטן געזען אַרומגערינגלט מיט וועלף.

דער דיכטער זעט פאַר זיך אַ גרויליק בילד. די וועלט איז אָנגעפילט מיט רשעות, דער מענטש האָט פאַרלוירן דעם צלם אלוקים, אַלץ זינקט אין טומאה. ציוויליזירטע פעלקער זײַנען געוואָרן צעחיהט, בלוטדורשטיק. אפלא והפלא, אַלע שטילן זייער דאָרשט מיט יידיש בלוט. פאַרוואָס געשעט עס אַזוי? פאַרוואָס האָט מען זיך גראָד געוואָרפן אויף יידן? פאַרוואָס זײַנען דווקא מיר דער וועלט־קרבן? צי נאָר דערפאַר, ווײַל מיר זײַנען פיזיש די שוואַכסטע? — ניין. די רוצחיש־גאָטלאָזע וועלט לאָזט אויס דעם ווילדן כעס אויף איר קעגנזאַץ, אויף גאָטס פאָלק, וואָס שוין מיט זײַן עקזיסטענץ גופא פאַרלייקנט עס דעם טריפענעם זכות הקיום פון די געצנדינערישע וואָטאַן־האָרדעס. ס׳מלכות־שדי ווערט געוואָרגן דורכן בלוטיקן מלכות הרשעה. דאָס איז לעסטערונגס־מאָרד. ס׳ראַנגלען זיך צוויי וועלטן — אַ

מאָראַליש־צעפּרעסענע, פּינצטערע, אומגלויביקע וועלט מיט אַ וועלט פון אמונה, בטחון און קדושה.

אונטערן רושם פון די ווייטע ידיעות וועגן דעם מיידאַנעק־גיהנום, ווען דער ווייטיק האָט שאַרף געצוויקט, האָט מנחם יעדעס מאָל רעאַגירט פּובליציסטיש, און שפּעטער אויך מיט אַ פּאָעמע „פּרץ״. דאָס זיינען געווען אומ־מיטלבאַרע רעפלעקסן, ווייטיקפולע אויסגעשרייען, הילפלאָזע צײַנקריצעניש. אין דער טיפעניש האָט ער אָבער געשפּירט אַ נייטיקייט פאַר זיך אַליין צו מאַכן קלאָר זיין יידיש וועלט־געפיל, פאַרשטיין די ראָל פון יידישן פאָלק אויף דער וועלט און באַנעמען די ישראל־טראַגעדישע ראָל פון יחיד אין זיין פאָלק. ער איז אַריינגעטראָטן אין זיך, אויפגעפרישט די ידיעות און זכרונות פון די שוין אָפּגעלעבטע יאָרן, איבערקאָנטראָלירט די אייגענע און פרעמדע אַמאָליקע און היינטיקע גלויבענישן, באַרופנקייטן, אַנטוישונגען און צווייפלענישן. ער האָט אין זיך אויפגעלעבט די סביבה, פון וועלכער זיין זיידע, טאַטע און ער האָבן איינגעזאַפּט געדאַנק־ און געמיט־שטייגער און לסוף האָט ער מאָביליזירט אין זיך גייסטיק אַלץ, מיט וועלכן די לעצטע דריי דורות האָבן געאָטעמט. מנחם האָט נאָר באַוויזן אויפצושרייבן ניין קאַפּיטלעך פון „גייער״, וואָס נעמען אַרום דעם צייט־אָפּשניט פון יאָר 1840 ביזן יאָר 1881. לויטן לכתחילהדיקן פּלאַן האָט ער געזאָלט איינשליסן אין דער פּאָעמע קיילעכדיקע הונדערט יאָר. די ווייטערדיקע זעכציק יאָר זיינען נאָר כראָנאָלאָגיש געבליבן הענגען אין דער לופטן, וויל וויזיאָנעריש זיינען שוין אין ערשטן קאַפּיטל איינגערייפט די שיקזאַלהאַפטיקע כנסת ישראל־שפּירונגען פון יאָר 1940. אין פינף און דרייסיקסטן ליד רעדט זיך וועגן „אַ פאָלק, וואָס איז הפקר און געשלאָגן.״

די גייסטיקע סביבה, אין וועלכער נח וואָרצלט, איז אַ טיף־יידישע; זי לעבט נישט ווינציקער מיט דער אַנונג פון דער אַרומיקער וועלט, איידער מיט דער וועלט גופא. זי שעפּט חכמה נישט בלויז פון דער גאַס און מאַרק, נאָר אויך פון די געפּאַקטע ספרים־אַלמערס און דאָס זיינען ספרים־אַלמערס פון יידיש־לומדישע שטובן. ס׳איז אַ רייד וועגן „מורה נבוכים״, „הכוזרי״, רבינו בחיי, „זוהר״, חסדאי קרשקס „אור השם״, תשבי, ר׳ יוסף קארו, וועגן קבלה, חכמה עילאה, מלכא קדישא, מטרוניתא, גבורה, תפארת, רזי דרזין, שפּעטער וועגן ווילנער גאון, משה מענדעלסאָן, נחמן קראָכמאַל, בעל־שם־טוב, ר׳ אלימלך ליזשענסקער, ר׳ נחמן בראַצלאַווער, „תניא״, ריב״ל, פּרץ סמאָלענסקין אאַז״וו. די געלייפיק ציטירטע נעמען, ספרים און באַגריפן גיבן אַ לערכדיקע פאַרשטעלונג וועגן טעאָרעטישן מיסטיש־פילאָזאָפיש

עטישן שטאָף, וואָס איז פאַראַרבעט געוואָרן אין דעם נײַן־קאַפּיטלדיקן עפּאָס, וואָס האַלט מער פון פינף הונדערט זײַטן.

„זאַוול רימער״ איז באַצייכנט ווי אַ „כראָניק״, דער „גייער״ ווידער האָט אַן אונטערקעפּל — „קאַפּיטלען פון אַ לעבן״. דאָס זאָל ווידער הייסן, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיטן לעבן פון אַ יחיד. און הגם די געשעענישן נעמען אַרום אַ צייט־אָפּשניט פון פאַר מנחמס געבורט, איז זיך פונדעסטוועגן נישט שווער משער צו זײַן, אַז דער גרונט־תוכן איז אַן אויטאָביאָגראַפישער. נחס גאַנג איבער דער וועלט איז לפנים אַן אײַנזאַמער, אָבער אין דער אמתן גייט ער נישט אַליין. מיט אים גייט בײַנאַנאַד מנחם ווי אַ דיכטערישער רואה ואינו נראה־דיקער מדריך. דאָס גייט אַ נײַער זישא אַניפּאָלער אַפּריכטן גלות און דער רבי ר׳ אלימלך גייט אים נאָך באַהאַלטן אין שאָטן... נחס גאַנג איז נישט אויסגעפּילט בלויז מיט אוממיטלבאַרע אַנטפּלעקונגען, נאָר אויך מיט חקירהדיקע גריבלענישן. צום אמת דערשלאָגט מען זיך אויף אַ פּעריפאַ־טעטישן אופן.

נח נעמט זיך פאַר צו שפּאַנען איבער דער וועלט אַן אומבאַפּלעקטער. ער איז און באַפעלט זיך גופא ווײַטער צו זײַן און פאַרבלײַבן ריין פאַר זיך, ריין פאַר דער סביבה און ריין פאַר גאָט. און דאָס „גיין״ ליגט נחן ממש אין בלוט. נאָכדעם ווי זײַן מוטער איז געשטאָרבן אין קימפּעט, האָט דער נײַנצנ־יאָריקער שניפּישאָקער טאַטע אײַנגעהילט ס׳נח־עופהלע אין אַ זאַק און זיך געלאָזט איבער דער מדינה. און ווען ס׳קינד צעוויינט זיך פּלוצעם:

נעמט ער אַרוים ס׳קינד פֿון זאַק
און זעצט זיך אַוועק ביים וועג אויף אַ פּניאַק
און גיט אים אַ ריטל אין האַנט פֿאַר אַ שפּילכל
און ווייקט פֿאַר אים ווייסע חלה אין מילך.
אַזוי אויפֿן פֿאָטערם קאַרק אין אַ זאַק
איז נח אַוועק מיטן ערשטן טראַקט.

פון דעמאָלט אָן האָט ער אין זיך אײַנגעאָטעמט דעם וואַנדער־לוסט, דעם שטענדיקן אומרו.

לאָמיר גיין כסדר. די לעבנס־פּאָזיציעס, וואָס ער האַלט אין איין פאַר־נעמען און פאַרלאָזן, זײַנען דורכאויס יידיש, אויסגעפּילט אינגאַנצן מיט יידיש געמיט. זיי גיבן אים יידישן באַנעם און יידישן אויסבליק. אָבער אַזוי גיך ווי ער קומט אויף אַ נײַ אָרט און באַקאַנט זיך צו־ביסלעך מיט דער סביבה, הייבט אים אָן צו ווערן ענג און שטיקנדיק. — אויפן קוק איז נח

אַ גראָשנדיק רויטהאָריק פאַרשוינדל, אַ נעבעכדיק מדינה־יידל, מיט אביוני־שע רגילותן, וואָס האָט אָבער גייסטיקן שטאָלץ פון אַ ריטער. ער ווייזט לגמרי נישט אויס צו שטיין העכער פון זיין סביבה; ער שטייט דווקא אין דער זייט און קוקט זיך אַרום היגטערוויילעכץ. גראָד אין דעם לפנים טאָג־טעגלעכן גרויען מענטשן איז פאַראַן אַ ברענענדיקער באַגער צו פסיכישער לייטערונג און עטישער גרויסקייט. ער וויל נישט אָקצעפּטירן די קרומקייט פון דער וועלט און קאָן אויך נישט מושוה־ווערן מיט דער אייגענער אָפּגעשטאָנענקייט. באַלד נאָך נחס חתונה פאַרלאַנגט פון אים דער טאַטע, אַז ער זאָל זיך גרייטן ווערן אַ רב, אָבער נח וויל וועגן דעם נישט הערן. ער וויל נישט פּסקענען, ווייל דאָס וואָלט באַטייט, אַז ער האָט שוין גענוג געלערנט און קאָן שוין מאַכן אַ גרענעץ צו זיין וויסן:

נח: „ווער ס׳נעמט זיך פּסקנען
דאַרף וויסן, דאַרף אַ גרענעץ האָבן צו זיין וויסן.
איך וויל קיין גרענעץ נישט. כ׳וויל לערנען.

פּאָטער: אַלע לערנען.

נח: נאָר די וואָס פּסקנען האָבן זיך אָפּגעשטעלט.
זיי לערנען אויף צוריק. און איך וויל לערנען ווייטער.״

אַ מענטש, וואָס וויל ניט זיין קיין פוסק, נאָר אַ לומד, גיט זיך אָפּ אַ חשבון וועגן זיין נישט־גרייטקייט צום לעבן און נאָכמער זיין נישט־גרייטקייט צו אורטיילן וועגן לעבן. נח איז קיינמאָל מיט זיך נישט פאַרטיק. נח וויל לערנען, נח וויל פאָרשן, נח וויל גיין, נח וויל שטייגן...

ער הייבט אָן ווערן מאַטעריעל זעלבשטענדיק; ער ווערט אַ משכילישער מלמד, לערנט מיט די תלמידים לשון־קודש, דקדוק און תנ״ך. ס׳איז דאָ אַ האָפענונג צו האָבן דערפון חיזנה פאַר זיך און זיין הויזגעזינט. אָבער ס׳איז אים עפּעס נישט צום האַרצן... עס קומען אויף מחלוקתן צווישן אים און די אַלטפרענקישע מלמדים. ער באַקומט גאָר הילף פון אַ גביר. דאָס איז אים דערווידער; ער וויל זיך נישט בייגן פאַר רשעות, ער וויל נישט, אַז צוליב אים זאָלן קבצנים באַקומען קלעפּ. ער ווערט אויס מלמד. פון אַן „אידעלן״ פאַך גייט ער שפּעטער איבער צו אַ „גרעבערער״ מלאכה — ער ווערט אַ שומר ביי געהילץ אין וואַלד. ער טרעפט זיך אַזוי אַרום צונויף נאָענטער מיט דער נאַטור און שווייגט אין זיך אַריין די סודות פון וואַלד.

אויפן האַלדז אַ פּייפל,
אין האַנט אַ דעמבענעם שטעקן,

אױפֿן קאָפּ אַ טוכענע היטל מיט דער דענקע אַראָפּגערוקט,
און דער ראָק אַרונטער די קני קלאַפּט אין די שטיװל —
אַ װעכטער אַזאַ האָט נאָך דער ברעג טײך נישט געזען.

ער נעמט אױף די קולות און „שמועסן" פֿון עופֿות און חיות. ער הערט זיך צו צו די „טענות" פֿון דער קראָ, פּלעדערמױז, שפּאַרבער, סאָװע, נאַכ־טיגאַל, קוקאַװקע, שװאַלב, פֿוקס, האָז, הונט אאַז"װ. אין זײן אײנזאַמקײט נעמט ער אין זיך שטום אױף די פֿרײד פֿון לעבן און דורך זיך אַלײן באַהעפֿט ער זײן רעיון מיטן סוד היצירה:

װײל מײן אײנציקער װעג צו דיר
איז דאָך איך אַלײן.

פֿון דער װאַלד־אײנזאַמקײט הײבט ער זיך אָן װידער צונױפֿמישן מיט מענטשן. ער גײט „מיט הפֿקר אַרום אים" און „מיט קדושה אין אים". ער װערט אַ גײער איבער ײדישע הײזער, טראָגט אַרום אױסצופֿלעטן אַ זיל־בערנעם זײגער מיט אַ קײט, מיט אַ כּתב אין קעשענע. ער שפּאַנט מבית לבית, פֿון שטוב צו שטוב, איבער גאַסן און אונטערגעסלעך, איבער קראָמען און שענקען, פֿאַלט אַפֿילו אַרײן אין בתי זונות. ער שטײט אַ פֿאַרשעמטער אין די שטובן פֿון גבֿירים, באַלמעלאָכעס, באַלעגאָלעס און מעקלער. ער פֿאַרהאַלט זיך מיט פֿאַרלעגנהײט בײ דער טיר, כּעני בפּתח. שטײט אױס באַלײדיקונגען און בזיונות, אַבי אַרױסצובאַקומען דרײ קופּערנע גראָשנס פֿאַר אַ גורל־שפּיל. אין די שענקען און די בתי זונות דערזעט ער זיך צװישן װאױלע ײנגען, הפֿקר־מענטשן, בלאַטע חבֿרה, װאָס שפּילן זיך בלוטיק מיט נחס אומבאַהאָלפֿנקײט און דלות. זײ איזדעקעװען זיך איבער נחן און דערפֿירן אים צו צײנקריצעניש. ער באַקומט זיך פֿון זײ אַרױס קוים אַ לעבעדיקער. שפּעטער האָט חבֿרה הפֿקר־ײנגען באַקומען געװיסנס־ביסן און כּדי אים מפֿיס צו זײן פֿאַרן שפּיכת דמים, װאָס זײ האָבן אים פֿאַרשאַפֿן, האָבן זײ אים אַי־בערגעשיקט אַהײם במתּנה אַ פּאַק שפּײזפּראָדוקטן. די אָרעמע שטוב איז פֿול מיט נױט, הונגער און קרענק, די פֿאַרחלשטע קינדער װאָלטן זיך ממש מחיה געװען מיט אַ ביסל געקעכץ. נחן איז אָבער די מתּנה נישט ניחא, ער קעמפֿט מיט זיך און שטײט בײ דעם נסיון. נײן, ער װעט דעם פּאַק נישט אָננעמען, ער װעט נישט נהנה זײן פֿון זאַכן, װאָס קומען פֿון רױב און זנות...

ס'איז נישט פֿון שדים. ס'איז נאָך ערגער װי פֿון שדים.
אַ כאַפּ געטאָן דעם פּאַק, אַרױסגעטראָגן װי אַ פּגר פֿאַרן טיר
און װי פֿון אַ פּגר זיך די הענט געװאַשן: כ'װעל עס מאָרגן אָפּטראָגן.

אָבער אין דער הפקר־וועלט זעט נח נישט בלויז שלעכטס, ער דערזעט דאָרט אויך אַ ביסל גוטס. אויף אַ דאָסטאָיעווסקישן שטייגער געפינט ער אויס צווישן די דעק־פאַרשווינען שיינע נשמות. זיי האָבן זיך דאָרט פאַרוואָלגערט; אַ גורל אַזאַ...

איז דאָס אַ „פאַך", וואָס האָט אים אַוודאי אַנגעשטעקט מיט לעבנס־חכמה. ער האָט דאָך געהאַט די מעגלעכקייט אַריינצודרינגען אין אומבאַקאַנטע ווינקעלעך פון געזעלשאַפטלעכן אָפּגרונט. אָבער דער דוחק אין פרנסה טרייבט אים ווייטער... ער ווערט אַ נאַמן ביי דער טאַקסע. עס שמעקט שוין מיט מענדעלעס גלופּסק. ער אַנטלויפט אָבער אויך פון דער נייער פרנסה, ווייל ער זעט איין, אַז „טאַקסע איז רויב". נח קאָן אין ערגעץ נישט אַנווארעמען קיין אָרט... פילאָזאָפיש גענומען איז נחס לעבן ווינציקער געבויט אויף זיין און מער — אויף ווערן. ביים אָפּשאַצן דערשיינונגען באַנוצט ער זיך מיט איין קריטעריע — גערעכטיקייט.

מנחם דערפירט אָבער נישט אַלץ בלויז צו פרנסה־זוכענישן און ריין־יחידישע איבערלעבענישן. ער גיט אויך דעם קולטור־היסטאָרישן הינטערגרונט פון דער אַטמאָספער, אין וועלכער ס'איז נחן אויסגעקומען צו לעבן און וואַנדערן. ס'איז שוין דערמאָנט געוואָרן, אַז היסטאָריש איז לכתחילה די פּאָעמע פאַרטראַכט אַרומצונעמען קיילעכדיקע הונדערט יאָר. אָבער מנחם האָט באַוויזן זי צו דערפירן בלויז ביזן יאָר 1881. אין אָט־דעם צייט־פאַרנעם איז ס'יידישע לעבן נישט געשטאַנען אויף איין אָרט; ס'האָט דורכגעמאַכט פאַרשיידענע גייסטיקע גילגולים. אַזוי אַז נחס וואַנדערונגען זיינען נישט בלויז פון איין פרנסה צו אַן אַנדערער, נאָר גייסטיקע וואַנדערונגען מעפּאָכע לעפּאָכע, פון שטרעמונג צו שטרעמונג, פון אידעאָלאָגיע צו אידעאָלאָגיע. דאָס איז געווען אַ היסטאָרישער צייט־אָפּשניט, אין וועלכן ס'אַלט־אַלטע יידישקייט, אַריינגעפּרעסט אין דעם אָרטאָדאָקסיש־פאַרגליווערטן לעבנשטייגער, האָט זיך גענומען אינטענסיוו באַנייען און לסוף אפילו אָננעמען פרעמדע לבושים. בכלל קאָן מען זאָגן, אַז דער 19טער יאָרהונדערט האָט אין יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע אַריינגעבראַכט מער דינאַמישקייט און היסטאָרישע געשפּאַנטקייט איידער די פריערדיקע צוויי הונדערט יאָר.

אָט־דער גייסטיקער באַנייאונגס־פּראָצעס האָט צוליב זיין אינטענסיווען טעמפּ אַריינגעבראַכט אין דער יידישער סביבה אַ ווייטיקפולן פּירוד־הלבבות. ס'איז באַוון נישט אַזוי לייכט זיך צו שיידן מיט איינגעוואָרצלטע ווערטן, וואָס זיינען געהייליקט געוואָרן דורך דורות יידיש־מאַרטירער־בלוט. ס'איז אָבער אויך שווער ווייטער צו פאַרבלייבן אין דעמפּיקער קעלער־לופט, ווען פון דרויסן רייסט זיך אַריין די זון דורך יעדער שפּאַרע. איז דעריבער

בײ די געצײלטע ראָמאַנטישע „נטורי קרתא“ (אין אײדלסטן זינען פון װאָרט) אױפגעקומען אַ באַרעכטיקטע מורא, אַז דער לױזגעריסענער שטראָם פון װעלטלעכקײט זאָל, חלילה, בײ אונדז נישט אָפּװישן דאָס עצמדיק ײדישע, אָן װעלכן מיר האָבן נישט קײן פּנים אױף דער װעלט. מנחם געהערט בײ אונדז צו די געצײלטע אײדעלע גײסטער, װאָס לאָזן זיך נישט בלענדן מיט „פּראָגרעסיװע“ פראַזן װעגן װעלטלעכקײט לשם װעלטלעכקײט. מיט דיכ־טערישן אומרו פּרוּװט ער אַרײנדרינגען אין פּנימיות פון די גײסטיקע פּראָ־צעסן, װאָס קרײציקן זיך אין ײדישן לעבן, אױסצוגעפינען װאָס איז פלאָם און װאָס איז אױסגערױכערטער קױל... דערבײ האָט ער תּמיד אין אױס־בליק דעם היסטאָריש־ײדישן װעלט־באַנעם, װאָס קאָן אפשר אָננעמען די אָדער יענע נײע פאָרם, אָבער טאָר באין אופן נישט געבראַכט װערן װי אַ קרבן אױפן מזבח פון אַ װעלכן ס׳איז נײעם „איזם“... „איזמען“ פאַרשװינדן, אָבער ײדישקײט איז אַ נצחיות.

***

נח איז אַ שטאַמיק קינד פון דער אָרטאָדאָקסישער ײדישקײט, װאָס איז אױסגעװאַקסן אין די בית־המדרש־װענט. די בית־המדרש־ײדישקײט איז אָבער במשך פון לאַנגע דורות געװאָרן אַרומגעװאַקסן מיט אַ סך שאָלעכץ װאָס דערלאָזט נישט דערשלאָגן זיך צום יאָדער. זי האָט פאַרלױרן דעם לעבנס־אָטעם און האָט אַלץ דערפירט צום פרומען אָפּהיטן די רודימענטאַרע מצוות מעשיות. אָט־די פאַרגליװערטע ײדישקײט, װאָס האָט אין זיך אַזױ פיל הײמיש געמיט און חנװדיקן שטײגער איז דערװײדער נחס באַװאוסטזײן, אָבער ער קען זי פון זיך נישט אַרױסטרײבן. פּרוּװט ער „אַרײנשמעקן“ אין אַן אַנדערן לאַגער — צו דער השׂכּלה. אָבער די השׂכּלה, װאָס איז אױפ־געקומען װי אַ װידערשטאַנד צו דער בלינדער אײנגעזעסנקײט און געדאַרפט אױפפרישן ס׳אַלטע, האָט גאָר אַװעקגעשטעלט אין צענטער — די דרױסנ־דיקע פאָרם. דער אָנגעהױכטער משׂכּיל האָט דערימעך אָנגעהױבן רעװאָלטירן קעגן דער השׂכּלה, װאָס איז פאַרמשכּנט בײ פרעמדע רעיונות, פרעמדע גלױבונגען און פרעמדע גוסטן. די השׂכּלה בלאָזט מיט קאַלטע װינטן, זי האָט נישט קײן ליבע פאַרן ײדישן פאָלקס־מענטש, פאַר זײן טראַכטונג און שפּראַך. װער װײסט װאו זי װעט נאָך אַמאָל אָנשפּאַרן. דער באַגרינדער פון דער השׂכּלה־באַװעגונג, משה מענדעלסאָן, האָט זיך אין גאַנצן אױסגע־טאָן פון ײדישער הײמישקײט און מוז לסוף פאַרלײקענען ײדישקײט. ער האָט „צװישן טלית און צלם אַ שלום געשפּינט“... די השׂכּלה איז געװיס נחן נישט צום האַרצן...

מער גערייצט ווערט נחס פאַנטאַזיע פון חסידות, וואָס איז צו אונדז נישט געקומען פון דער פרעמד, נאָר אוממיטלבאַר אַרויסגעוואַקסן פון יידישן פאָלקס־געמיט. זי האָט פאַראייניקט די הויכע זעאונגען פון „זהר" מיטן געמיט פון פשוטן יידישן פאָלקס־מענטש. חסידות האָט אין דער אמתן באַנייט די אַלטע יידישקייט, זי אויפגעפרישט און באַזאַפטיקט. אָבער, ווען נח, דער „ליטוואַק", שיפט זיך אַריבער דעם בוג און קומט קיין קאָנגרעס־פוילן, אין דער מדינה פון צעזונגענער חסידות, ווערט ער אַ קאַפּיטשקע מבולבל... ער האָט מיט די אייגענע אויגן דערזען די ביטערע ירידה פון קלאַסישן חסידות. ס'איז גאָרנישט געבליבן פון דער בעל־שמישער דערהויבנקייט; איצט קוויקט מען זיך מיט אויסגעטרוקנטע צדיקיסטישע רעשטלעך. אַמאָל איז אויך אין פוילן און אוקראַינע געווען לויטער חסידות פול מיט מסירת־נפש און אהבת־ישראל.

בײם בראַצלאַווער — אַן אַפּגעריסענער בעל־תפילה,
דער ייד פון פשיסכע שענקט אוועק אַן אָרעמאַן דאָס העמד,
וואָס דער לובלינער האָט געגעבן אים לכבוד שבת;
דער קאָצקער אין צעריבענעם שפּענצער צעטרייבט מיט קללות
די קוויטל־ברענגער.

היינט איז דער רבי אַ פאַלשער בעל־מופת, אַ פאַרליגנערישטער „צדיק", אַ מכלומרשטער פאַרבינדער מיטן הימל; ער זאָגט נאָך פרעמדע שטאַרק צעוואָסערטע תורות אָנגעבנדיק זיי פאַר אייגענע. ער האַלט דעם עולם אין שפּאַן און לעבט דערפאַר אין מאַטעריעלער רחבות. ר' משה לייב סאַסאָווער און דער ייד הקדוש האָבן געזאָגט אייגענע תורות, זיך מוסר נפש געווען פאַרן פאָלק און אַליין אַדורכגעשטופּט די טעג מיט אַ דאַר שטיקל ברויט. די היינטיקע רבים פאַרבלענדן די אויגן, כדי אַליין אויף אַ פריצישן שטייגער צו לעבן בשפע און וואוילטאָג.

. . . און בײם אייניקל האָט דאָ דאָס ווייב
די קליידער געלאָזט זיך נייען אין פּאַריז . . .

ניין, דאָס איז נישט פאַר נחן, דאָס איז נישט זיין געצעלט — „ניין, נח דאַרף נישט קיין קוויטל טראָגן..."

ער פרוּווט אויך אַריינבליקן צו די מיסיאָנערן, הערן זייערס אַ וואָרט. ער באַקענט זיך מיטן אינהאַלט פון דער „באַרג־דרשה". ער צוקט מיט די פּלייצעס: „עפּעס איז פאַראַן אין מרימס זון, וואָס ער האָט שוין געהערט, געזען אַמאָל..."

ווייטער פּרואווט ער צושטיין צו דער נייער ייִדיש־נאַציאָנאַלער באַוועגונג, וואָס האָט זיך אויסגעפּיקט אין די אַכציקער יאָרן באַלד נאָך די פּאָגראָמען אין צאַרישן רוסלאַנד. צוזאַמען מיט אַ גרופּע פּאָרט ער אָפּ קיין ארץ־ישראל, אָבער ער קערט זיך אום פון מיטן וועג. פאַרוואָס? — ווייל ער איז נח, דער שטענדיק־זוכנדיקער און קיינמאָל נישט־געפינענדיקער. קוים וואָלט זיך אים אַפילו אויסגעוויזן, אַז ר׳האָט ענדלעך עפּעס יאָ געפונען, וואָלט ער זיך — ווי נח דער פאַרבענקטער זוכער — תיכף געמוזט גייסטיק אויפלייזן. אין נחן זיינען שוין פאַרוועבט די מעשה־עלעמענטן וועגן וועלכע ס׳איז אַ רייד אין מנחמס שפּעטערדיקער דראַמאַטישער פּאָעמע — „משה“. האָרט ביים ירדן האָט זיך משה אויפגעלייזט און נישט זוכה געווען אַריינצופירן זיין מחנה אין צוגעזאָגטן לאַנד. אַ פירער איז אַזוי לאַנג מנהיג ווי לאַנג ער פירט, אָבער די דערפירטקייט לייזט שוין אויף דעם פירער...

זיין זיך אומקערן פון וועג האָט צוויי סיבות:

ערשטנס — איז דעם האָרטנעקיקן „גייער“ דערווידער דאָס „שפּרינגען“. ער אָנערקענט נישט קיין קפיצת הדרך, ווייל קפיצת הדרך איז יענעוועלטיקער משיחיזם. מ׳טאָר נישט בויען קיין דערלייזונגס־אידעאַל אויף דרויסנדיקע כוחות, אויף משיחישע ניסים. אידעאַלן בויט מען אויפן גלויבן אין זיך אַליין, אויף דעם מענטשנס שאַפערישע כוחות אויף דער ערד, און נישט אויף די הימלען.

תיקון ווערט נישט געוואונען אויף דער לאָטעריע
און דורות קענען נישט מאַכן קיין קפיצת הדרך.
וואָס מער איר וועט בייקומען אויפן האַרבן וועג,
אַלץ מער וועט איר הייליקן זיך אין דעם גאַנג
און די ערד וואו איר ווילט זיך אין קדושה איינפלאַנצן.

וואָס מענטשלעכער, ערדישער און וואָס מער געשטרויכלט מיט נאַטירלעכע מניעות ס׳וועט זיין דער גאַנג צו גאולה, אַלץ הייליקער וועט זיין סיי דער גאַנג און סיי די גאולה. צו דערלייזונג דאַרף מען גיין אַליין אָן משיחס הילף, נאָך מער — מ׳דאַרף פון זיך משיחן אַרויסטרייבן. ווער ס׳פאַרלאָזט זיך אויף משיחן, דער דערדריקט אין זיך די אייגענע שאַפערישע כוחות און ווערט אין גאַנצן געליימט. מ׳מוז זיך דעריבער אויסהיטן פון משיחישער „עבודה זרה“... — איז דאָס אַ דערוועגטער פּלוצימדיקער שטריך איבער דער משיח־וויזיע, וואָס האָט אונדז טויזנטער יאָרן גייסטיק געשפּייזט און געטרייסט. אָנשטאָט דעם רוקט נח אַרויס די רעאַלע טאָג־טעגלעכע זעלבסטדערלייזונג, צו וועלכער מ׳קאָן נישט פליען אָדער לויפן, נאָר מ׳דאַרף גיין

פאַמעלעך, טראַט ביי טראַט דורך אייגענער ערלעכער האָרעוואַניע. דאָ איז נישט שייך קיין שום אַלגעמיינער גאולה־שאַבלאָן. יעדער שפּרייזט אויף זיין שטייגער, מיט אַן אייגענעם וועג און לויט די אייגענע כוחות.

צווייטנס — איז נחן נישט ניחא די מחשבה וועגן אַריבערטראָגן אויף משיחישע פליגלען אין צוגעזאָגטן לאַנד אַ קליינעם אויסדערוויילטן טייל פון פאָלק, דעם שמנה וסלתה. אין די 80קער יאָרן איז דאָס געווען אַ בלענדנדיקע וויזיע, וואָס האָט געקאָנט צוּיבערן שיינגייסטער, אָבער נישט דעם שווער־געפּרואווטן נחן. זיין זעליש בילד איז ס׳לעבעדיקע אָרעם פאָלק, וואָס איז צעשפּרייט איבער די פאַרהויקערטע און פאַרדלותדיקע מאַלטשעס און שני־פּישאָקס. אַ פאָלק, וואָס איז היימיש אויף דער גאָרער וועלט. נישט נאָר איז ער, נח, באַהאַנגען מיט די אייגענע נפשות, ד״ה זיינע בני־בית, נאָר איז דערעיקרשט גייסטיק מטופל מיט אָט־די אָפּגעריסענע און אָפּגעשליסענע יידן, קרעמערלעך, בעלי־מלאכות, מעקלערלעך און אַרבעטער אין איישישאָק און קאָברין, בריסק און ביאַלע. דאָס זיינען זיינע יידן און צווישן זיי איז נחס אמתע היים, כאָטש ער איז בעצם היימלאָז. ער קען זיך מיט זיי נישט שיידן, כדי זיך צו ראַטעווען מיט קפיצת הדרך... ער וויל אין זיי וועקן דעם באַגער צו זעלבסטדערלייזונג, צו אייגענער קדושה. ס׳יידישע לעבן דאַרף זיין הייליק אומעטום, בכל אתר ואתר. דער תיקון קאָן קומען אומעטום, וואו ס׳לעבט און שאַפט די כנסת ישראל.

> פון לאַנגן גאַנג וועגן מוז איך זיך אומקערן דאָרט,
> וואו תיקון פון מענטש מאַכט הייליק יעדע ערד
> און היימיש יעדע פרעמד.
> דאָרט איז מיין היים.
> גיי איך צוריק אַהיים.

נחס גאַנג איז אַ גאַנג פון אַ פּאָטענציעלן מנהיג הדור, וואָס לעכצט נאָך קדושה. דערווייל איז ער אָבער נאָך נישט קיין פירער, וואָס ווייסט געגנוי דעם וועג. ער איז אַ זוכנדיקער גייער, וואָס בלאָנדזשעט אַליין. אין זיין גאַנג איז ער באַהויכט מיט טיפן גלויבן אין ענדגילטיקן טריאומף פון דער קדושה. דאָס איז די פירנדיקע אידעע פון מנחמס גרויסער פּאָעמע. דער „גייער" איז בפירוש אָנגעהויכט מיט אַ געלייטערטן ווילן צו לאָזן אין גע־ווירבל פון שווערע לעבנס־נסיונות טריאומפירן ס׳ליכטיקע מלכות שדי איבערן פינצטערן מלכות הרשעה. יחידיש־גענומען דאַרף עס זיין דער נצחון פון אי־נעווייניק־פרייען און זעלבסטבאַהערשטן מענטש איבערן אינעווייניק־פאַר־

שקלאַפטן און דרויסנדיק צעלאָזונעם הפקר־פאַרשוין. טאַקע אין זינען פון דער קלוגער מימרא — „עבדא בהפקירא ניחא ליה"...

מנחמס מעטאָד איז אַ באַשיימפּערלעך אינדוקטיוועך, וואָס פּירט פון פּרט צום כלל. נח מאַרקאַנס אויסטערליש גלות־אַפּריכטונג איז דאָך די אַקס פון דער פּאָעמע. פונדעסטוועגן לאָזט אונדז מנחם אויף יעדן טריט שפּירן, אַז נח ציט זיין יניקה פון דער סביבה און אַז יחיד און כלל באַשפּיגלען זיך קעגנזייטיק. נחס סביבה שילדערט מנחם אויספירלעך מיט גרויס אַריינטוואונג און פּיעטעט פאַר אַלע פּרטים, וואָרעם אין דער סך־הכלדיקער צונויפזאַמלונג בילדן זיי דאָס גייסטיקע פּנים פון דער כנסת ישראל...

מנחמס אויפריכטיקע כוונה איז געווען צו געבן אין דער פּאָעמע זעלישע איבערלעבענישן, אידעאישע געראַנגלענישן, גייסטיקן תוכן. ס'איבעריקע, ס'פאָרמעלע, ס'עסטעטישע איז אַ טפל. אַזוי האָט אים אונטערגעזאָגט זיין יידישער וועלט־באַנעם און אַזוי האָט מנחם פאַרשטאַנען די שליחות פון אַ יידישן דיכטער. מנחם איז איבערגעזען, אַז די יידישע שאַפערישקייט טאָר נישט בלויז דינען דער „עבודה זרה" פון עסטעטיק, דער קונסט, נאָר דאַרף פירן דעם מענטשן צו געלייטערטער אמונה. אַזוי אַרום וועט דער יידישער דיכטער ראוי זיין צו ווערן דער יורש פון תנ"ך. דער יידישער דיכטער דאַרף תמיד אין זיך טראָגן ס'באַוואוסטזיין פון „אהיה שלחני אליכם" („איך בין" האָט מיך געשיקט צו אייך). און „אהיה" האָט דאָך אונדז שטרענג אָנגעזאָגט: „דו זאָלסט דיר נישט מאַכן אַ געשניץ אָדער אַ שום געשטאַלט..."

פונדעסטוועגן האָט מנחם דער קינסטלער בפירוש רעוואַלטירט קעגן מנחמען דעם יידישלעכן דיכטער־דענקער, וואָס פאַרלייקנט די לעבנס־חשיבות פון קונסט, דעם זעלבסטווערט פון פאָרם. דאָס קומט טאַקע צום אויסדרוק אין „גייער". ס'איז באַשיימפּערלעך, אַז מנחם האָט ביי דעם פאָרם־אויסבוי פון דער פּאָעמע באַנוצט נישט ווינציקער כוחות איידער ביי דער טעמאַטישער באַאַרבעטונג פון אָט־דער נאַציאָנאַלער איליאַדע. און ס'איז צו זען, אַז די פאָרם איז ביי אים ווייט נישט קיין טפל. אָפט שפּילט ער זיך מיטן פערז, קאָקעטירט אַפילו מיט אַ וואָרט און הנדלט זיך מיט אַן אייגענער ווערסיפי־קאַציע. פון אָנהויב ביזן סוף פון דער פּאָעמע איז מנחם אַריינגעטאָן אין דעם וואוילקלאַנג פון וואָרט, ריטמיק פון פערז און מוזיקאַלישקייט פון ליד. מ'טאָר אויך נישט אַרויסלאָזן פון חשבון די מעטאַפאָרעס, וואָס וואַרפן זיך אָדורך פון מאָל צו מאָל.

קודם־כל איז דאָ אויפפאַלנדיק די אַרקעסטראַלע פאַרשיידנאַרטיקייט פון דעם סטראָף־געבוי. מנחם באַדינט זיך דאָ מיט אַלערליי מעגלעכע פאָרם־

וואַריאַנטן פון דער פּאָעטיק. ס׳איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז די פאַר־שיידנאַרטיקייט פון דער פאָרם איז געווען אַ בכיוונדיקע, אַז מנחם איז דער־מיט כלומרשט אויסן געווען אויסצומיידן די איינטאָניקייט פון דער פּאָעמע, כדי חלילה נישט צו פאַרמאַטערן דעם פילבאַרן לייענער. די גרעסטע פּוי־לישע עפּאָפּיי, מיצקעוויטשעס „פּאַן טאַדעאוש״, איז אין גאַנצן געבויט איינהייטלעך לויטן דרייצן־טראָפּיקן פערז, און דאָך הערט זי ביז היינט נישט אויף צו כישופן מיט איר געמעל און וואוילקלאַנג. אַ גרויסער גורם דערצו איז געווען אַ לפּי ערכדיקע אידילישקייט פון מיצקעוויטשעס פּאָעמע. מנחמס פּאָעמע נעמט אָבער אַרום אַ שטורמישע צייט, ווען ס׳האָבן זיך געשטאַלטיקט די יידישע גורלות ביים געבראַזג פון צעבראָכענע יידישע שויבן. דערצו איז זי געשריבן געוואָרן אין די יאָרן, ווען געדיכטע רויך־וואָלקנס האָבן געשפּאַרט פון די טרעבלינקער קוימענס. — דער ריטם פון מנחמס פּאָעמע האָט דערימעך נישט געקאָנט זיין אויסשליסלעך אַ בנעימותדיק געלאַסענער. ער האָט געהאַט גובר צו זיין אַ סך געמיט־פאַרקנוילטקייטן; זיין פערז האָט נישט איין מאָל געמוזט אַרויסגיין פון דעם אַלגעמיינעם געשפּאַן און זיך צעטאַנצן נערוועז. אַט שפּרייט זיך מנחמס פערז צוועלף־טראָפּיק עפּיש־באַלאַדיש. ווידער פּאַלט ער אַריין אין אַ תפילותדיק זאָגערישן טאָן. שפּע־טער ווערט מנחם פאַרקלעמט פון וויטיק און ציט איין דעם פערז אין זיבן־טראָפּן מיט לירישער מן־המצר־ענגשאַפט. וויטער טרעט איין אַ אינטער־מעצאָ צווישן באַלאַדישער דערציילערישקייט און לירישער געפּרעסטקייט און דער פערז הייבט אָן צאַרט פלאַטערן מיט שוועבנדיקער לייכטקייט. ס׳זיי־נען אָבער אויך נישט זעלטן די מאָמענטן, ווען דער דיכטער קען וויטער נישט זיין עלנט און פּילט אַ באַדערפעניש צו קרייצן זיין וואָרט מיט עמעצן אַנדערנס געדאַנק. דעמאָלט העלפט ער זיך אַרויס מיטן דראַמאַטישן דיאַ־לאָג. מאָמענטנווייז ווערט דער פערז אַנגעזאַפּט מיט חקירה־גריבלענישן און הייבט זיך אָן גליטשן שיף־אַראָפּ. דערצו איז ער נישט שטענדיק גע־בונדן מיטן „פעסטן״ גראַם. מנחם באַנוצט זיך אי מיטן גראַם, אי מיטן אַסאָנאַנס, אי מיטן ווייסן פערז. אַוודאי איז אַט־די ריטמיק־שפע אַ סימן פון מנחמס דיכטערישער עשירות, אָבער נישט מינער איז זי אין הסכם מיט אונדזערע היינטיקע „גייערישע״ יאָרן...

***

דער גרויסער חורבן אין פּוילן האָט ביז איצט געפונען אַ בלאַסן אָפּ־קלאַנג אין דער יידיש־קינסטלערישער ליטעראַטור. ס׳רוב זיינען עס כראָ־ניקעס געשריבן אויף דער הייסער מינוט. די חורבן־לידער און חורבן־נאָ־

מנחם באָריישאָ — 1904

װעלעס זײנען אוממיטלבאַרע רעפלעקסן — אַ שאַרף־װײטיקלעכער אויפֿ־שוידער. דער װײטיק איז נאָך צו פֿריש, די װאונדן זײנען נאָך אָפֿן, אַז מ׳זאָל קענען דערװעגן רײדן מיט אַ געלײטערטער שטים, געמאָסטן־װאָרט, טרעפֿלעך־בילד, דיכטערישן מעטאַפֿאָר און ריטמיזירטן פֿערז. אָבער אין דער טיף לעבט מסתמא יעדער ײדישער דיכטער מיט די בלוטיקע װיזיעס. זײ לאָזן אים נישט רוען. במשך פֿון נישט אײן שלאָפֿלאָזער נאַכט זיצן ײדישע פּאָעטן אײנגעהויקערט איבער װײסע בײגעלעך פּאַפּיר און פּרואװן מיט שאַ־פֿערישע חבלי לידה אַרויסברענגען אַ בילדעריש װאָרט, װאָס זאָל מיט אײ־דעלער געשליפֿנקײט זײן מסוגל אָפּצושפּיגלען דעם שוידער פֿון דעם, װאָס איז געשען. מיר װײסן אָבער, אַז צום מײסטן זײנען זײ נישט צופֿרידן פֿון די אײגענע פּרואװן... זײ לײגן עס כסדר אָפּ אויף שפּעטער, װען דער שגעון װעט אַ ביסל נאָכלאָזן, ס׳געמיט װעט זיך אויסשוימען און דער װײטיק װעט װערן אַ ביסל מילדער און דענצמאָל — אולי ירחם...

אויך מנחם איז אַרײנגעטראָטן אין זיך, כדי אין דער טיף דיכטעריש צו באַנעמען דעם גרויל פֿון אונדזער אומקום. אויך ער האָט נישט אין אײן װאַכיקער נאַכט זיך געראַנגלט מיט דער טרעבלינקע־װיזיע און אויך ער האָט אַװדאי נישט אײן מאָל אַװעקגעשאַרט פֿון זיך די פֿאַרשריבענע בײגעלעך. אין דער לעצטער שורה אָבער האָט מנחם זיך אָפּגעגעבן רעכנשאַפֿט, אַז ער איז נישט אויסן „אָפּצושפּיגלען״ דעם חורבן אָדער „שילדערן״ די פֿאַרװיסטונג. דער חורבן האָט בײ אים אויך געװעקט אידעאישע רעפֿלעקסיעס, װאָס ליגן אויף דער ליניע פֿון זײן נאָכאַנאַנדיק ראַנגלען זיך פֿאַר נײַע פֿאָרמען פֿאַר אַלטער ײדישקײט. ער האַלט דאָך, אַז זײן דור איז אידעאיש אויסגעלײדיקט, טראַגיש צעריסן, האָט מיט אײגענעם װילן פֿאַרלאָזן דעם ײדישן באָדן. דער שונא האָט אונדז מערדערלעך אָנגעכאַפּט פֿאַרן גאָרגל אויסשליסלעך צוליב אונדזער ײדישקײט, מיט װעלכער מיר האָבן אָבער אין דער אמתן אַ לויזן שײכות... װאו איז דעריבער דער זינען פֿון אונדזער אומקום? — צי איז דאָס נישט אַמאָל אַ בלוטיקע היסטאָרישע מיספֿאַרשטײעניש? צי זײנען מיר ראוי צו טראָגן אויף זיך די דערנער־קרוין? צי װעט זי אַמאָל באַגילדט װערן פֿון דער ײדישער זון? — מנחם האָט ביז זײן פֿינף און צװאַנציקסטן לעבנסיאָר פֿאַרבראַכט אין װאַרשע אין דער נאָענטשאַפֿט פֿון זײן אַמאָליקן שרײבערישן מורה־דרך י. ל. פּרץ. ער לעבט דערימעך װיזיאָנעריש אויף ס׳בילד פֿון דער פֿאַרװיסטער ײדישער װאַרשע. פֿאַר זײן גײסטיק אויג שװעבן אַדורך געשטאַלטן, װאָס ער האָט דאָרט געלאָזן מיט פֿינף און דרײסיק יאָר צוריק. ער זעט דאָרט אויך י. ל. פּרצן און אויף דעם באַרג ײדיש אַש פֿירט ער מיט אים בײנאַנד אַ חשבון, אַ חשבון־הנפש.

אין דער פּאָעמע „חשבון אויפן אַש" אידענטיפיצירט זיך מנחם מיט זיין דור; ער האָט תרעומות, הלמאי דער דור קאָן נישט איינהיטן ס'ליכט און אַפילו ס'גאַרעניש צו ליכט.

פֿאַרוואָס-זשע האָבן מיר, אַזעלכע אויפֿגעצונדענע
פֿון שטערן ביז די טריט,
אַפֿילו אין דעם הייפֿל הייזער אונדזערע
די גאַרעניש צום ליכט נישט אויפגעהיט?

וויפיל גאַנצער, אינהאַלטספולער, ערלעכער און הייליקער זיינען געווען אונדזערע זיידעס, וואָס האָבן וויטיקפול אַדורכגעמאַכט דעם גאַנג צו יחוד.

ער שוועבט צוזאַמען מיט פרצן איבער אַלע חרוב-געוואָרענע פּאָזיציעס פון יידישן לעבן, איבערן אַלטן מאַרק אַרום פרצעס געהויבענע געשטאַלטן און אויך אין דער גמינע (קהילה), וואו פרץ האָט אַמאָל געאַרבעט.

אַוועק מיט אייך צום בריסקער רב און ביאַלער רבין,
צום שבת פֿון ר' שלמהס הייליקער מרידה,
צום שטומען ניגון פֿון אברהמל באַם — און האָב דערזען:
איר רופֿט אַרוים די שבת-יום-טובדיקע יידן.

— —

און לאָזט זיי אויפֿגליען אין אייער לויטערער אמונה
און שפיגלט זיך אין זיי — און וואו זענט איר?
און ס'האָט זיך מיר אַנטפלעקט די פיין פֿון נישט-דערגאַנגענעם,
וואָס כ'האָב אין אייער אומרו אַלעמאָל געשפּירט.

פרצעס „אוהל" אויפן גענשער בית-עלמין איז געוואָרן אַ הייליק בערגל, צו וועלכן אַ זוכנדיקער דור האָט עולה געווען מיט דער כוונה אויסצובעטן אַ „מופת" פון באַגייטן גלויבן. מנחם מיינט, אַז ער געהערט צו אַ דור, וואָס האָט אין זיך אַליין געפעלשט, געלעבט ביי אַ פרעמדן שיין. נישט געהאַט קיין אייגן ליכט. וואָס-זשע איז דער תמצית פון די ליידן? וואָס איז דער זינען פון אונדזער אומקום? צי דעקט זיך נישט אַמאָל דער פּיזישער מדבר מיט אונדזער גייסטיקן?

און פֿאַל אַראָפּ צום אַש פֿון דור מיינעם און זאָג:
איך קען נישט מיט געבאָרגטע פֿונקען שיין
דעם חושך אַנצינדן און דורכן גורל זייערן
באַזיגן אייך און זיך. און אויב עס איז נישטאָ
קיין זין אין אייער אומקום — וואָס איז מער געבליבן
פֿון אונדזער גאַנג ווי אַט דער מדבר דאָ?

מנחם האָט „מטריח״ געווען י. ל. פרצן פון עולם האמת, כדי מיט אים זיך אויסצושמועסן וועגן אונדזער גייסטיקער פאַרלוירנקייט, וועגן אונדזער צווייפלהאַפטיקער מעגלעכקייט אָנצוהייבן בויען אַ נייעם בראשית־דור. ס׳טייטש, מיר זיינען דאָך אַ צעשטויבטע מחנה אָן תוכן און אָן אמונה.

ווי זאָלן אבלים
מיט די שברי כלים
אים דערשפּירן
און פון תוהו ובוהו
ווידער אַ בראשית בויען,
אַז מען האָט פאַרגעסן ווי צו ציילן,
אַז מען ווייסט נישט, וואָס איז איינס?

— —

האָבן מיר געזינדיקט?... אויב געזינדיקט!

אין דער פּאָעמע חזרט זיך עטלעכע מאָל איבער אַ פּזמונדיק־רעטאָרישע פראַגע: „וואָס איז איינס?״ — ס׳קומען עטלעכע וואַריאירטע ענטפערס, וואָס גיבן איבער ס׳גרוילעך־שיקזאַלהאַפטיקע פון אונדזער אומה. ס׳איז אַ רייד וועגן ריח פון אַ שטיקל ברויט, וועגן אַ מאַמעס ניגון, וואָס פאַרוויגט אַ קינד צום טויט, וועגן הינטישער רציחה פון געקנוטעוועטע קריכער אויפן שוועל פון טויט, וועגן תורה, וואָס איז קנופּ פון דורות. לסוף גיט ער באַשייד פאַרן רעטעניש־פולן איינס:

איינס איז צעשטראַל פון גבורה,
וואָס צום קדמונדיקן פורעם
פירט צוריק דעם מענטש.
איינס איז הייליקער צוזאַמען,
וואָס איז פינצטערניש און פלאַמען
צינדט אָן אייביקייטן פאַרן מענטש.

צווישן שטיינער, ביינער, ציגל און אַש זוכט מנחם צוזאַמען מיט פרצן דעם אויסגעוויטיקטן יידישן איינס.

ער קומט צוזאַמען מיט פרצן אין דעם בנין פון דער וואַרשעווער קהילה. זיי זעען ווי די דייטשע מחבלים פאַרלאַנגען נאָכאַנאַנד יידישע קרבנות. דער עלטסטער פון די פרנסים גייט דערויף נישט איין און באַשליסט אַליין צו פאַרענדיקן מיט זיין לעבן. איז דאָס דורכאויס אַ נייס אין דעם יידישן קהילה־לעבן. ס׳דערשיינען פאַר אים קדושים פון אַמאָליקן דייטשלאַנד און פוילן

און דריקן אויס זייער שטוינונג, הלמאי ער גייט נישט צוזאַמען מיט גאַנץ קהל אויף קידוש השם, נאָר לאָזט זיך גאָר אויף אַ זייטיקן וועג פון איבוד עצמו לדעת... דער אַסימילירטער וואַרשעווער ראש הקהל איז אָפּגע־פרעמדט פון יידישן לעבן. ער זאָגט, אַז ער זעט נישט דעם באַנד, וואָס זאָל אים פסיכיש פאַרבינדן מיט זייער קדושה־אומקום. ער פילט נישט און זעט נישט גייסטיק דעם גאָט, פאַר וועלכן ער מוז איצט אומקומען... אין די לעצטע גסיסה־מינוטן אָבער רופט ער אויס: „איך זע! איך זע!" און די גאַנצע עדה יידן ענטפערן אים: „שמע ישראל!"...

זיי גייען ווייטער און זעען ווי פאַר אַ לעבל ברויט פירט אַ ייד מיט די אייגענע הענט יידן צום קאַלכאויוון. זיי זעען אַ געמיש פון קדושה, טומאה און רציחה. וואו איז דער אויסוועג פון אָט־דעם מאָראַלישן מדבר? מנחם פרעגט „אים", פּרצן, און „ער" ענטפערט, אַז אַלע הייליקייטן, תאוות און רציחות ווערן אין זייער יסוד רעגולירט דורך צוויי עלעמענטן: לעבן און אייביקייט. קיין שום דערשיינונג בלייבט נישט הענגען אין דער לופטן; אַלץ בינדט זיך ערגעץ קאָסמיש מיטן גרויסן איינס פון זיין און לעבן.

יהוה אלהים
זיין און לעבן

דאָס איז די טעמע פאַר אונדזערע אַלע בלאָנדזשענישן סיי ווי מענטשן, סיי ווי יידן — גאָטס פאָלק.

דאָס איז גאָר דער גאַנג פון אונדז דורך דורות,
דורך עבודה זרהס און רציחות,
דורך פאַרבלענדענישן זינד און לייטערונגען
פון דער גאָלדענער קאַלב אין דעם מדבר
ביז די בלאָנדזשענישן אייערע און מיינע,
ביזן לעצטן גרויליקן נסיון,
ביזן אַש אונטער די פיס ביי אונדז.
— — — — — — — — —
דאָס איז גאָר די תורה.
מישט די בלעטער אויף און איר וועט זען.

אָט די טיף־דורכגעטראַכטע און דורכגעבלוטיקטע ווערטער לייגט דער לעבעדיקער תלמיד מנחם אַריין אינעם מויל פון זיין טויטן רבין — י. ל. פּרץ. אַזוי האָט ער אים געפילט, אַזוי האָט ער אים פאַרשטאַנען. זיינען אָט די ווערטער ביי מנחמען נישט קיין צופאַל. דאָס זיינען געדאַנקען און מאָטיוון,

װאָס אַן אָנדײט פון זײ געפינט זיך שױן אין זײן ערשט ליד „קדוש“, געשריבן העכער פערציק יאָר צוריק („איך בין שיכור פון גלזיבן“), און ציִען זיך נאָכאַנאַנד ביז דער ברײט־פאַרטראַכטער און טיף־דורכגעפילטער פּאָעמע „חשבון אויפן אַש“ (פּרץ). אַט דער לעצטער אײביקײטס־אױספּיר, װאָס האָט אױפגעבליצט אין מנחמס אימאַזשינירטן שמועס מיט פּרצן האָט שױן שפּע־טער נישט געלאָזט מנחמען רוען. ער האָט געפילט אַ נאָגנדיקע באַדער־פעניש צו באַפעסטיקן אין זיך בילדעריש די גאָט־אידעע. ער איז דערימעך צוגעטראָטן אױסצובױען זײן דראַמאַטישע פּאָעמע — „משה“, װאָס איז צו־ליבן פּאָעטס פּלוצימדיקן טױט פאַרבליבן דער לעצטער אױסדרוק פון מנחמס דיכטעריש־פילאָזאָפישן װעלטבאַנעם.

***

מנחמס װעג ציט זיך פון אינטראָספּעקטיװער „איך“־זוכעניש צום נע־װנדיקן „גאַנג“, געטריבן פון טיפער גאָט־בענקשאַפט. איצטער אין דער דראַמאַטישער פּאָעמע „משה“, טרעט אײן די דריטע, שױן די סאַמע לעצטע פאַזע. עס באַפרידיקט אים שױן נישט די השתוקקות אלהים, די גאָט־גלוסטונג, ער פילט אַ זעלישע באַדערפעניש פון הכרת אלוהים, גאָט־דער־קענטעניש, ד״ה קלאָר מאַכן זיך די באַציאונג בין אָדם למקום. מנחם האָט זיך פילאָזאָפיש אױסגעבױט אַ פּיראַמידע פון: איך, איר און ער. דאָס דערקענען דעם „אים“ איז דער גרונט־מאָטיװ פון דער פּאָעמע „משה“, װאָס איז איבערפילט מיט ספּעקולאַטיװע בילדער.

אָט־די „מעטאַפיזישע“ פּיראַמידע קאָן מעגלעך נישט אײנעם פון די „פּראָגרעסיװע“ אַ ביסל אָפּשטױסן. ס׳טײטש, װי קאָן מען עס איצט, בײם סוף פון דער ערשטער העלפט פון 20טן י״ה, אין אַ רױשיקער צײט פון דער אַטאָם־באָמבע, אין דעם הױכפּונקט פון ציװיליזאַציע, און צערײצטע פּאָ־ליטישע לײדנשאַפטן, זיך גאָר פּלאָנטערן מיט „אַלטפרענקישע“ טראַכטע־נישן װעגן „אהיה“... װי קאָן עס אַ מאָדערנער דיכטער זיך הײנט גאָר „באַדערן“ מיט גאָט־ענינים דערצו אין אַ װערסיע, װאָס ליגט העט־װײט פון אונדז אין שטח און צײט — אַזש אין דער חומש־עפּאָכע. שטעקט נישט אַמאָל אין דעם — יידישע פאַרבלענדטקײט, ײדישע אױסטערלישקײט און ײדישע אָפּגעזונדערטקײט, װאָס װיל נישט גײן מיט דעם ברײטן װעלט־שליאַך? — געװיס איז אין מנחמס „משה“ פאַראַן אַ סך ײדישע באַזונדער־קײט, טיף־ײדישער אײגנאַרט, אָבער דאָס גאָט־פּראָבלעם פאַר זיך גענומען „באַדערט“ הײנט די בעסטע פילאָזאָפישע קעפּ און דערבײ נישט בלױז מעטאַ־

פיזיקער, נאָר אויך רעאַליסטישע דענקער. אַזוי האָט, לדוגמא, דער טיפּער, בפּירוש רעאַליסטישער דענקער ס. אַלעקסאַנדער ביים אויסבויען זיין וועלט־בילד נישט געקאָנט אויסקומען אָן דער גאָט־היפּאָטעזע. ווי אַ יסוד פאַרן גאַנג פון דער נאַטור נעמט אַלעקסאַנדער אָן — עוואָלוציע. די גילגולים זיינען אַזעלכע: דאָס פּסיכישע שטאַמט אויף אָן אַנטוויקלונגס־שטייגער פונעם פילאָזאָפישן. ווייטער איז דאָ אַ מעגלעכקייט, אַז פון פּסיכישן זאָל זיך אויסוויקלען דאָס געטלעכע. מיט אַנדערע ווערטער, הייסט עס, אַז די נאַטור איז היסטאָריש. פון דער מאַטעריע וואַקסט אַרויס לעבן, פון לעבן וואַקסט ווידער אַרויס דאָס גייסטיקע, און פון גייסטיקן קאָן זיך אויסשיילן אַ העכערע קוואַליטעט, וואָס איר קערפּער וועט זיין די גאַנצע וועלט. דער דער סדר איז דערימעך אַזאַ: שטח (Space), צייט אָדער דענקען (טאַים אָדער מאַינד) און ס׳געטלעכע (Deity). ס׳געטלעכע איז נישט אַ שוין־עקזיסטירנ־דיקע קוואַליטעט, זי איז אַ קוואַליטעט, וואָס דאַרף ערשט קומען. דערוויל עקזיסטירט זי ווי אַן אידעע פון אונדזערע שטרעבונגען. ס׳דאַרף ערשט מקוים ווערן אין דער צוקונפט — באחרית הימים...

לויט מנחמס פּיראַמידע קומט אויס, אַז פון אַנהייב איז גאָט, צום סוף איז גאָט און אין דער מיטן געפינט זיך דער מענטש. דער מענטש שטאַמט פון גאָט און דאַרף שטרעבן צו גאָט. עוואָלוציע איז קודם־כל נוגע דעם מענטש. דער מענטש איז נישט קיין פאַרענדיקטע דערשיינונג, ער איז מער אויפגאַבע, מטרה; זיין אַנטוויקלונג דאַרף פירן דערצו, אַז ער זאָל זיין ראוי אויפצונעמען אין זיך די העכערע השגה וועגן גאָט. צוזאַמען מיטן מענטשנס שטייגן שטייגט אויך די הויכקייט פון גאָט־באַגריף. דאָס איז אַ בפירושער אַנטראָפּאָצענטריזם, וואָס גראַוויטירט צום טעאָצענטריזם. משה איז עס דער, וואָס האָט — אין אַ סביבה פון געצנדינעריי און כישוף — אַנטפּלעקט אין זיך דעם אָפּשיין פון אַנבאַמענדיקן גאָט, פון מעטאַפיזישן זיין, וואָס האָט זיין פורעם געפונען אין זיין אַלוועלט. פון דעם מאָמענט, וואָס משה האָט דערקענט גאָט־זיין, גאָט־אייביקייט, הערט ער, משה, נישט אויף צו ראַנגלען מיט זיך פאַר אינעווייניקסטער ריינקייט, כדי, חלילה, נישט צו פעלשן זיין געטלעכע שליחות. זיין שליחות — היסטאָריש צו רעאַליזירן אויפן באָדן פון צוגעזאָגטן לאַנד אַ מלוכה־אהיה, געטראָגן דורכן עם־קדוש.

מנחם גייט נאָך דעם סיפור המעשה פון חומש נישט נאָר כדי דיכטע־ריש אויפצולעבן אַ שטייגער־בילד פון יענער אוראַלטער צייט. ער וויל פון דעם חומש־בילד דערהויפּט אַרויסשלאָגן פונקען פון געלייטערטסטער גאָט־דערקענטעניש.

משה אַנטלויפט פון ווייב און קינדער, אַנטלויפט פון מענטשן, באַזעצט זיך אין דער מדבר, וואָס ווערט זיין נייע היים. דאָרט אַנטפּלעקט זיך צו אים גאָט אין אַ פלאַקערנדיקן דאָרן. משה אידענטיפיצירט זיך מיטן דאָרן און דערשפּירט אין זיך גאָטס אָטעם. איז דאָס גאָט, וואָס איז געווען פאַר מענטש, פאַר וועלט און פאַר אָנהייב. ער איז איידער און שפּעטער. דורך דער וועלט האָט גאָט זיך געגעבן פורעם. גאָט איז אייביקייט, פון וועלכער די צייט לייזט זיך אויף. אין תוך איז עס אַ פּאַנטעאיסטישע קאָנצעפּציע.

מיט יעדער וואַסערשלוק, מיט יעדן טייטלבים
דיר טריפט עס אינעם איינגעווייד אַריין.
ביז דו דערהערסט זיין קול. ער רעדט אין דיר.
אַמאָל איז עס דיין טאַטנס קול, אַמאָל
דיין אייגענער, און דאָך נישט דו. ס'איז ער.

זיין שווער, יתרו פרעגט אים: ווער דאַרף דאָ, אין דעם מדבר צווישן די גליענדיקע זאַמדן האָבן משהס געטלעכע שליחות? אַ שליחות דאַרף מען מקיים זיין נישט דורך מדבר־טראַכטונגען, נאָר צווישן מענטשן און פאַר דעם מענטשנס לעבנס־נויטן. ווי קאָן מען עס דעריבער זיין שטענדיק אויס־געטאָן פון בלוט? — משה באַקענט זיך צו זיין צווייאיקייט; ער איז אי גאָטס דאָרן, אי גאָטס שליח צום מענטשן. אָט־דיביידע עלעמענטן קרייצן זיך טאַקע אין אים.

יאָ, עמרמס זון, דאָס בלוט
פון זייער בלוט. דאָס בין איך אויך. און ביידע
צערייסן מיך: דער אויסגעלייזטער פון זיין בלוט,
וואָס איז געוואָרן מדבר, און דער זון פון שטאָם,
וואָס דאַרף זיך אומקערן צום בלוט פון שטאָם.

ער גייט אויסלייזן זיינע ברידער פון מצרישן יאָך, כדי צו פירן זיי צום באַרג, ביי וועלכן זיי וועלן הערן גאָטס וואָרט. לויט יתרוס עצה פּרואווט ער אויס זיין ווירקונגס־כוח מיט די זעלביקע ניסים, וואָס זיינען באַשריבן אין „שמות“.

ווי קאָן מען אָבער מיט אַן אַבסטראַקטן אָנגאָמענדיקן גאָט פון דער מדבר קומען צו אַ דערשלאָגענער, פאַרשקלאַפטער, פאַרגרעבטער און פאַרגעצנ־דינערישטער מחנה, וואָס איר איינציקער חלום איז פטור ווערן פון דער מצרישער בייטש? כדי דאָס צו דערקלערן דערגייט דאָ — ווי בכלל ביי מנחמען — צו עפּעס פון דעם, וואָס מען רופט — שפּאַלטונג פון „איך“. ביז אַ געווויסן

גראַד אַנטפּלעקט זיך משה אין זיין ברודער אהרן, וואָרעם דער שמועס צווישן אהרנען מיט משהן קאָן אין באַשטימטע מאָמענטן פאַרשטאַנען ווערן ווי משהס אַ שמועס מיט זיך אַליין. עס רעדט דער עגאָ מיטן סופּער־עגאָ. אַ שמועס פון אַ מדברדיקן גאָט־דערקענער מיט אַ פאָלקס־דערלייזער, פאָלקס־טרייסטער — „און ביידע צערייסן מיך"... אהרן רופט אין אים: „גיי צוריק!" אָבער משה קאָן נישט אַנטלויפן פון „אהיה"ס באַפעל. די זקנים פאַרשטייען אים נישט און דעריבער צווייפלען זיי אין משהס געטלעכער שליחות. משה גיט זיי וואונדערלעכע סימנים. עס קומט לכתחילה אַרויס ווי אַ צונויפקנויל פון מכשף און גואל.

מיין ברודער אהרן קומט פֿון צווישן אייך
און איך — פֿון מדבר. ווייס ער ווי צו ברענגען אייך
דאָס וואָרט פֿון אייביקן אין וואָרט פֿון אייער וואונטש.
אַ טאָג וועט קומען און מיר וועלן אַלע שטיין
צוזאַמען דאָרט, וואו כ'האָב דאָס וואָרט פֿאַרנומען.

דאָס דאַרף זיין נישט בלויז אַ באַפרייאונג פון פיזישער שקלאַפעריי, נאָר דערעיקרשט אַן אויסלייזונג פון גייסטיקער קנעכטשאַפט. זיי דאַרפן געפירט ווערן צום באַרג, כדי דאָרט פאַרנעמען גאָטס וואָרט.

ס'איז אַ שווערער נסיונותפולער וועג. ווען ס'איז צו פרעהן דערגאַנגען די ידיעה, אַז משה „בונטעוועט" ס'פאָלק, האָט ער אָנגעהויבן אָנווענדן שאַרפע רעפּרעסיעס. ס'פאָלק האָט זיך אויף טויט דערשראָקן פאַר דעם שטראָף־צוגאָב צו די אַזוי אויך געגנוג ביטערע צרות. די זקנים הייבן אָן בעטן משהן, אַז ער זאָל נישט שטערן זייער שקלאַפישע „מנוחה" און זאָל אַוועק פון מצרים:

דעריבער זיינען מיר געקומען, געטלעכער,
דיר פֿאַלן צו די פֿיס און בעטן: שייד זיך אָפּ
אַצינד און לאָז די בייזע שעה פֿאַרבייגיין.
זאָל פרעה הערן, אַז דו ביסט אַוועק.

משה זעט, אַז דאָס פאָלק, וואָס איז פאַרזונקען אין מצרישער טומאה איז איין שטיק מאָראַלישער מדבר און קאָן שוין דעם ערשטן נסיון נישט ביישטיין...

משה לאָזט זיך נישט אָפּווענדן פון וועג און קינדיקט אָן אַ מלחמה קעגן פרעהן. פון דעם שמועס, וואָס פרעה פירט מיט משהן, ווערט קלאָר אין וואָס אייגנטלעך ס'דאַרף באַשטיין דער יידיש־מצרישער קריג. משה פּילט אויס אַ העכערן באַפעל צו קעמפן פאַר דער פרייהייט פון מענטש. דאָס איז

פאַר די פּרעהס עפּעס אַ מטושטשער באַגריף. זיי ווייסן וועגן האַרן און קנעכט, אָבער זיי פאַרשטייען נישט וואָס עס איז אַזוינס מענטש. אויך מנחמס משה רעדט ווינציקער וועגן מענטש ווי אַ סאָציאַלער באַגריף און מער ווי אַ מעטאַפיזישער באַגריף.

מענטש איז דאָס זיין פֿון אייביקן אין לייב און בלוט.
און אייביקייט פֿאַר מענטש איז איינע — — — — —

דאָ זאָל משמעות ס׳מעטאַפיזישע אין זיך אַריינגעמען אויך דאָס סאָציאַל־עטישע.

די ריינקייט און דערהויבנקייט פון דער גאָט־אידעע מוז ס׳פאָלק אַריינ־אָטעמען אין זיך אין גאַנצן. אמת, דאָס איז אויסגערעכנט אויף גאָר ווייטע דורות, אָבער דער לייטערונגס־פּראָצעס מוז זיך שוין אָנהייבן. די קינפ־טיקע דורות וועלן עס נישט באַקומען במתנה, נאָר איבערנעמען ווי אַ רע־זולטאַט פון תקופות־לאַנגע איבערווינדונגען. אָבער צי איז משה טאַקע באַרופן צו זיין דער סבלנותדיקער דערציער, וואָס וועט יעדן פאָלקס־אָפּ־נויג באַהאַנדלען מיט נאָכגיביקייט און מילדקייט פון פאָטער־ליבע? — ניין, משה איז לגבי זיך און לגבי דעם פאָלק דער שטרענגסטער מאָנער און שאַרפסטער שטראָפער, הגם ער מאַכט פון מאָל צו מאָל הנחות. דאָס פאָלק איז תאוותדיק פול מיט מצרישער פאַרדאָרבנקייט. ס׳האָט נישט קיין אויסדויער און קיין טיפערן גלויבן און מ׳דאַרף פאַר אים שטענדיק ניסים... משה האָט נישט שטענדיק איינזעעניש און משפּט אַלץ בכל חומר הדין. ער טוט דאָס נישט אויס שלעכטסקייט אָדער אויס גוטסקייט, נאָר פאָלגט נאָך דעם געטלעכן אימפּעראַטיוו, וואָס רופט אין אים כסדר. ווען דאָס פאָלק ווייזט אומפאַרשעמט אַרויס זיין קליינגייסט דורך אויסשמעלצן זיך אַן עגל־גאָט, צעברעכט ער די לוחות און מיט דער שווערד פאַרטיליקט ער די קליינגלוי־ביקע.

אַוודאי שמעקט משהן נישט דער ריח פון בלוט, אָבער וואָס זאָל ער טאָן, אַז גאָט־דערקענער מיט פאָלקס־דערלייזער זיינען נישט קיין גלייכער שידוך. ער האָט געוואָלט פאַרבלייבן ביים ערשטן, נישט זיין קיין שליח צום פאָלק, אָבער מ׳האָט עס פון אים פאַרלאַנגט.

כ׳האָב זיך געבעטן — שיק אַן אַנדערן!
מיט דיר צוזאַמען בין איך: דו און איך.
און צו זיין דו און זיי — דאָס קאָן איך נישט.

ס׳געטלעכע מיטן מענטשלעכן לאָזט זיך נישט פאַראייניקן. משה זעט איין, אַז ס׳פאָלק האָט געפעלשט און אויך ער אַליין האָט געפעלשט; נישט אַזוי

איז געווען דער לכתחילהדיקער פּאַרמעסט. ער האָט געמיינט מיט זיין ליכט זיי צו צינדן, זיי אָבער האָבן מורא געהאַט, אַז ס'ליכט זאָל זיי נישט פאַר־ברענען. צוליב וואָס האָט ער גענומען אויף זיך אַזאַ שליחות?

די לאַנגע קייט
פון מיינע פּעלשונגען — זי ציט זיך נאָך
פון מיינע פּאַסטעך־טעג ווען כ'האָב צוערשט
באַנומען דעם באַפעל צו גיין צו אייך.
דאָס האָט דאָס בלוט פון שטאָם, דער מוטערס מילך,
און פאָטערס קול פון דאָרן־קוסט אַרויסגערעדט
כ'האָב זיך דערמיט געראַנגלט. נישט געוואָלט
דעם מדבר־פעלז פאַרלאָזן, און פאַרלאָזט, געפאָלגט.
זאָל זיין, אַז כ'האָב געמוזט. דאָס איז דער ווילן
פון אייביקן, אַז קיין מאָל זאָל אַ מענטש
נישט ווערן פול מיט אים און קענען בלייבן
אַליין אין אים.

משה האָט געפּעלשט אין זיך כדי צו בלייבן מיטן פאָלק, אָבער ס'פּאָלק וויל נישט קיין דערלייזונג... משה האָט דורך שטילן דעם פאָלקס תאוהס געפּעלשט אין זיך. אָבער וואָס זאָל ער טאָן? — ער פירט דאָך יעדן טאָג מלחמה מיט זיין בלוט.

משה האָט אויך געפּעלשט אין זיך דערמיט, וואָס ער האָט געשיקט מרגלים אויסצוקוקן ס'לאַנד. צו־וואָס האָט ער דאָס געטאָן? קוים האָט גאָט צוגעזאָגט די אָבות אַ לאַנד, וואָס טריפט מיט מילך און האָניק און די מחנה אין מצרים האָט כסדר געחלומט וועגן לאַנד, טאָ הלמאי איז ער געגאַנגען אויספּרואוון דעם אמת פון גאָטס צוזאָגן? — אמת, ס'פּאָלק האָט אים באַ־לאַגערט און געפּאָדערט, אָבער דאָס איז געווען אַ פּעלשונג. און פאַר אַט דער פּעלשונג בעט משה, אַז גאָט זאָל אים צונעמען פון צווישן די לעבעדיקע.

די מרגלים (אויסער יהושע און כלב) ברענגען שלעכטע ידיעות וועגן צוגעזאָגטן לאַנד. ס'פּאָלק ווערט פאַרצווייפלט און וויל צוריקגיין קיין מצרים... וואָס־זשע הייסט עס? איז יציאת מצרים און מעמד הר סיני בלויז אַן אומגעלונגען שפּיל, און נישט אַ גרויסצוגיקע מענטש־געשיכטע? ניין. משה האַלט, אַז ס'איז נישטאָ קיין צוריקוועגס; דאָ אין דעם מדבר מוז קומען דער באַשייד. סיי ס'פּאָלק סיי זייער מנהיג האָבן געפּעלשט אין זייער שליחות און מוזן אויסשטאַרבן אין דער מדבר. זיי זיינען נישט ראוי צו באַטרעטן ס'צוגעזאָגטע לאַנד און בויען אהיה'ס מלכות. דער דור צוזאַמען מיט

משהן איז אַ פאַרפאַלענער און משה וויינט ס׳געוויין פון אַלע דורות. ער באַקלאָגט אויך זיין אייגענעם גורל. איינצאַמענדיק זייער חיהדיקע תאווה, איז ער אַליין פאַרטרונקען געוואָרן מיט אומווערדיקייט און איז צוזאַמען מיט זיי געזונקען . . . ער זעט נישט קיין שום זכות פאַר זיין ווייטערדיקער שליחות; ער וויל אַוועק פון דער וועלט, כדי זיך צו באַהעפטן מיט דער אייביקייט. זיינע לעצטע ווערטער צום אויפגעזאַמלטן פאָלק זיינען:

די טאַטעס אייערע
און אויך — מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט. רוט שוין
ס׳געביין זייערם אין מדבר. איך וועל מיינס
ביז זון פאַרגייט אויף רו אַוועקטראָגן.

דער געטלעכער משה האָט געזען, אַז במשך פון פערציק יאָר איז ער ביס־לעכווייז עפּעס צוריק אַריין אין מענטשלעכן גילגול. לכתחילה איז ער געווען גאָטס שליח אויסגעלייזט פון זיין אייגן לייב, אַ צאַרנדיקער מנהיג און באַפעלער אין נאָמען פון העכסטן באַפעלער. שפּעטער האָט ער דער־שפּירט, אַז ער איז אַ פּשוטער, מענטשלעכער ברודער פון לעבעדיקן פאָלק.

אַמאָל ביז כ׳בין געוואָרן שטום,
איך האָב געמיינט — איך האָב זיך אויסגעלייזט פון זיך,
איך בין נישטאָ מער. אָבער ווען דערנענטערט זיך צו אייך,
בין איך צוריק געוואָרן מענטש און ברודער — בלוט
פון אייער בלוט און ביין פון אייער ביין.

און האַרט פאַרן טויט דערקלערט ער:

איצט איז מיין צייט געקומען. ס׳נעמט אַן אַנדערער
די שליחות איבער. ביז איך שייד זיך אָפּ פון אייך
האָב איך רשות געבעטן אויף דער לעצטער שעה
צו ווערן מענטש מיט אייך, צו ווערן ברודער.

משהס „אהיה", וואָס באַטייט אייגנטלעך זיין, דאַרף אין מנחמס אַספּעקט ווערן ווי אַ קרייצונג צווישן עקזיסטענץ און באַרוף. אין דער מענטש־לעכער טאָג־טעגלעכערווירקלעכקייט איז דאָס אַ קוואַליטעט, וואָס דאַרף זיך ערשט היסטאָריש אַנטפּלעקן. און דאָס איז געווענדט אין אונדז אַליין. ביז „יענעם" טאָג האָבן מיר אַלץ צו טאָן מיט אומאויפהערלעכע פאַרמעסטן, וואָס דאַרפן אונדז מאַכן רייף אויפצונעמען די פולע גאָט־אַנטפּלעקונג.

איז דאָס אַן אוניווערסאַל פּראָבלעם, וואָס וועקט דעם אינטערעס ביי

יעדן דענקענדיקן מענטש. ביי מנחמען, דעם דיכטער־דענקער, האָט ס׳זעל־ביקע פּראָבלעם נישט נאָר געוועקט אינטערעס, נאָר ממש אים אומאויפהער־לעך באַאומרואיקט און געעגבערט. דאָס איז פאַר אים געווען אַן אינדיווידוע־לער ענין און דאָך אָרגאַניש געבונדן מיטן טראַגישן שיקזאַל פון זיין פאָלק.

די דראַמאַטישע פּאָעמע „משה״ באַשטייט אין מאַנוסקריפּט פון פופצן בילדער. ס׳איז אָבער נישט זיכער צי מיט דעם שעפּט זיך אויס די גאַנצע פּאָעמע לויט דעם פּאַרנעם ווי דער אויטאָר האָט זי פאַרטראַכט אָדער זי איז אפשר פאַרבליבן אַ נישט־פאַרענדיקטע. דערפאַר פעלט מעגלעך די סצענישע אילוסטראַציעס פאַר דעם באַזונדערן באַטייט פון משהס „העכערן״ טויט, אויף וועלכן מנחם ווינקט אַן עטלעכע מאָל.

אין דער יידישער טראַדיציע ווערט משהס טויט — געשטיצט אויף די ווערטער אין חומש: „על פי ה׳ ״ — באַצייכנט ווי אַ מיתת נשיקה, ד״ה אַ קוש־טויט. — דער רמב״ם ווי אַ פילאָזאָף, וואָס האָט געהאַלטן, אַז דער הויפּט־ציל פון מענטשן איז — הכרת הבורא, רעדט אין שייכות מיט משהס טויט ווי וועגן טויט פון אַ געלייטערטן חכם בכלל. דער רמב״ם מיינט, אַז דער חכם דאַרף קודם־כל באַקעמפן אין זיך די ליידנשאַפטן, וואָס זיינען אַ שטער צום ריינעם דענקען, ממילא צו דער שלימותדיקער גאָט־דערקענ־טעניש. וואָס מער דאָס תאווהדיקע ווערט אונטערדריקט אַלץ שטאַרקער זיינען די הכרה־מעגלעכקייטן און אַלץ דערהויבענער איז די זעלישע פרייד, וואָס קומט פון דער זעלביקער הכרה. דער טויט פונעם חכם קומט אין אַ מאָמענט פון גרויספרייידיקן זעלישן געניוס. די נשמה טיילט זיך דעמאָלט אָפּ פון גוף און פאַראייניקט זיך מיט דער אייביקייט. דאָס איז אַ מיתת נשיקה, וואָס לייזט אויס פון פיזישן טויט. דאָס איז אַ „טויט״, וואָס שטאַמט פון דער דערהויבנסטער גאָט־ליבע־דערקענטעניש. דער פיזישער טויט לייזט זיך אויף אין לויטערער גאָט־ליבע, וואָס ווערט פאַרזיגלט מיט אַ הימל־קוש. — אויך מנחמס משה האָט זיך שטענדיק געראַנגלט מיט די אייגענע תאווה־פעלשונגען און לסוף לויטן אייגענעם באַגער אין אַ צושטאַנד פון דערהויבענער גאָט־ליבע זיך צונויפגעגאָסן מיט דער אייביקייט.

מיטן שרייבן די דראַמאַטישע פּאָעמע „משה״ האָט מנחם פאַרבונדן גרויסע ליטעראַרישע פּלענער. ער האָט דערביי זיך געמאַכט אַ חשבון הנפש. אין זיינע פּערזענלעכע נאָטיצן שרייבט ער דערוועגן:

„עס זאָל געלינגען צו פאַרענדיקן „משה״ — שטייען אָפן צוויי וועגן. איינער — נעמען ווייטער „גרויסע געשטאַלטן״ און פירן אַ ליניע פון יידישער מחשבה דורך דורות. דאָס וועט זיין צופיל „טעמע״. דער צווייטער וועג — גיין צו זיך און מאַכן פון זיך דאָס, וואָס כ׳האָב געמאַכט פון טאָטן אין „גייער״.

דאָס איז אַ גרויסער פּאַרמעסט וואָס פאַרלאַנגט אַ סך כּוחות. ווען מיר סטייען כּוחות און וועלן מיר סטייען אויך יאָרן?״

„דער צווייטער וועג איז דער געזינטערער. דאָס איז קלאָר. עס זיינען דאָ אין אים מעגלעכקייטן פאַר פּערזענלעכער עמאַנציאַנעלער אויסלעבונג, פאַר פּערזענלעכן סך־הכּל. די אַרבעט קען געבויט ווערן אַזוי, אַז זי זאָל אַריינגעמען אויך די „היסטאָרישע געשטאַלטן״, אפשר נאָך אין אַ גרעסערער מאָס ווי אין „גייער״. אלא־יאָרן? איז וויפל יאָרן עס וועלן געשאַנקען ווערן, אַזוי פיל אַרבעט וועט ווערן אָפּגעטאָן״.

לאָמיר זיך אַליין טאָן אַ געפעליקייט און גלויבן, אַז אויף דעם קאָפּ פון מנחמען, דעם דיכטער־דענקער, וואָס האָט זיינע שטענדיקע גאָט־זוכענישן און גאָט־דערקענטענישן פאַרענדיקט מיט דער פּאָעמע „משה״, איז געפאַלן אַ שטראַל פון משהס ליכט. אויך מנחם האָט אין אַ מאָמענט פון פריידיק־דיכטערישן גאָט־ליבע־געניס זיך געשיידט מיט דער ערדישער וועלט... און אפשר איז עס סימבאָליש, וואָס דער אויטאָר פון דער פּאָעמע „משה״ האָט אויסגעהויכט זיין נשמה אין שבת־שירה, אינעם טאָג פון משהס געזאַנג — „זה אלי ואנוהו״ (דאָס איז מיין גאָט, און איך וועל אים באַשיינען).

***

וכי רבי לא שנאה ר׳ חייא מנין לו? — פּרץ, דער רבי, האָט עס נישט געלערנט, פון וואַנען־זשע האָט עס גענומען דער תּלמיד זיינער מנחם? האָט דאָך פּרץ נישט אין זיינע שריפטן און נישט אין זיינע מינדלעכע אַרויסטרע־טונגען געפירט דעם לייענער אָדער הערער צו אַ בפירושער אהיה־פילאָזאָפיע. פּרץ איז בכלל נישט געווען קיין גאָט־דערקענער; געווען אַ שטענדיקער פאַרמעסטער, אָבער נישט קיין דערגרייכער. בכלל האָט ער פאַר זיינע וויזיעס נישט געהאַט קיין קאָנקרעטן שום לבוש; אַלץ איז געווען איינגעהילט אין אַ נעפּל הוילע אַבסטראַקציעס.

יאָ, פּרץ האָט געלעבט אין אַ צייט, ווען אַלץ האָט געשפּאַרט צו אַן אינע־וויניקסטער איבערשאַצונג. אָבער דערביי האָט ס׳דעמאָלטיק, אפילו „אי־בערגעשאַצט״ יידיש לעבן נאָך געהאַט געגוג אייגענע זאַפטן. פּרץ האָט זיך אייגנטלעך געשפּילט מיט דעם שיין פון אַ קולטור־רעוואָלוציע, אָבער ער האָט זי קיינמאָל נישט אַקטואַליזירט.

מנחמס רייפע דיכטערישע יאָרן זיינען זיך שוין צונויפגעפאַלן מיט אַ צייט ווען ס׳יידישע לעבן איז ביסלעכווייז אויסגעליידיקט געוואָרן און לסוף אַנגעהויבן איינטריקענען. דאָ אין האָדסאָן־לאַנד האָבן יידן געפּרוּווט

פון זיך אַראָפּוואַרפן די לאַסט פון דורות און אַזוי אַרום פּאַרלירן דעם נאַציאָ־נאַלן ווידערשטאַנדס־כוח. מנחמס וואָך האַרץ האָט דעריבער געוויטיקט און מינוטנווייז זיך געטרייסט מיט דער וואַרעמקייט, וואָס האָבן איבערן אוקינוס געשלאָגן פון דער „אַלטער" היים. די לאַגע איז אָבער געוואָרן גאָר יתומדיק, ווען ס׳יידישע פּוילן איז פאַרשניטן געוואָרן... האָט ער געוועגדט זיין גייסטיקן בליק צו פּרצן...

י. ל. פּרץ האָט געלעבט אין אַ צייט פון גרויסע יוירונגען, ווען מ׳האָט אפשר געקאָנט שטיפעריש פלירטעווען מיט אידעען. דעם טויט־ערנסטן מנחמען זיינען אָבער שטענדיק געווען פרעמד לייכטע שפּילערייען. ער האָט דאָס פּאָטענציעל־פּרצישע אַקטואַליזירט אין אַ גרויסער דערהויבונגס־קראַפט; ער האָט צונויפגעקליבן די צעזייטע פּרצישע פונקען און פון זיי אויפגעבלאָזן אַ פלאַם. דער אַמאָליקער צעשפּילטער פּרץ איז נישט דערגאַנגען צום אהיה־פונקט, דער הייניקער נאָך־מאַידאַנעק־פּרץ וואָלט געמוזט דערצו דערגיין...

י. ל. פּרץ האָט זיינע אידעען אַרויסגעפּישט פון די שפּרודלדיקע פאָלקס־קוואַלן. מנחם האָט זיי במשך פון פערציק יאָר געהאַלטן אין איין איבער־בעמען און לסוף זיי איינגעשפּאַנט אין היסטאָרישן גאַנג פון דער נאַציע... ער האָט דאָס איבערטראַנספאָרמירט־פּרצישע, שיקזאַלהאַפטיק־יידישע אַריינ־געהויכט אין אַלע זיינע שאַפונגען: לידער, פּאָעמעס און דראַמעס.

ווען די חורבן־יאָרן האָבן אונדז אָנגעהויבן וואָרגן און מיטאַמאָל באַ־וויזן די אידעאישע צעטומלטקייט פון אונדזער דור, האָט דאָס שיקזאַלהאַפטיק־יידישע אָנגעהויבן שוימען איבער די ברעגעס פון מנחמס דיכטערישע שאַ־פונגען און איז אַריבער צו זיין וועקעריש פּובליציסטיש וואָרט. די יידישע קולטור איז אויסגעליידיקט, דער היסטאָרישער זינען איז פאַרטונקלט, די נאַציאָנאַלע דיסציפּלין איז צעשפּאַנט — דעם פאָלק דראָט אַ גייסטיקע סכנה. האָט פּרצעס תלמיד איבערגענומען די טאָג־טעגלעכע שליחות פון „אהיה שלחני אליכם" און אין צאָלרייכע עסייען, אויפזאַצן און אַרטיקלען, צעזייט איבער בראָשורן, זשורנאַלן און צייטונגען, גענומען מיושבדיק לערנען, פּלאָ־מיק מאָנען און שטראָפן.

היות אונדזער נאַציאָנאַל־גייסטיקער קיום איז באַדראָט, דאַרפן אונדזערע וועלט־שפּירונגען ווערן פאַרשאַרפט, אַז מיר זאָלן קאָנען מיטשלאָגן מיטן ריטם פון דעם וואַנדערנדיקן יידישן האַרץ. ס׳האָט געוואַנדערט פון ירושלים איבער אַלכסנדריא, פּומבדיתא, קאָרדאָווע, וואָרמייזע, מיינץ, מאָנפּעליע, קראָקע, לובלין, קיעוו, ווילנע, לעמבערג און וואַרשע. איצטער איז אויפ־געקומען אַ נייע פּאָזיציע — אַמעריקע. דאַרפן מיר אויך דאָ זיין וואַך פאַרן היגן יידישן האַרצשלאָג... דאָס איז אַ מער שלימותדיקע „גלותיאַדע",

וועגן וועלכער מנחם האָט נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק געדיכטעט אין זיין פּאָעמע „זאַמד".

לויט מנחמען איז יידישקייט נישט קיין רשות, נאָר אַ חוב. אָבער וואָס איז יידישקייט אין וועזן? — אויף דעם ענטפערט מנחם אין זיין בראַשור „דער קריזיס אין יידיש":

„אַ לעבנפאָרם, וואָס שטרעבט אַריינצושטעלן דעם כלל ווי דעם יחיד אין אַזאַ דיסציפּלין, אַז דער דראַנג צו האַרמאָניע און שלימות זאָל איבער־וועלטיקן די ברוטאַלע עגאָאיזמען; גאַנג פון טומאה צו קדושה; קאָנטראָל פון אייביקייטס־געפיל איבער דער טאָג־טעגלעכקייט. דער צענטראַלער זייל אויף וועלכן דער מענטש זאָל זיך אָנשפּאַרן, דער לייטער איבער וועלכן ער קען שטייגן צו שלימות אין זיך און אין דער וועלט איז צו גאָט־אידעע."

אַוודאי גיט מנחם נישט קיין רעאַלן ענטפער אויף אונדזערע גרויע טאָג־טעגלעכע פּלאָגן. זיין ליניע איז אַ ווערטיקאַלע און נישט יעדער בשר ודם קאָן אין זיך פאַרווירקלעכן די פולע קדושה. מנחם גיט אונדז אָבער די וויזיע פון קדושה. אין אונדזער הייניטיקער זעלישער צעפאָרנקייט איז מנחם דער וואונדערלעכער שיינגייסט, וואָס אַקצעפּטירט נישט די סטיל־לאָזע ווירקלעכקייט, רופט אונדז אומאויפהערלעך צו נייע פאָרמעסטן און קרבנות.

אין איין־און־זעכציקסטן יאָר פון זיין לעבן, י"ג שבט תש"ט (12טער פעברואַר 1949) האָט דער אומדערבאַרעמדיקער טויט פון אונדז אַוועקגעריסן מנחמען. ער האָט איבערגעלאָזט זיין פרוי שרה, בת־יחידה אַדאַ, איר מאַן אפרים פאַגעל און צוויי אייניקלעך. ער איז געווען דער נאָבעלער דיכטער־דענקער, וואָס האָט ערלעך געוויטיקט איבערן שיקזאַל פון זיין דור. ווי י. ל. פּרצעס אַ קאָנטינואַטאָר האָט ער ביי זיך און ביי אונדז געמאָנט פאָלקס־געטריישאַפט, העכערן זינען פאַר יידישקייט, אַחריות פאַר דער יידישער גע־שיכטע און פאַר דער וועלט. ער איז אַוועק, אָבער זיין אָרט אין דער יידי־שער ליטעראַטור איז פאַרבליבן אַ גלאַנצפולע פּאָזיציע, וואָס קיינער וועט זי נישט קאָנען אויסמיידן.

ניו־יאָרק, חודש יולי 1949.



מנחם באָרײשאָס פאָטער, ר׳ אהרן נח גאָלדבערג

משה

באַמערקונג פון מחבר :

צווישן די ביבל-פאָרשער און עגיפּטאָלאָגן גייט אָן אַ פּלוגתא וועגן דעם ווען יציאת מצרים איז פאָרגעקומען. קיין עגיפּטישע קוואַלן פאַר אַזאַ געשעעניש זיינען נישטאָ : מען פּרואווט עס אַריינטייטשן אין אַנדערע פּאַסירונגען. אַזוי אַרום ווערן אָנגעגעבן פאַרשידענע דאַטעס : 1290, 1335, 1379 (פאַר דער קריסטלעכער צייט). פּראָפ. יהודה און אַנדערע נעמען אָן דעם פּסוק א׳ אין מלכים (א) ו׳, אַז די בויאונג פון בית-המקדש האָט זיך אָנגעהויבן 480 יאָר נאָך יציאת מצרים. אויב מען זאָל אָננעמען, אַז דאָס איז פאָרגעקומען אין 967 (פ.ק.צ.) פאַלט יציאת מצרים אויס אויף 1447, צום סוף פון דער הערשאַפט פון טאָטמעס דעם 3-טן, איינעם פון די מעכטיקסטע עגיפּטישע הערשער.

איך פּרעטענדיר נישט, חלילה, אויף קיין פאַרמעסט מיט די פאָרשער. אָבער, ביים פאַרטראַכטן זיך וועגן פּראָפ. יהודה׳ס הנחה איז מיר אויפגעקומען, אַז די ציפער 40 (טעג פון מבול, טעג פון משה׳ס זיין אויפן באַרג סיני, יאָרן פון גאַנג אין מדבר, יאָרן פון הערשאַפט פון אַ צאָל שופטים, פון דוד׳ן און שלמה׳ן) שמעקט מיט מיטאָלאָגיע און דער חשבון 480 האָט מיר אויסגעקוקט ווי די מיטאָלאָגישע 40 גע׳כפלט אויף דער צאָל שבטים.

חוץ דעם האָבן די פּרעהס אויך נאָך טאָטמעס דעם דריטן געמאַכט אינוואַזיעס אין לאַנד כנען, און די נצחונות פון רעמסס דעם צווייטן אין לאַנד, וואָס האָט שוין געזאָלט זיין באַזעצט פון די צוועלף שבטים, פאַרנעמען אַ חשובן פּלאַץ אין זיין באַרימערישער ביאָגראַפיע. אין אַלע מלחמות צווישן די בני-ישראל און זייערע שכנים ווערט נישט דערמאָנט, אַז עמעצער פון זיי זאָלן צאָלן צינז צו מצרים און עס ווערן בכלל קיינע אינוואַזיעס נישט דערמאָנט. עס איז דעריבער גרינגער אָנצונעמען, אַז די בני-ישראל האָבן פאַרנומען דאָס לאַנד כנען נאָך מערנעפּסאַן, דעם זון פון רעמסס דעם צווייטן, ווען די מיליטערישע מאַכט פון מצרים איז געפאַלן.

אַזוי ווי נאָך אַלע פאַקטן און פעסטשטעלונגען איז נאָך אַלץ שווער אָפּצוטיילן דאָס היסטאָרישע פון מיטאָלאָגישן, האָף איך, אַז מיט מיין אויסוואַל פון דער דאַטע האָב איך נישט געפעלשט אין היסטאָרישן אמת.

מ. ב.

משה

א

(אַ מדבר. פאַרן אויג אַ פעלזנבאַרג. עס שטאַרצן דאַרנקוסטעס פון דער ערד. דאָס ביסל גראָז איז אויסגעצופט און שעפעלעך פאַרשמאַכטע ליגן, מעקען קלאָגנדיק מיטן רוקן צום באַרג זיצט משה. גרויס און ביינערדיק. דאָס פנים, אָרעמס, פיס — אַ טונקל בראָנדז. אין האַנט — דעם פאַסטעך־שטאַק אין דר׳ערד אַריינגעגראָבן, אויף דער האַנט וואָס האַלט דעם שטאָק, איז אָנגע־שפּאַרט דער קין און ס׳פּאַלט צווישן די קני אַרונטער די גראָ־געשטרייפטע שוואַרצע באָרד).

משה (ברומט צו זיך):

ווּעסטו קענען פיטערן די שעפעלעך,
פיטערן מיט רחמים און מיט ליבשאַפט,
ווּעסטו קענען זיין אַ פאַסטעך אויך
צו מיין פאָלק וואָס דו ווּעסט אויסלייזן.
משה האָט קיין רחמים און קיין ליבשאַפט נישט,
משה קען נישט פיטערן קיין שעפעלעך —
ליגן זיי פאַרחלשטע און קלאָגן
אַ געקלאָג פון הונגער און פון דורשט.
משה קען קיין פאָלק נישט ליב האָבן,
משה קען קיין פאַסטעך ביי אַ פאָלק נישט זיין —
שטייען זיי ביי ציגל אין מצרים,
וואַרטן אויפן אויסלייזער אומזיסט.

(פון ערגעץ קומט אַ רופן: — **משה!** קערט ער אום דעם קאָפּ צום דאַרנקוסט — דער דאָרן שווייגט. ער הערט. דאָס קול קומט

(פון ערגעץ קומט אַ רופן! — **משה!** קערט אום דעם קאָפּ צום דאָרנ־קוסט — דער דאָרן שווייגט. ער הערט. דאָס קול קומט ווידער. איצט דערקענט ער עס און ענטפערט: — **איך בין דאָ!** — **וואו ביסטו? — דאָ, ביים באַרג!** ער שטעלט זיך אויף אַנטקעגן דעם וואָס קומט. איצט זעט מען אים: די פּאָטלעס האָר פון אונ־טערן קאָפּ־טוך, באָרד ביזן גאַרטל, שטאַליקייט פון מוסקולן און מאַכט פון קאָפּ אויף אויסגעשמידטן האַלדז. עס קומט אָן **יתרו** און מיט אים **צפורה.**

יתרו (אַ זקן):

שוין אַ מעת־לעת מיר וואָגלען דאָ. וואָס טראָגט
דיך אום אין אַלע וויסטענישן? וואו פאַרשלעפּסטו מיר
די שאָף? זיי זיינען דאָך שוין אויסגעפאַלן!

משה (ווי נישט געהערט, מיט פחד קוקט צום ווייב):

צו וואָס פאַרפאָלגסטו מיך?

צפורה:

איך בענק נאָך דיר, מיין האַר!

משה:

איך האָב געגעבן דרי צוויי זין. וואָס ווילסטו נאָך?

צפורה:

נאָך זין און טעכטער.

משה:

כ׳האָב נישט מער פאַר דיר
קיין קינדער. וואָס געדאַרפט געבוירן און באַהעפט
מיט נאָך אַ לייב האָב איך דורך דיר געבוירן.
איצט דאַרף איך מער נישט. ביסט מיר איבעריק.

צפורה:

נישט אמת! דו אַנטלויפסט פון זיך. עס קען
די פרוי דעם מאַן אין שויס ביי איר. מיט הונגער
פון לעמפּערט האָסטו מיר דאָס לייב פאַרצוקט,
און לעמפּערט שטילט זיין הונגער נישט מיט מדבר.

משה:

איך זאָג דיר: כ׳האָב נישט מער פאַר דיר קיין קינדער.
בין מיד געוועזן פון יאָרן נע ונד און דיך
דערזען ביים ברונעם. איז אַן עלטער־זיידע

מיר אויפגעקומען, וואָס האָט אויך ביים ברונעם
דערקענט זיין כלה, האָב איך דיך באַשיצט
פון בייזע פאַסטעכער און זיך געשטעלט ווי ער
דיין פאָטערס שאָף צו פיטערן. נאָר איך
בין נישט מיין עלטער־זיידע. ווער עס איז געווען
זיין גאָט, האָט אַנדערש זיך דערקענט צו מיר.
ער שיקט נישט קיין מלאכים זיך צו ראַנגלען
מיט מיר ביינאַכט און כ׳מער קיין קינדער נישט
מיט ווייב און דינסט. ס׳איז מדבר מיר געווען היים
ביז כ׳בין אונטער דיין טאַטנס דאַך געקומען,
ס׳איז מדבר איצט מיין היים. כ׳האָב דיר געגעבן זין,
זיי זיינען דיינע, כ׳האָב נישט מער, און מאָן נישט מער.

יתרו (צו דער טאָכטער):
דו זעסט דאָך — ער איז נישט קיין מענטש. אַ דאָרן,
אַ שרפעדיקער מדבר־דאָרן, און נישטאָ
קיין האַרץ אין אים. ווי דיך, אַזוי די שאָף מיינע
פאַרשמאַכט.

משה:
די שאָף? איך קען נישט זעטיקן
דיין טאָכטערס הונגער, נאָר די שאָף דיינע
געזעגנע און גאַנצע וועל איך אומקערן.

(ער נעמט אַ שעפעלע אין אָרעם, רעדט צו דעם):
פאַרשמאַכט? מיר ווילן טרינקען?
טרינקען ווילן מיר?
וואָס זיינען שולדיק שעפעלעך ווען משה
וויל נישט קיין שליחות אָננעמען פון דאָרן?

(ער לייגט עס צוריק אַוועק. גייט מיטן שטעקן אום און טאַפּט די ערד. דערטאַפּט עפּעס און קלאַפּט, קלאַפּט אימפּעטיק די ערד, ס׳ברעכט אויף אַ קוואַל, ס׳נעמט פלייצן וואַסער, צערינען ריטש־קעלעך, די שאָף שטעלן זיך אויף און לעקן מיט די צינגער):
ס׳איז גוט? און באַלד וועלן מיר עסן פרישן גראָז.

יתרו (טרעט אָפּ אין שרעק):
האָסט נישט פאַרגעסן נאָך דעם כישוף פון מצרים?

צפורה:

ס׳איז נישט קיין כישוף, טאַטע!

משה:

ניין, נישט כישוף!
דער שטעקן איז אַ שטעקן, איך בין איך
און ס׳וואַסער איז פון טיפן קוואַל אין דר׳ערד.
נאָר אַלע זיינען מיר איין לייב, איין וועב,
איין אָטעם — אַלע איינס. ווי איך לייג צו
מיין האַנט און פיל דאָס בלוט אין מיינע שלייפן,
אַזוי פיל איך דעם אָטעמשלאַג אין שטעקן,
אין ערד, אין שטיין, און זיי דורך מיינע בלוטן פילן
אויך מיך, מיין וואונטש און ווילן. און ווי ס׳טוט
מיין אָרעם מיין באַפעל, אַזוי אויך טוען זיי,
ווייל אַלע זיינען מיר
איין לייב, איין אָטעם — איינס.

יתרו:

האָט זיך דער כוח פון אַ גאָט אין דיר באַזעצט?

משה:

נישטאָ קיין געטער. עס איז דאָ בלויז וועלט
און דער וואָס האָט דורך וועלט געגעבן זיך
אַ פורעם.

יתרו:

דער באַשעפער אירער, גאָט!

משה:

ניין, לעסטער אים נישט, גיב אים נישט קיין נאָמען!
עס דאַרפן נעמען די וואָס מענטשן האָבן זיך
געמאַכט פאַר געטער. ער, ער איז געווען
פאַר מענטש, פאַר וועלט, פאַר אָנהויב. ער איז איידער
און שפּעטער. ער איז אייביק זיין. ער איז.

יתרו:

און דו ווער ביסט?

משה:

איך בין דאָס זיין פון אים
אין לייב און בלוט.

יתרו:

בלויז דו? מער קיינער נישט?

משה:

אויך דו און זי. איר ווייסט עס אָבער נישט.

יתרו:

און דו — פון וואַנען ווייסט?

משה:

פון מדבר. דאַרפסט אַוועק
פון מענטשן, זייערע לייבער, ווילנס, הונגערס,
זיך אָפּשיידן פון נאָנט און ווייט, פון נעכטנס
און מאָרגנס, אָפּשטעלן די צייט און זיך אַליין
אין צייט און ווערן היינט, בלויז היינט, בלויז אַלעמאָל.
צעעפנט זיך פאַר דיר דער אַלעמאָל
אין מדבר־הימלען, אין די שטערן, אינעם זאַמד,
אין שפּראָץ פון גראָז, אין ריזלען פון דיין בלוט
און הערסט. ביסט בלויז געהער, געשפּיר. אויך שלאָף
ווערט וואַכיקער געהער. די זון גייט אויף,
גייט אונטער, ס׳ווערט איר גליענדיקער קרייז
אַן אָטעמשלאָג פון אַ צעגליטן אייביק
און ציילסט נישט מער די טעג, די קרייזן אירע,
ווי ציילסט דיין אייגן אָטעם נישט, נאָר גאַרסט
אַריינצושפּירן זיך אין אייביק, ווערן איינס
מיט אים ווי זאַמד, ווי שטערן. ביז פון חלל שפּירסטו,
אַז אייביקס אָטעם וויל זיך איינוועבן אין דיר
ווי דו אין אים — און ביסט נישט מער אַליין.
אויף וואָס עס פאַלט דיין אויג און וואָס עס קומט
אין דיינע פינגער — אַלץ ווערט ער. דורך יעדן זעמדל
מיט גלי אין לייב דיר טריפט ער און פון יעדן גרעזל
מיט לעבן זאַפּט ער זיך אין דיר אַריין.
מיט יעדן וואַסערשלוק, מיט יעדן ביס פון טייטל

דיר טריפט ער אינעם אינגעווייד אַריין.
ביז דו דערהערסט זיין קול. ער רעדט אין דיר.
אַמאָל איז עס פון טאַטנס קול, אַמאָל
דיין אייגענער, און דאָך נישט דו. ס'איז ער.
פון אָנהייב ווי אַ קינד ביסטו, ווי יענע
וואָס שפּילן זיך מיט געטער. דאַרפסטו צייכנס
און זוכסט זיי אַרום זיך. עס צינדט זיך אָן
דער דאָרנבוים, דו הערסט פון אים אַ קול.
דערנאָך באַדאַרפסטו עס נישט מער. דו ביסט
אַליין דער צייכן — דו און ער אין דיר.
דו ווייסט עס און ביסט גרייט פאַר אַ נסיון.
פאַר אים אין דיר, פאַר דער באַהעפטונג אַ נסיון.
(ער האַקט זיך אָפּ און רעדט צו זיך):
פאַרגיב מיר וואָס איך זאָג די סודות אויס!
דו האָסט דאָך נישט אַן איינציקן, אַ משה,
זיך אָפּגעקליבן צו אַנטפּלעקן זיך צו אים.
דו ווילסט דאָך מיך צו מענטשן שיקן — איך זאָל גיין,
אַ מין אַ מענטשלעכן צוזויפּברענגען מיט דיר.
(ער זעצט זיך אויפן שטיין אַן אויסגעשעפּטער).

יתרו (מיט פּחד קוקט אים אָן און וואָגט און פרעגט):
און אַז דו ווילסט זיך שטעלן צום נסיון?

משה:
דערוועגסטו זיך און זאָגסט: אויב איך בין דו —
גיב מיר דעם כוח גראָז צו מאַכן וואַקסן
פון ערד. און הערסט: — דער כוח איז אין דיר.
און סהייבט דיך אויף דער כוח, לייגסט אַוועק
די הענט אויף הייסן זאַמד און זע — עס שפּראָצן
אין הויט אַריין דיר קילע ווייכע שטענגלעך גראָז.
(ער גייט און טוט עס רעדנדיק).

צפּורה:
דעריבער דאַרפסטו מיך נישט מער. מיט ערד
באַהעפסטו זיך.



מנחם באָריישאַ און זיין פרוי שרה — 1909

משה:
מיט ערד, מיט קוואַל אין ערד,
מיט האַרטן שטיין, מיט בריענדיקן דאָרן.

צפורה:
איז אויב ס׳איז גאָט אין דיר — פאַרוואָס אין דיר
דער טרויער אַזוי גרויס?

משה:
ווייל איך דאַרף גיין צוריק.

צפורה:
צו מענטש?

משה:
און צו נסיונות מיטן אייביקן.
פאַר זיך דאַרף איך קיין וואַסער פון דער ערד
נישט מער אַרויסשלאָגן און פונעם זאַמד קיין גראָז
נישט מאַכן וואַקסן איך זאָל וויסן ווער איך בין.
פאַר דיר, דיין פאָטער און זיין שאָף — געדאַרפט.
פאַר זיי, די ברידער מיינע אונטער פרעהס יאָך,
צו וועמען איך דאַרף גיין — פאַר זיי וועל איך נאָך מער
באַדאַרפן. צייכנס ווייזן זיי. מיט צייכנס
די אויגן אויפרייסן, מע זאָל מיר גלייבן.

יתרו:
דיר גלייבן, וואָס?

משה:
אַז ס׳האָט מיך עלטער־זיידעס גאָט
געשיקט פון פרעהס יאָך זיי אויסצולייזן.

יתרו (מיט פחד):
דו איינער קעגן פרעהן?

משה:
אייביקער אין מיר
און ווילן זיינער, די קנעכט ביי ליים און שטרוי,
זיך צו אַנטפלעקן.

יתרו:

און די צייכנס שרעקן דיך?

משה (ווי ניט געהערט):

טו אויס דעם שוך, ווייל הייליק איז דאָס אָרט —
האָב איך געהערט דעם טאַטנס קול פון דאָרן.
האָב איך געזאָגט: — איך דאַרף נישט אויסטאָן, טאַטע!
איך בין אַ באָרוועסער. ווי קאָרע מיינע זוילן
און טרעטן זיכער אין די דערנער. און איך דאַרף
קיין הייליקייטן נישט, ווייל אייביקס אָטעם
מאַכט הייליק אַלץ וואָס איך באַריר. האָט ער געזאָגט:
נישט דו, נאָר די צו וועמען ביסט געשיקט
זיי דאַרפן וויסן וואָס איז הייליק, הייליק, הייליק.

יתרו:

האָסט מענטשן פיינט. האָסט פיינט די ברידער דיינע.

משה:

נישט פיינט! אַז איך בין דאָ, האָב איך נישט פיינט, נישט ליב.
דאָ האָט זיך לעבן אָפּגעשטעלט פאַר מיר.
איך לעב נישט מער. איך בין, ווי ער, ווי הימל,
ווי די חיילות שטערן אין די הימלען.
איך בין. און צי עס קלאַפּט אָדער עס שטעלט זיך אָפּ
מיין אָטעם, ווייס איך — איך וועל קיינמאָל מער
נישט אויפהערן צו זיין. און דאָרט וועל איך צוריק
צו לעבן מוזן גיין. צו פּיין און פּחד.
צו מענטש. צו האָר און קנעכט. צו לייב. צו ריח
פון לייב, פון בלוט, בלוט, ניין, כ׳האָב נישט פיינט,
נאָר ס׳איז נישט מיינס מער. איך געהער נישט מער אַהין.

יתרו:

האָסט דאָך אַליין געזאָגט: נישט איינעם, משהן,
האָט אייביקער דערוויילט פאַר זיין בן־יחיד
צו אים זיך צו אַנטפּלעקן, נאָר דעם מין,
דעם מענטשלעכן, דורך דיר אַנטפּלעקט זיך און צו דיר
געגעבן זיך דו זאָלסט מיט אים צו מענטשן גיין.
ווער דאַרף דיך דאָ אין מדבר? דו מעגסט זיין אַ גאָט,

מעגסט זאַמד און שטיין באַפעלן און באַפרוכפּערן —
ווער דאַרף דיך דאָ, ווען אין פאַרשלונגנקייט אין זיך
די שאָף אַפילו לאָזסטו אויספאַלן?
וואָס לענגער בלייבסט אַליין דאָ אין דיין געטלעכקייט,
אַלץ מער באַגזלסטו דעם אייביקן, וואָס האָט
דיך פאַר אַ גאָט געמאַכט, נישט אין באַהאַלטן זיך
פון לעבן און צונויפגיסונג מיט אייביק זיין
איז דיין נסיון. ער איז דאָרט וואו לעבן לעבט
אין לייב, אין בלוט, אין גלוסטונג, פּיין און פּחד.
און אויב דיין שליחות איז צו מענטש און אויב דו דאַרפסט
דעם מענטשן הייליקן, ער זאָל דעם אָטעם
פון אייביקן דערשפּירן אונטער יאָך פון בייטש —
וואָס אַנדערש קענען דיינע צייכנס ברענגען אים
ווי צדק? און קיין צדק איז נישטאָ אין דיר,
ווייל דו אַליין, אין מדבר אַ באַהאַלטענער,
באַגזלסט אי דיין ווייב אי דיינע ברידער
אי דעם, וואָס האָט דיך אויסדערוויילט צו טאָן זיין ווילן.

משה:

אויך דו ביסט קול פון ברענענדיקן דאָרן,
און ס'וואָרט אויף דיינע ליפּן: צדק — שלאָגט אַרויס
פון מיר. עס איז דער צייכן פון מיין שליחות.
נאָך ווען איך האָב זיין רעכט געטאָן דעם מצרי,
האָט ס'וואָרט אין זיי זיך אָנגעצונדן און באַגלייט
מיין גאַנג אין וואָגל. מיט דעם וואָרט וועט עמרמ'ס זון
דערקענען זיך צו זיי. יאָ, עמרמ'ס זון, דאָס בלוט
פון זייער בלוט. דאָס בין איך אויך. אוןביידע
צערייסן מיך: דער אויסגעלייזטער פון זיין בלוט,
וואָס איז געוואָרן מדבר, און דער זון פון שטאָם
וואָס דאַרף זיך אומקערן צום בלוט פון שטאָם.
דו זעסט דעם באַרג, דעם אָנגעגליטן פעלדז דאָ?
ער איז מיין גרויסער ברודער. מיט געטריישאַפט
פון גרויסן ברודער נעמט ער אויפן קאַרק מיך
און טראָגט מיך צו די הימלען נאָר ווען אויף זיין הייך
אין נאַכטיקער אַליינקייט ווער איך איינס מיט אים
און מיטן אייביק איבער אונדז, צעציטערט זיך

אין מיר דעם טאַטנס לייב, דער מאַמעס מילך, עס שלאָגט
דער ריח פון מענטש אין נאָז פון איבער ווייטענישן, און
איך בלאָנדזשע אום צווישן די ליים־שטיבלעך און הער
דעם אַנגסט־געשריי נאָך צדק און נישט בלויז
דער דאָרן אונטן, אויך דער פעלדז מיך מונטערט, גיי!

יתרו:

נאָר קענסט די מורא פאַרן מענטש נישט בייקומען.

צפורה:

נאָך מער — די מורא זיך אָוועקצוגעבן
דעם מענטש און ווערן איינס מיט אים אין לייב —
די מורא פון אַ גאָט צו ווערן ווידער מענטש.

משה (קוקט זי אָן):

פאַרוואָס באַהעפּט איך זיך מיט ערד און נישט מיט דיר?
אויך דו ביסט זיסער הויפן ערד, וואָס גאַרט
מיט שפּראָצונג אויפצוגיין. נאָר דו געגאַרסט. דו ווילסט
דעם פלאַנצער איינצופלאַנצן אין זיך און ווערסט אַ הימל.
נישט בלאָע הויך פון שטערן אין אומענדלעכקייט
נאָר גלי פון זוניק לייב וואָס שמעלצט און שלינגט.
צעצאָרנט זיך אין מיר דער מדבר־הימל,
צעברומט זיך מיט רציחה, און אין שטראָף
אויף זיך אַליין, דעם האַלב־פאַרשלונגענעם אין דיר
פאַרזוק איך דיך ווי לעמפּערט און אַנטלויף צוריק
צו היים, צו מדבר — יעדע ליבשאַפט איז אַזאַ.
אויך ליבשאַפט צו אַ שטאַם קען ווערן פאַלשער,
פאַרפירערישער, תאווהדיקער הימל.
ניין, נישט פאַר ליבשאַפט — פאַר מיין מדבר־צאָרן,
פאַר בראַנד פון מיין רציחה האָב איך מורא.

יתרו:

ביז דיר האָבן די געטער זיך געפונען
ביי מאַן און ווייב צוקאָפּנס און ביים וויג פון קינד.
זיי האָבן אָפּגעהיט די סטאַדע און געפירט
די האַנט ביים אַקעראייזן און ביים שניידמעסער.

זיי האָבן אין דער צייט געשיקט דעם רעגן,
די זאַנגען אָנגעפילט מיט קערנער און מיט מילך
די אייטערס פון דער קו. צי וויל דער וואָס שיקט דיך
און האָט קיין נאָמען נישט, דעם מענטש אויף מדבר־זאַמד
פאַרברענען? דאַרפן שטעכעדיקע דערנער
דער צייכן זיין פון צדק?

משה:

ניין, דאָס זאָגט נישט אהיה.
דערצייל זיי ווער איך בין און זיי וועלן מיר זיין
צום פאָלק — אַזוי זאָגט אהיה. און די אָבות
האָט ער פאַרשפּראָכן ווי די זאַמד און שטערן
די קינדער זייערע צו מערן און קיין מילך
און האָניק זאָל פון זייער טיש נישט אויסרינען.
אויף לעבן, פּרוכפּערונג, אויף זאַטע שייערס
און פולע לאָגלען הייסט זיך זיי דערקענען אהיה.
נאָר איך — צו מיר האָט ער אין מדבר זיך דערקענט.

יתרו:

דערמאָן זיך וויפל טעג, חדשים, יאָרן
דו האָסט זיך איינגעהערט צום מדבר ביז דערשפּירט
דאָס זיין פון אייביק און געוואָרן איינס מיט אים.
און זאָגסט דאָך — אַלע זיינען עס און וויסן נישט.
דו וויסט. און אויב דו ווייסט — פאַרוואָס איז פאָלק דיינס
דיר ווייניקער ווי שטומער פעלדז? פאַרוואָס געטרויען
דעם זאַמד־מדבר און האָסט קיין גלויבן נישט
אין מענטש־מדבר עס זאָל דיר דאָס אַנטפּלעקן
וואָס פעלדז און זאַמד האָבן אַנטפּלעקט? זאָל פאָלק
דיר ווערן נייער מדבר. גיי אין אים און הער
און שפּיר דעם אייביקן און וועסט דערשפּירן
און וויסן ווי צום אייביקן עס פירן.

משה (צעלויכטן):

דאָס פאָלק — אַ מדבר! פאָלק און מדבר! פונעם יאָך —
צום באַרג אַהער וואו דאָרן האָט פאַר זיי געברענט.
ביים באַרג דאָ זאָלן זיי דערקענען אהיה.

יתרו:

צו וועמען פירסטו זיי? צו זיך, צו היים דיינער
ביים וויסטן באַרג?

משה:

ניין, נישט צו זיך. צו אים,
ווי איך האָב אים דערקענט,

(דערשרעקט זיך)

און טאָמער וועט דער גאַנג
זיי אָפּשרעקן? און טאָמער וועל איך גאָר אַליין
אין ליבשאַפט צווישן זיי צעשמאָלצן ווערן?
און טאָמער ווער איך אָן אין זיך דעם מדבר
און זוך דערנאָך אין צאָרן און רציחה
פאַרטיליקן אי זיך אי זיי?

יתרו:

שטעל זיך אַליין
צום פּרואוו — צי ביסטו האַר אויך איבער אייגן לייב
און ווילן ווי דו ביסט עס איבער ערד און שטיין.
פּרוביר דיין כוח אויס אויך איבער זיך און ווייס
צי קענסטו בלייבן דו אויך צווישן זיי.

משה (מיט שאַרפע אויגן קוקט אים אָן):

איך וועל אַריינלייגן מיין האַנט אין בוזעם
און הייסן, זי זאָל קרעציק ווערן.

(ער טוט עס, נעמט אַרויס די האַנט צוריק)

זע!

זי איז ווי שניי געוואָרן ווייס פון קרעץ.
איצט וועל איך זי צוריק אין בוזעם לייגן ...
און הייסן, זי זאָל ווערן ריין ווי פריער.

(ער טוט עס, נעמט אַרויס די האַנט צוריק)

זי איז ווי פריער ריין. איצט ווייס איך — איך קען גיין.

(נעמט מיטן שטעקן אויפזאַמלען די שאָף. דאָס ווייב, דער שווער העלפן אים צו און גייען).

ב

(אַ וועג. אַ בוים. אַ שטיין. האַלב־נאַקעט, מדבּרדיק זיצט משה אויפן שטיין, און אהרן איבּער אים, אַ זקניש־זויבּערער אין בּלאָען מאַנטל אויף ווייסן קיטל. הינטער זיי צו־רעכט — אַ צענדליק זקנים. לינקס — צפּורה מיט די זין).

אהרן (דערשלאָגן):
די זון איז שוין בּיים האַלבּן טאָג. די זקנים דאָ —
זיי זיינען שוטרים איבּער זייערע בּרידער
און מוזן גרייט זיין בּיז די נאַכט פאַלט צו
אַ חשבּון געבּן פאַר אַ טאָג פון אַרבּעט.
אַלץ איינס וועט זיי די בּייטש נישט אויסמיידן
אויבּ נוגשים האָבּן זיך געכאַפּט. דערלויבּ
אונדז אומצוקערן זיך צוריק אַהיים.

משה:
האָסט מיטגעבּראַכט די זקנים צו דערקענען מיך.

אהרן:
איך בּעט דיך, האַר מיינער און בּרודער, גיי צוריק!

משה:
כ׳האָבּ אַ בּאַפעל אַן אַנדערן. בּין נישט צו דיר
אַליין געשיקט.

אהרן:
בּיסט נאָנט צו דיין בּאַפעלער, הערסט
זיין קול און ווייסט זיין ווילן. איך אָבּער — איך קום
פון פאָלק. און אויבּ דו בּיסט געשיקט צו אונדז מיט דעם
וואָס כ׳האָבּ געהערט — בּיסטו נישט דער דערלייזער.

משה:
דו ווייסט — איך בּין געשיקט. דו האָסט געהאַט
אַ צייכן — פון דער ווייט געהערט מיין קומען.
בּיסט מיר אַרויס אַנטקעגן. מיטגעבּראַכט מיט זיך
די זקנים — און זיי האָבּן דיר געגלויבּט.

אהרן:

דער גאָט פון אונדזערע אָבות האָט געטאָן מיט מיר
אַ חסד — חן געגעבן ביי די לייט
פון פרעהס הויף, און כ׳האָב געקענט אַמאָל
די רשעות לינדערן און אויסבעטן ביי זיי
אַ ביסל גנאָד. ווייסט דער באַשאַפער וויפל בלוט
עס קאָסט מיר צו דערהאַלטן כאָטש ביי הייפעלעך
פון די געפּלאָגטע די אמונה, אַז דאָס וואָרט
פון בונד פאַרשניטענעם מיט אברהמען
וועט נאָך מקוים ווערן. און ס׳איז גרויס געווען
מיין ציטערניש ווען כ׳האָב דערהערט אין זיך דעם רוף:
— דיין ברודער קומט און ער וועט זיין דער גואל...
עס גלויבט אין מיר דאָס פאָלק. האָבן די זקנים
די רוקנס איינגעשטעלט און מיטגעגאַנגען.
פון פנים דיינעם האָט אַ פחד זיי פאַרקלעמט.
אויך מיך. נאָך פערציק יאָר — פאַרגעסן דיין געשטאַלט.
און נישט דערוואָרט אַזעלכן דיך — אַ מדבר־מענטש.
האָב איך געזאָגט צו זיי: לאָזט מיך, דעם ערשטן,
מיין ברודער אויפנעמען. איצט וועל איך זאָגן זיי:
— איך האָב געהערט אַ פרעמדן קול. דער מדבר־מענטש
איז נישט מיין ברודער. און ביי דיר, מיין האַר,
מיט פחד און הכנעה בעט איך: גיי צוריק!

משה:

ווער ביסטו זיך צו שטעלן קעגן דעם באַפעל
פון ברענענדיקן דאָרן?

אהרן:

כ׳בין פון פאָלק
דער שיצער. שטעל זיך קעגן דעם וואָס קומט מיט בראַנד
זיי אומברענגען. ווייל נישט קיין ליכט פון האָפענונג —
אַ פייער ברענגסטו וואָס וועט זיי פאַרשרפען.

משה:

און אָנצינדן.

אהרן:

דו זעסט נישט, ברודער! קומסט
פון סוף פון דורות ווען ס׳וועט מענטש געגליכן זיין
צו גאָט — און פאַר זיין גאָט נישט דאַרפן מער
קיין נאָמען, ווייל זיי וועלן בײדע ווערן אײנס.
פון סוף פון דורות קומסטו. מיר — מיר דאַרפן ערשט
דערלייזן זיך פון היגטישער געפּאַלנקייט
צו קענען צוקומען צום אָנהויב. ס׳איז אברהם,
דער עלטער־זיידע, פריי געווען, האָט ער געקענט
זיין פאָטערס געטער ברעכן. מיר — מיר זיינען קנעכט.
ביי אונדז דער הונגער אין געדערים זאָגט דריי מאָל
אַ טאָג אַ תפילה צו די האַרנס גאָט, צום אָקס,
וואָס מאַכט די פליישטעפּ פול. ביי אונדז דער רוקן
זינגט, אַ צעשמיסענער, אַ לויב דער מאַכט
פון פרעהס אָפּגעטער. נעם צו די בייטש, פיל אָן
די פלייש־טעפּ און די רעשטלעך, וואָס געדענקען נאָך
דעם נאָמען יעקב, וועלן אויך פאַרגעסן.
און דו — ביי דיר האָבן די אָבות נאָך
דעם נאָמען פון באַשאַפער נישט דערקענט. ערשט דיר
האָט ער אַנטפּלעקט זיך אָן אַ נאָמען... אהיה...
און צום אָננאָמענדיקן — וואו זאָלן זיי גיין
מיט דיר? אין מדבר? פון דער בייטש, פון חושך,
פון קינדער אויסגעוואָרגענע, דערטרונקענע —
אין ברענענדיקן מדבר?... גיי צוריק!

משה:

דו האָסט די ברידער דיינע ליב, מיין ברודער,
נישט ווי אַ טאַטע וואָס די קינדער זיינע פירט,
נאָר ווי אַן אַם, וואָס טראָגט די ברוסט אין מויל זיי.
פאַר אָט דער ליבשאַפט האָב איך זיך געשראָקן,
ווען כ׳האָב געקראָגן דעם באַפעל צו גיין צו זיי,
ביז כ׳האָב דערהערט — דער וועג צום צוגעזאָגטן לאַנד
דורך מדבר פירט. דורך מדבר... ס׳האָט אברהם
דערקענט זיין גאָט, נאָר שרהן, ס׳ווייב זיינס, צוויי מאָל
אַוועקגעשענקט צו פרעמדע צו באַשיצן זיך

מיט איר און שאָף און רינדער איינצוקויפן זיך
פאַר איר.

אהרן:

רעדסט אויף די אָבות. אברהם האָט אויך
געפירט זיין זון צו דער עקדה.

משה:

דאָס האָט גאָט
געלערנט אים — ער וויל נישט קיין קרבנות.
דער זיידע יצחק האָט דאָס זעלביקע געטאָן
מיט רבקהן און דער פאָטער יעקב האָט זיין פאָטער,
אַ בלינדן, אָפּגענאַרט, ביים ברודער אויסגעקויפט
די בכורה און ביים שווער די סטאַדעס שאָף
מיט שטעקעלעך געשניצטע אויסגעקליגט.
זיי האָבן גאָט דערקענט, די אָבות. יעקב האָט
געזען מלאכים שטייגן אויפן לייטער,
נאָר מיט די סטאַדעס שאָף און רינדער, מיט די קנעכט
און דינסטן, נישט געקענט אין זיך דערשפירן
פון אייביקן דעם אָטעם. האָט מען יעקבס זין
אַוועקגעשיקט אויף שקלאַפעריי און ביטער ברויט,
אַז אונטער יאָך פון אומרעכט און רציחה
זאָל זיך אין זיי די בענקעניש צעגליען
צו צדק, ברידערשאַפט און גוטס. און ווען די צייט
פון זייער לערנשאַפט האָט זיך דערנענטערט
צום סוף — בין איך געוואָרן אויסגעקליבן
דורך יאָרן מדבר צו דערקענען דעם
וואָס האָט דעם מענטש אין זיין געשטאַלט געשאַפן
און די דערקענונג ברענגען זיי. און אויב
זיי ווייסן נאָך נישט היינט צו וועמען ס׳גאַרט פון פיין
די אָרעמע נשמה זייערע, וועט קלאַנג
פון אהיהס וואָרט פאַר זיי דאָס אויפדעקן.
נישט צו קיין קנעכט וואָס גאַרן נאָך אַ ווילע שלאָף
און נאָך אַ פענעץ ברויט — איך קום צו ברידער,
וואָס האָבן אין דער נויט אַליין דערלערנט דאָס
וואָס זייערע אָבות האָבן נישט דערקענט. איך קום

מיט ווייט פון מדבר־שטרעקעס און מיט בלויער טיף
פון מדבר־הימלען אויסבריען פון זיי
די קנעכטשאַפט און געפּאַלנקייט און שטילן
די בענקעניש צו צדק. כ׳קום — נישט מיט קיין רינד
אויף העלפט צעשניטענער, נאָר מיטן קול
פון אייביקן אין זייער אויער צו פאַרשניידן
אַ נייעם בונד פון אים מיט זיי — זיין פאָלק.

אהרן:
און ווי וועסטו אין מדבר זיי אַרויספירן?

משה:
איך וועל זיי צייכנס ווייזן. און ווער ס׳איז
פון קנעכטשאַפט און מצרימס מיאוסקייטן קראַנק
וועט ליים אין ציגל־פורעם וואַרפן און וועט גיין.

אהרן:
אַנטקעגן בייטש פון נוגש, קייטן, שווערד און טויט?

משה:
דער קול פון אהיה וועט זיי אַנגורטן מיט מאַכט
און זיי וועלן דורך אַלע שטראָפן, טויטן
זיך דורכברעכן. באַפרייטע, וועלן זיי
די נייע אָבות ווערן פון אַ פאָלק.
ווי שטערן אומגעציילט און ליכטיק, און אַזוי
וועט ווערן וואָר דער צוזאָג צו אברהמען.
און ווועמען ריח פון די פליישטעפּ וועט פאַרהאַלטן דאָ,
זאָל בלייבן דאָ.

אהרן:
וועט אַלץ דאָ בלייבן. אַלע.
ס׳וועט פון די שישים ריבוא זיך נישט אַנזאַמלען
קיין צענדליק וואָס זאָל ווידערשפּעניקן די בייטש.
און וועט זיך אָנזאַמלען, וועלן צען טויזנט
פאַר זיי באַצאָלן. ברענגסט אויף אונדזער אָרעם הויז
אַ פייער. און איך בעט דיך: גיי צוריק!

משה:
ווער ס׳האָט געשיקט מיך, האָט געוואוסט צו וועמען.

אהרן

(פאַרגראָבט זיין קאָפּ און שטייט אַ ווייל אַ שטומער. גייט צו די זקנים, קומט מיט זיי צוריק):

דאָס איז מיין ברודער משה מיט אַ וואָרט פאַר אייך.

זקנים (אין פּחד פאַלן אויף די פּנימער).

משה:

שטייט אויף! כ׳בין נישט קיין האַר איר זאָלט פאַר מיר
זיך בוקן. כ׳בין אַ ברודער אייערער.

זקנים (העלפט מיטל־יעריקע, העלפט אַלטע, שטייען אויף).

ערשטער זקן:

גאָטס פּחד פון דיין פּנים שטראַלט.

משה:

איך בין צו אייך
פון אייביקן געשיקט.

ערשטער זקן:

מיר ווילן גלויבן.

משה:

איך האָב געזאָגט אַ רגע פריער צו מיין ברודער:
איך וועל אייך צייכנס ווייזן. אויב איך טו עס,
וועט איר דעם צייכן־ווייזער גלויבן און נישט מיר.
און איך, וואָס בין געשיקט צו גיין מיט אייך
אַ לאַנגן וועג, וויל דאָ ביים ערשטן טרעפן זיך
מיט אייך אַליין דער צייכן זיין. איך וויל איר זאָלט
די שטים פון דעם, וואָס שיקט מיך, פון מיין האַלדז
אַרויסהערן. איר זאָלט אין מיינע אויגן זען
זיין ווילן. איר זאָלט אין מיין וואָרט אַליין
די שעה פון אייער אויסלייזונג דערשפּירן.

זקנים:

— מיר האָבן נישט געהערט נאָך.
— פּחד פון דיין פּנים יאָגט.
— מיר האָבן אויפן אויסלייזער געוואַרט.
— מיר ווילן זאָלסט עס זיין.
— מיר ווילן גלויבן.

משה:

איך קום צו אייך פון אייביקן. ער איז
און האָט קיין נאָמען נישט, נאָר לאָזט זיך אייך
דערקענען מיטן צייכן: אהיה — אייביק זיין.
פון אַלעמאָל און אייביק איז ער. פון זיין זיין
קומט אַלץ און ער איז דאָס געוועב פון אַלץ און אָטעם.
ער איז מיט אונדז און אין אונדז. ווער ס׳דערקענט אים —
דערקענט אויך זיך אין אייביקייט. מיט אים ווערט שטאַרק
דער שוואַכער און געהויבן דער געפאַלענער.
דער בלינדער זעט אַ ליכט און ווער עס מיינט — ער זינקט
אין טיפן תהום — האָט הויכן באַרג אונטער די פיס.
פאַר אים אַנטלויפט דער טויט, דער פחד און די פיין.
עס ווערט ווי שטרוי די שווערע קייט פון שקלאַף
און בייטש פון נוגש טעפּעט זיך ווי שפּינוועב.
ס׳האָט שלעכטס קיין שליטה נישט און שפּאָט און חוזק ווערט
די מאַכט פון שונא. ליכט און פינצטער, ערד און ים,
פון באַרג דער פעלז און וואָלקן פון די הימלען —
אַלץ שטעלט זיך גרייט צו פירן קריג פאַר די,
וואָס טוען זיך אין אים באַהעפטן. מיט זיין וואָרט
בין איך צו אייך געקומען: פאָלק פון אייביקן,
דערשפּירט אין זיך זיין אָטעם און ווערט פריי!

זקנים:

— וואָס רעדט ער?
— מיר פאַרשטייען זיינע רייד נישט.
— פון וועלכן גאָט איז ער געשיקט?
— ווי וועט ער פון די קייטן מאַכן שטרוי?
— וואָס פאַר אַ בשורה האָט ער אונדז געבראַכט?
— וואָס האָט ער אונדז געגעבן פאַרן פאָלק?

ערשטער זקן:

פאַרגיב אונדז, געטלעכער, מיר האָבן נישט קיין אויער
פאַר דיינע רייד. מיר זיינען אויסגעמאַטערטע,
דערשלאָגענע, פאַריאָכטע, אָפּגעגנבעט זיך,
געקומען דיך מקבל פנים זיין. פאַרוואָס?
ווייל ס׳האָט דיין ברודער אהרן, אונדזער טרייסטער,

אונדז אַנגעזאָגט די בשורה: ס׳קומט דער אויסלייזער —
און מיר די בשורה דאַרפֿן ווייטער טראָגן
צום פֿאָלק. מיר, ס׳הייפל דאָ, און הייפעלעך אַנדערע —
מיר לעבן נאָך מיט דער געדעכעניש
פֿון אונדזערע אָבות און עס לעבט פֿאַר אונדז דער צוזאָג
פֿון גאָט פֿון אברהם. דאָס פֿאָלק אָבער פֿאַרגעסט.
אַז דור נאָך דור דער יאָך און פּיין ווערט שווערער
און ס׳קומט קיין נס נישט, רינט דער גלויבן אויס,
און ס׳בוקט זיך ס׳פֿאָלק צום מצריס אָפּגעטער.
אויב נישט פֿאַר זיך — פֿאַר זיי, פֿאַר די נישט־גלויביקע,
אַ צייכן דאַרפֿן מיר, אַן אָנזאָג פֿון אַ נס,
ווייל נאָר אַ נס קען אונדז דערלייזן. האָסטו
געזאָגט: דו ווילסט אַליין דער צייכן זיין.
עס לויכט מיט געטלעכקייט פֿון פּנים דיינעם,
דיין אויסזען וואַרפֿט אַ פּחד אָן, נאָר דיינע רייד
פֿאַרשטייען מיר נישט, געטלעכער. מיר האָבן אויך
קיין וואָרט נישט מיטצונעמען פֿאַרן פֿאָלק.
רעדסט פֿון אַ גאָט וואָס קיינער האָט זיין נאָמען
נאָך נישט געהערט. און דיינע ווערטער פֿילן מיר —
עס פֿאָכען פֿליגלען פֿון מלאכים, אָבער מיר,
אין ליים און קויט פֿאַרזונקענע, מיר קענען נישט
פֿון ערד זיך אָפּרייסן, אין הימלען שוועבן.
מיר קענען נישט באַנעמען דיינע רייד.
מיר האָבן גאָרנישט מיטצונעמען פֿאַרן פֿאָלק.
קיין צייכן נישט, קיין וואָרט, קיין טרייסט, קיין האָפֿענונג.

משה (פֿאַרגאַפֿט, צו זיך):
אַ פֿאָלק, אַ מדבר...
(צו זיי):
איך האָב אויך אַמאָל ווי איר
געלעבט אונטערן מצריס יאָך. אויף פּרעהס הויף
איז יאָך פֿאַר דעם וואָס וויל מיט זיינע ברידער זיין.
בין איך אַרויס און האָב דערזען: אַ מצרי שלאָגט
אַ ברודער. האָב איך אים צום טויט דערשלאָגן.

און אַלע יאָרן נאָך מיר — האָט נישט קיינער
אַ האַנט געהויבן אויפן פייניקער?

זקן:

דו ביסט אין פּרעהס הויף געוואַקסן — איז אַ נס
מיט אונדז געשען און מ'האָט פאַר דיר ביי אונדז
קיין חשבון נישט געמאַכט. און ביסט אַנטלאָפן.
מיט פּרעהס מאַנטל אויף די אַקסל האָסטו פריי
געקענט אַנטלויפן. מיר — ווען אונדזערער אַ קנעכט
זאָל וואַגן אויפהויבן אַ קול, אַן אויג מיט האַס
אַנטקעגן נוגש, וואָלטן טויזנטער
ווי ציגל אין די ווענט פאַרמויערט ווערן.
מיר האַלטן אויף דאָס לעבן מיט הכנעה,
מיט שטומקייט, מיט געבויגנקייט.

משה:

איז ווי ווער איר,
הכנעהדיקע, שטומע, זיך דערלייזן?

זקן:

מיר קענען נישט אַליין דערלייזן זיך.
נאָר גאָט, וואָס האָט אַרויסגעפירט די אָבות
פון קלעם און שטרויכלונגען, קען אונדז דערלייזן.

משה:

פאַרוואָס זאָל ער אייך אויסלייזן? פאַרוואָס
מיט וואונדער זיך אַנטפּלעקן צו אַ פאָלק
וואָס האָט פאַרגעסן אים, פאַרביטן אים
אויף אָפּגעטער?

זקנים (קוקן זיך איבער פאַרלאָרענע).

ערשטער זקן:

מאַכסט חוזק פון אונדז, געטלעכער!
צי ווייל די רוט פון פייניקער איז אייזן
און טויט זיין פויסט, מוז דער גערעכטער אייביק זיין
געפייניקט און פאַרשקלאַפט? און צווישן אונדז

און פרעהן — ווער איז דער גערעכטער? האָט די פּיין
פון דורות נישט פאַרדינט אונדז קיין דערלייזונג?
קען גאָט פון צדק אייביק צוזען אונדזער פּלאָג?
און אויב עס דינט צו אָפּגעטער דאָס פאָלק —
ווער האָט אין זיי דערוואָרגן די געדעכעניש,
פון יעקבס גאָט? דערוואָרגן, דאָך נישט אויסגעברענט!
מיט אָפּגעטער אונטער די דעכער — פונעם קלעם
פון נוגש רופן זיי נאָך אַלץ צו אים.
האָט יעקבס גאָט אַן אַנדער פאָלק? און דיך —
דער גאָט, וואָס מיר באַנעמען נישט — צו וועמען
האָט דיך געשיקט? וואָס ברענגט דיך דאָ צו אונדז?

משה (דאָס פּנים אויפגעהעלט, צו זיך):

אין מדבר ברענט אַ סנה...

(צו זיי):

איר דאַרפט צום פאָלק
מיט צייכנס קומען? זעט!

(ער וואַרפט זיין שטעקן אויף דער ערד. דער שטעקן נעמט ווי אַ שלאַנג זיך וויקלען. זקנים טרעטן אָפּ. ער כאַפּט אים אָן. ס׳ווערט ווידער האַרטע האָלץ).

האָט איר געזען?

זקנים:

— איז נישט קיין כישוף דאָס?
— באַווייזן נישט אַזוינס
די כישוף־מאַכער פון מצרים?

משה (צום ווייב):

צפורה, ברענג דיין לאָגל וואַסער מיר.

צפורה (ברענגט עס).

משה (צו די זקנים):

קומט צו און טרינקט!

זקנים

(דערנענטערן זיך איינציקווייז און טרינקען).

משה:

האָט איר געטרונקען וואַסער ?

זקנים:

— געטרונקען.

— ריינעם ברונעם־וואַסער.

משה:

איצט זעט !

(ער גיסט דאָס וואַסער אויס. ס׳ווערט אויף די ערד אַ לוזשע, רויט און קלעפעדיק ווי בלוט)

דאָס טוען אויך די כישוף־מאַכער ?

זקנים:

— מיר גלויבן דיר !

— די אויגן אונדזערע האָבן געזען.

— דאָס קענען מיר דעם פאָלק דערציילן.

משה

(זיין האַנט אויף אהרנס אַקסל) :

און וואָס איר האָט פון מיינע ווערטער נישט געקענט באַנעמען, וועט אייך אויפקלערן מיין ברודער.

אהרן:

מיין ברודער האָט געוואָלט אונדז אויספּרובירן.
איצט האָט ער אונדז דערקענט און זאָגט : דער גאָט
פון אברהם, פון יצחק און פון יעקב
האָט זיך דערמאָנט אָן זיינע קינדער, האָט דערהערט
אונדזער געשריי פון אונטער פרעהס יאָך,
און אים, מיין ברודער, אונדז געשיקט מיט וואונדער
און גרויסע צייכנס אונדז אַרויסצופירן
פון לאַנד מצרים.
נישט פון אונדז דערוואַרט ער

מיר זאָלן אויפהייבן אַ שווערד אויף פּרעהן
און שטעלן זיך אַנטקעגן זיינע רייטוועגן
און רייטער. ניין — ער ווייס די אָנמאַכט אונדזערע.
האָט ער דעריבער אונדז געוויזן צייכנס
צו זאָגן, אַז די האַנט פון גאָט וועט האַלטן
דעם שווערד פאַר אונדז. און נישט געצאָרנט האָט ער
וואָס מיר האָבן די רייד פון דער אַלמעכטיקייט
פון אייביקן באַנעמען נישט געקענט. ער ווייס —
אין אונדזער עלנט אָרעם און דערשלאָגן
איז די מחשבה אונדזערע און אויך דערפאַר
באַגערן מיר דערלייזונג, אַז דאָס אויג
זאָל פריי און ליכטיק ווערן פאַר גאָטס וואונדער.
זייט מונטער, ברידער, זייט געגריסט און גייט צוריק
און שטילערהייט צעטראָגט אין פאָלק די בשורה,
אַז גאָט האָט זיך דערמאָנט אין אונדז און וואונדער קומען.

זקנים (די אויגן בלאַנדזשען צווישן ביידע ברידער).

משה:

מיין ברודער אהרן קומט פון צווישן אייך
און איך פון מדבר. ווייס ער ווי צו ברענגען אייך
דאָס וואָרט פון אייביקן אין וואָרט פון אייער וואונטש.
אַ טאָג וועט קומען און מיר וועלן אַלע שטיין
צוזאַמען דאָרט וואו כ׳האָב דאָס וואָרט פאַרנומען.
ס׳וועט דעמאָלט זיין פאַר אַלעמען איין לשון.
איצט גלויבט מיין ברודער. וואָס ער זאָגט איז אמת.

זקנים (באַרואיקטע קוקן זיך איבער, גייען אָפּ).

אהרן:

געלויבט איז גאָט פון אונדזערע אָבות
פאַר אָט דער שעה
ווען האָסט דערקענט די ברידער דיינע
און הינטער זייער בלינדקייט און געפאַלנקייט
דערזען אין זיי דעם גלי פון צדק,

דעם צייכן פון גאָטס בונד מיט זיי.
געבענטשט ווער ס׳האָט מיר אָנגעזאָגט דיין קומען,
געבענטשט דיין קומען און דיין זיין!

(פאַלט צו און קושט אים).

משה:

דאָס פאָלק איז מדבר.
ווען כ׳האָב צוערשט דערזען די פעלזיקייט
און גליענדיקע נאַקעטקייט פון מדבר,
האָט אימה דורכגענומען מיינע גלידער.
נאָר כ׳האָב געוואוסט —
אין שטומעניש פון מדבר אָטעמט אייביקער,
און כ׳האָב געהערט מיט דאָרשט און לעכצעניש
ביז כ׳האָב דערהערט.
דאָס פאָלק איז מדבר.
אין האַרטער שטייניקייט פון נוגשס פויסט,
האָט זיך באַהעפט מיט אייביקן
פאַרהוילן אין די טיפע טיפענישן,
און דערנער וואַקסן פון דער שטייניקייט.
נאָר כ׳ווייס — פון טיפער טיפעניש
וועט זיך אַרויסברעכן דאָס פייער
און דערנער וועלן ברענען.
דאָס פאָלק איז מדבר.
און אַז כ׳וועל זיי צונויפפירן —
די צוויי מדבריות —
וועט דער פאַרשטיקטער גלי אין פאָלק דערשפירן
דעם אָטעם פון דער וועלט,
ווי איך האָב אים דערשפירט,
און ס׳וועט פון פאָלק און וועלט אַ זיווג ווערן
אין איינקייט מיטן איינס,
אין גאַנג צום איינס, צום אייביקן.

ג

(בײנאַכט אין אהרנס הויז. ס׳ברענט אויפן טיש אַן אויל־לעמפּל, באַלײכט די פּנימער פון בײדע ברידער. אַרום זײ איז נאַכט).

משה:

עס איז שוין שפּעט גענוג. זײ האָבן שוין געמעגט
דאָ זײן.

אהרן:

זײ װאַרטן ביז נאָך האַלבער נאַכט.
האָסט דאָך געזען די שרעק אויף זײערע פּנימער
װען זײ האָבן פון אונדז אַװעקגעקערט זיך
בײ פּרעהס טויער.

משה:

מער װי שרעק. אויך שנאה.

אהרן:

איצט װאַרטן זײ די שטאָט זאָל אײנשלאָפן,
מען זאָל זײ נישט דערזען אַרײנגײן אין מײן הויז.

משה:

אין הויז פון די װאָס דאַרפן זײ דערלײזן.

אהרן:

ס׳גײט אויס צו זײער לײב. דאָס פאָלק װערט בלויז געיאָגט.
נישטאָ קײן שטרוי אויף ציגל — גײט מען זוכן.
מען טרײבט פון אײן אָרט — לויפט מען ערגעץ אַנדערש.
דער חשבון פאַר דער טעגלעכער צאָל ציגל װערט
פון זײ געמאָנט, פון זײ — די שוטרים. און די בײטש
אויף זײערע רוקנס פאַלט.

משה:

װען זײ האָבן געזאָלט
דעם ערשטן מאָל מיט אונדז צו פּרעהן גײן,
איז שטראָף נאָך איבער רוקנס נישט געהאַנגען.
נאָר ביז צו פּרעהס טויער איז מיט אונדז פון זײ
קײן אײנער נישט געבליבן. אויסגערונען
צו אײנעם און צו צװײ.

אהרן:

זיי האָבן נישט געוואָגט
אונדז אָפּזאָגן, און גיין מיט אונדז געשראָקן זיך.

משה:

זיך נישט געשראָקן הײַנט ווען רוקן האָט פאַרזוכט
דעם בײַטש. דער בײַטש פון נוגש גיט מער מוט
און גבורה ווי דער וואונטש דערלייזט צו ווערן.

אהרן:

האָסט עס געוואוסט. זיי האָבן דיך געוואָרנט.
און האָסט זיי צוגעזאָגט — די האַנט פון גאָט
וועט פעכטן זייער קריג, נישט זיי אַליין.
האָסט נישט געדאַרפט זיי מיטרופן צו פרעהן
און שטעלן צום נסיון אָפּצונאַרן דיך.

משה:

איז דאָס די איינציקע גענאַרעריי?
יאָ, כ׳האָב זיי צוגעזאָגט. ווען כ׳האָב דערזען
די פנימער און האָב דערהערט די רייד פון זיי,
איז מיר צושטאַנד געקומען דאָס פאַרוואָס
כ׳האָב זיך אַזוי געשראָקן. ס׳האָט דאָס בלוט
פון ברודער זיך אין מיר אויף זיי צעיאָמערט
און איך בין גרייט געוואָרן טראָגן בערג פאַר זיי
אויף מײַנע אַקסל און די טיפקייטן פון ערד
און הערשאַפטן פון הימל רופן זיי צו הילף.
בין איך אַהערגעקומען און דערקענט זיי.
זיי זײַנען קנעכט נישט בלויז ביי פרעהן, נאָר נאָך מער
ביי זייער בלינדער תאוה אויסצוגלייכן זיך
מיט פרעהס פאָלק, מיט פרעהס האַרן. כ׳האָב דערזען
נישט בלויז די ציגל־קנעטער אין די היילן־שטיבלעך,
נאָר זייערע ברידער אין די ברייטע הייזער
באַפּוצטע לויטן שטייגער פון די האַרן,
דערזען די ווייבער זייערע, באַהאָנגענע
מיט צירונג און דערזען די קנאה — פונעם קנעכט
צום רייכן ברודער און פון אים — צום האַר...

אַ פאָלק, אַ פאָלק אַ גאַנץ אין קנעכטשאַפט לעבט
נישט אונטער בייטש פון האַר, נאָר אונטער בייטש
פון תאווה איינצוקויפן זיך די פעטע זעט
און וואוילטיקן פון האַר. און איך, דער מדבר־מענטש,
דער באָרוועסער, מיט האַרבן זאַק אויף לענדן,
מיט ערד פאַר אַ געלעגער און מיט הימל פאַר
אַ דאַך — איך דאַרף עס זיי מיט אהיהס מאַכט
אַרויספירן פון פרעהס פלייש־טעפּ אין אַ לאַנד
וואו אייגענע פלייש־טעפּ זאָלן גרעסער זיין
און מילך מיט האָניק זאָל איבער די מיילער רינען...

אהרן:
און וואָס האָסטו געוואָלט? די קנעכטשאַפט זאָל ביי זיי
דערוואָרגן אויך די גלוסטונגען פון מענטש
צו זאַטקייט, פרייד פון אויג און פרייד פון האַרץ?
זיי זיינען מענטשן! קנאה צו די האַרן
איז קוואַל פון זייער ווילן צו דערלייזונג.
די קנאה האָט זיי אָפּגעקערט פון גאָט
פון זייערע אָבות. אמת! ווייל די געטער
פון פרעהן רעגענען מיט זעטיקייט און מאַכט
און הערשאַפט און דער גאָט פון זייערע אָבות
האָט זיי פאַרקויפט פאַר קנעכט. זיי ווייסן וואויל,
אַז אַלע געטער זיינען האָלץ און שטיין
און זייער גאָט איז האַר פון ערד, פון הימל.
איז וואָס פאַרלאַנגען זיי פון אים? ער זאָל זיין מאַכט
באַווייזן איבער פרעהס געטער. אויסקויפן
פון קנעכטשאַפט און זיי מאַכן פאַר אַ פאָלק
אי זאַט אי מעכטיק ווי דאָס פאָלק פון פרעהן.
זיי זיינען מענטשן! נישט אין נאַקעטקייט
פון מדבר טוט זיך זיי דערקענען גאָט,
נאָר אינעם ברויט אויף זייער טיש און אין דער רו
ביי זייער שוועל. זיי האָבן נישט גענאַרט דיך.
האָסט זיך אַליין גענאַרט. דורך יאָרן מדבר
פאַרגעסן וואָס איז מענטש.

משה:

און דו געדענקסט!
ביסטו געגאַנגען פּרעהן איינריידן,
אַז ווילסט דאָס פאָלק אַרויספירן אין מדבר
קרבנות ברענגען צו דיין גאָט. אַ פאָלק אַ גאַנץ
מיט ווייב און קינד, מיט פי און רינד אין מדבר פירן
קרבנות ברענגען... און געמיינט, אַז פּרעה
וועט לאָזן זיך גענאַרן. און דיין ערשטע דינסט
צום גאָט פון צדק וואָס דאַרף אויסשטרעקן
אַ האַנט פון צדק, איז געווען אַ שקר.

אהרן:

ווען איך זאָל לאָזן דיך אין פּנים פּרעהן
די נאַקעטקייט פון אמת דיינעם וואַרפן:
— באַפריי מיין פאָלק, ס׳וויל מער ביי דיר נישט שקלאַפן —
וואָלט שטראָף אויף אונדזער רוקן צען מאָל האַרבער נאָך
געווען ווי איצט.

משה:

האָסטו געמיינט — דו כאַפּסט אַרויס
פון מיר דעם אמת, אָבער פּרעה וויס.
און פאַרן אמת איז די שטראָף. און שטראָף אַצינד
איז בלויז אַן אָנהויב. זי וועט האַרבער ווערן.
יאָ, איך דאָס פאָלק וועל שוינען. אהיהס מאַכט אַליין
וועט פירן די מלחמה. נאָר אויף מיר
האָט פּרעה נישט קיין שליטה. וועט זיין צאָרן
זיך שטילן אויפן פאָלק, און ס׳דאַרף זיין גרייט.
און וויסן צוליב וואָס די שטראָף, פאַר וועמען.
און וויסן אויך צו וואָס מען גייט אין מדבר.
דו הערסט? אין מדבר! נישט קרבנות ברענגען,
נאָר צו דערקענען אים וואָס האָט געשיקט מיך.
און כ׳וועל נישט מיטנעמען מצרימס טייך מיט פיש
און נישט מצרימס פּאַשע מיט די אָקסן.
ווער ס׳קען זיך מיט די פליישטעפּ נישט צעשיידן,

זאָל בלייבן דאָ. אין מדבר וועט מען גיין!
אַהין וואו אהיה רעדט פון גראָז און שטיין.
און ווער ס׳איז גרייט אויף מדבר — דאַרף זיין גרייט
אויף פּרעהס שטראָף און וויסן — ס׳איז אַ קרבן.
זאָל פּרעהס פאָלק ביי זיינע געטער קויפן
די זעט און מאַכט מיט בלוט און רויך פון אָקסן.
ווער ס׳האָט אַהער געשיקט מיך וויל אַ קרבן
פון מענטש — זיין קנאה, גייציקייט און דאַרשט
פון נישט געשטילטער, בריענדיקער תאווה.
צו זיי, צו די גערייניקטע, וועט אהיה
אַנטפּלעקן זיך און מאַכן זיי צום פאָלק פאַר זיך.

(אין לויף פון אָט די רייד שטעלט ער זיך אויף און שטייט אַ ברוי־זיקער איבערן ברודער. אַזוי דערזעען אים די זקנים אויך, וואָס שלייכן זיך אַריין אין דער פינצטער).

אהרן (דערזעט די זקנים, שטעלט זיך אויף):
ווי שלעכט זיינען די בשורות וואָס איר ברענגט אונדז?

ערשטער זקן:
דער צאָרן פּרעהס ברענט. ער וועט די גזירה
נישט אָפּשאַפן. אומזיסט געווען די טרערן.

צווייטער זקן:
דערצייל דעם גאַנצן אמת.

ערשטער זקן:
ווי אַ שעפּס
צעריסן צווישן וואָלף און פאַסטעך ווערן מיר.
פון פּרעהס צייך וויל משה אונדז אַרויסרייסן
און צווישןביידן ווערן מיר פאַרצוקט.

דריטער זקן:
און נישט אויף אהרנען דער צאָרן, בלויז
אויף משהן. ער וועט אים מיט זיינע הענט
אַליין דערמאָרדן — זאָגט ער — אויב ס׳וועט משה
זיך ווידער אויף זיין שוועל באַווייזן.

ערשטער זקן:

איך האָט געלעבט ביי מיר צופרידן — זאָגט ער.
איך האָב צו אייער גאָט זיך נישט געמישט.
באַפרייט פון אַרבעט די לויים — זאָלן זיין
די אויפזעער אויף אייך און שטיין פאַר אייער גאָט.
געפעלט אייך נישט ביי מיר? ווילט איר מיך אָפּנאַרן,
אַנטלויפן? ליבער אייך אַ ווילדן מענטש
אין מדבר נאָכגיין איידער אַרבעטן ביי מיר?
זענט איר געמיינע קנעכט! פאַרדינט איר נישט מיין גנאָד,
דאַרף מען אייך לערנען ווי צו שעצן גוטס. נישטאָ
פאַר אייך קיין שטרוי — און ציגל זאָל נישט פעלן.
אַזוי האָט ער געשריען.

דריטער זקן:

און מיט בייטשן
צום טויער האָבן זיינע דינער אונדז געיאָגט.

משה:

און איר — וואָס ווילט? ער זאָל אייך ליב האָבן?

ערשטער זקן:

פאַרגיב אונדז, געטלעכער, מיר זיינען קנעכט.
ווען מיר האָבן די בשורה פון דיין אָנקום
געבראַכט צום פאָלק — — —

משה:

צו וועלכן פאָלק? די ציגל־קנעטער,
די הענדלער מיט די אויסגעצירטע ווייבער,
די פּי־ציכטער מיט סטאַדעס אויף דער פאַשע,
די אויפזעער איבער די האַרנס הייזער?

ערשטער זקן:

די ציגל־קנעטער, געטלעכער! נישט אונדזער שולד
וואָס הייפלעך אונדזערע האָבן זיך איינגעקויפט
אין חסד ביי די האַרן און געוואָרן רייך.
זיי זיינען נישט מיט אונדז. און נישט פון זיי
דער בלוטיקער געשריי צום גאָט פון אונדזערע אָבות.

פון אונדז — די אָרעמע, געפּלאָגטע. האָבן מיר
געבראַכט די בשורה פון דיין נקום און דערציילט
ווי ס'לויכט מיט געטלעכקייט פון דיר — האָט זיך אַ פרייד
צעצונדן אין די הייזער. איצט אָבער,
ווען ס'איז אויף אַלעמען געפאַלן פּרעהס שטראָף —

משה:
פאַרשעלטן זיי מיין נאָמען.

צווייטער זקן:
אַז מיר זיינען קנעכט.
מיר האָבן נישט קיין כוח מער צו בייגן
די רוקנס אונטער נייער פּלאָג. די הערצער קוים
זיי האַלטן זיך אין די צעבראָכענע לייבער.
אַ מילדער בליק פון האַר איז אונדזער ליכט
און זיין געבייזער — אונדזער שוואַרצע נאַכט.
פון פּרעהס צאָרן ווערט פאַרלאָשן אונדזער טאָג.

ערשטער זקן:
דעריבער זיינען מיר געקומען, געטלעכער,
דיר פאַלן צו די פיס און בעטן: שייד זיך אָפּ
אַצינד און לאָז די בייזע שעה פאַרבייגיין.
זאָל פּרעה הערן, אַז דו ביסט אַוועק,
זאָל אָפּטאָן זיך פון אונדז די שטראָף און ס'וועט דערנאָך
דאָס פאָלק דערמאָנען זיך און רופן דיך צוריק.

משה (פאַרמאַכט די אויגן):
צו וועמען האָסטו מיך געשיקט?
איך ווייס,
די וויסטעניש פון שטיין און זאַמד
איז נישט קיין מדבר.
דאָרטן ביסטו גאַנץ און אייביק.
דו ביסט אין אַלץ און אָפן.
מדבר איז די וויסטעניש פון מענטש,
פון דעם צעבראָכענעם, דערטרונקענעם
אין פחד און אין גלוסטונגען פון לייב.

דאָ האָסטו צייכנס בלויז,
דאָ האָסטו פונקען בלויז פון זיך
אין מענטש פאַרגראָבן
ווי אין פאַרלייגטע היילן אונטערערדישע,
און פון די היילן דאַרף מען דיך אַרויסגראָבן
צו טראָפּעלעך, צו פונקעלעך,
אַז דו זאָלסט אויך אין וויסטעניש פון מענטש
זיך אָנצינדן און ווערן דו.
אויף דעם האָסטו געשיקט מיך.
אַז איך זאָל זיין דער אויפגראָבער.
אַז איך זאָל אין די היילן פינצטערע
פון זייערע נשמות זיך אַרונטערלאָזן
און דאָרטן דיך געפינען
און ברענגען זיי צו דיר
דורך דיר באַלויכטענע.
און אַז זיי טרייבן מיך?
און אַז דער מדבר וויל מיט דיר נישט אויפגיין?
דו שווייגסט?
דו זאָגסט — ס׳איז מיין נסיון.
אויף דעם בין איך געשיקט געוואָרן
און מאַכט געקראָגן
איך זאָל דאָס מדבר־פאָלק
מיט דיינע וואונדער אָנצינדן.
איך וועל אים צינדן, צינדן, צינדן...

זקנים

(פון זיינע רייד צעפאַלן אויף זייערע פנימער, הינטערווייַלעכס רוקן זיך אַרויס).

משה דערוואַכט, קוקט אין דער ליידיקייט פאַר זיך):

זיי האָבן מיר געענטפערט. אויסגערונען.
איך בין אַליין. אַליין אַנטקעגן זיי.
אַליין אַנטקעגן פּרעהן. איך אַליין
דאַרף ביידן בייקומען. די מאַכט פון פּרעהן
און אָנמאַכט פון די קנעכט זיינע אַליין.

אהרן:

וועסט גאָרנישט בייקומען, אויב דו וועסט בלייבן דאָ.
מיט דיר דאָ וועט ער זיי פאַרטיליקן.
אַ חסד טו מיט זיי אַצינד און גיי.

משה:

און מאָרגן וועסטו אַ געבויגענער
צו פּרעהן קומען אָנזאָגן: — מיין ברודער,
דער ווידערשפּעניקער, האָט אונדז פאַרלאָזט.
זיי האָבן אים פאַריאָגט, די קנעכט דיינע,
מיר זיינען דיר געטריי. זיי מוחל אונדזער זינד.

אהרן:

אַז איך וועל דאַרפן, וועל איך גיין. אַראָפּנעמען
די שטראָף און לינדערן דעם יאָך פון פאָלק —
אַז איך וועל דאַרפן, וועל איך גיין.

משה:

אין נאַכט אַריין.
כ׳בין דעמאָלט נאָכן מצרי אויך אין נאַכט אַוועק.
אַ דאַנק דיר, ברודער, וואָס דו האָסט פון מיטן וועג
אַהיים צוריקגעשיקט מיין ווייב און קינדער,
איך זאָל נישט דאַרפן פירן זיי אַצינד מיט מיר
אין נאַכט אַריין. די נאַכט איז מיינע. מיינער איז
דער מדבר. מיינס דאָס זיין אַליין מיט מדבר.

ד

(ביי פּרעהן. טראָן־זאַל. ער — אַ מידער מענטש אין הויכע זעכ־
ציקער. ס׳געגאַלטע פּנים — שטייף. נאָר אונטער די אויגן —
זעקעלעך. די נאָז פאַרשפּיצט און ליפּן דין. פון ביידע זייטן טראָן
— די וואַך. אַרונטער טרעפּ — די סוויטע: האַרן און חכמים.
מיט קאָפּ געבויגן פאַר די טרעפּ צום טראָן — אַ האַר).

פרעה:

און אונטערטרייבן קען מען נישט?

האַר:

זיי פאַלן איצט
שוין יעדן טאָג אין הונדערטער. די אַלטע קוים
אַ פּאָר חדשים דויערן. די ייִנגערע —
אַ יאָר. מער ווי די נאַכט צום שלאָפן און די צייט
פאַר זייער מאַלצייט קריגן זיי קיין רו נישט.

פּרעה:

ברענג אַנדערע.

האַר:

פון וואַנען, ליכטיקער?
אַז קיין מלחמות פירן מיר נישט מער
און קיין געפאַנגענע, קיין פרעמדע, איז נישטאָ — — — —

פּרעה:

נעם די וואָס זיינען שולדיק צינזן פאַר דער ערד.

האַר:

ווער וויסט ווערן די ערד. ווען ס׳בלייבן חובות
און ס׳צאָלט נישט אָפּ אַ שניט, ווערט אָפּצאָלן
אַ צווייטער. אָבער צונעמען די הענט,
וועט בלייבן וויסט די ערד און דאַרפסט די תבואה.

פּרעה:

איך ווייס נישט וואו זיי זוכן. נעם זיי וואו דו ווילסט.
ס׳איז וואוילגעפעלן אַמאָנען צו לאָזן
מיין גרויסן פאָטער לעבן ביז צו ניינציק יאָר,
און איך, דער שפּראָץ פון יונגן כוח זיינעם,
זאָל ביז מיין עלטער מוזן וואַרטן אויפן טראָן.
דעריבער דאַרף מיין הויז און אייביקייט
זיין קלענער, אָרעמער ווי זיינס? און אַז ער האָט
מיר ברידער, שוועסטער, ווייבער אָן אַ צאָל געלאָזט
צו עסן ביי מיין טיש, איז נישט די שפע
פון לאַנד גענוג צו קויפן קנעכט אויב קענסט זיי נישט
פון קריג מיט פרעמדע און פון פעלדער נעמען?

האר:

אז וויפל כ׳זאל נישט ברענגען, ליכטיקער,
וועט אלץ דאס בויען דויערן נאך לאנגע יאר.

פרעה:

איז בוי צוערשט די קאמערן פאר מיר
און פאר מיין הויזגעזינד. און שפעטער — ברייטער בוי,
בוי העכער, מעכטיקער, בוי צוואנציק, דרייסיק יאר
עס זאל מיין הויז אין אייביקייט נישט קלענער זיין
ווי די פון מיינע אבות. גיי און קום נישט מער!
(דער האר, געבויגן, טרעט אפ הינטערוויילעכס).
ווער נאך?

הויף־האר:

דיין קאמאנדיר פון כנען, ליכטיקער

פרעה (צום קאמאנדיר וואס קומט אריין):
וואס ברענגט דיך דא?

קאמאנדיר:

דער וואונטש צו זען דיין געטלעך ליכט.

פרעה:

דערצייל.

קאמאנדיר:

ס׳איז שטיל ביים ירדן. מלכים צאלן צינז
און ס׳ווארפט דיין נאמען אן א פחד אויפן לאנד.
נאר ס׳איז שוין יארן זינט דו האסט די כנענים
צעטראטן מיט דיין רייטוואגן און אפגעקויפט
דעם חתי. ווארט דער חתי אויפן ברויט פון דיר
און ס׳קומט דאס ברויט נישט. זאמלט ער די פעלקער
און זאגט זיי צו באפרייען פון דיין הערשאפט.
און מיטן גארניזאן, וואס דו האסט מיר באוויליקט,
וועל איך נישט אויפהאלטן דיין הערשאפט, ליכטיקער!

פרעה:

איך האב נישט מער קיין זעלנער דיר צו שיקן.
געגנוג די צינז־צאלער אוועקרייסן פון פעלד.

אַז כ׳וועל די זעלנער אויך פון אַקער שיקן
צוריק צום שפּיז — ווער וועט דאָס ברויט באַזאָרגן?
נישט פאַרן חתי שוין — פאַר אונדז אַליין.

קאָמאַנדיר:

דיין גרויסער רום, דער רום פון פאָטער דיינעם,
דער רום פון אונדזער וואָפן מאָנט, מיר זאָלן — — —

פּרעה (אויפגערעגט):

וואָס שטעכסטו מיר די אויגן מיט מיין פאָטערס רום?
איך האָב אַליין מיין מאַכט ביים ירדן איינגעשטעלט — — —

קאָמאַנדיר:

דיין נאָמען וואַרפט אויך איצט אַ פּחד אַן
אויף אַלע פעלקער.

פּרעה:

האַלט אים אויף, דעם פּחד,
מיט וואָס דו ווילסט. מיין פאָטער אין מיין עלטער אויך
האָט קיין מלחמות נישט געפירט מער. זיך פאַרלאָזט
אויף זיינע קאָמאַנדירן — זיי זאָלן פאַר אים
די זיגן אויפהאַלטן. דו קענסט נישט? וועל איך דיר
אַ נחלה איינטיילן מיט קנעכט און שאַף מיר ברויט.
מיט קנעכט אין פעלד וועסטו זיך בעסער אויסטויגן
ווי מיט מיין הערשאַפט אין אַן אונטערטעניק לאַנד.

קאָמאַנדיר (טרעט אָפּ):

איך בין דיין דינער, ליכטיקער.

פּרעה:

ווער נאָך איז דאָרט?

הויף־האַר:

צוריקגעקומען ער, דער משה.

פּרעה:

ווידער ער!

(כאַפּט פון אַ לייב־וועכטער אַ שפּיז, שטייט גרייט).

משה (קומט אַריין):
וואָס וואַרפסטו נישט?

פּרעה (גרימיק):
דו לאָזסט נישט.

משה:
ביסט דאָך האַר און גאָט.

פּרעה
(לאָזט פאַלן פון דער האַנט דעם שפּיז, בלייבט זיצן):
צו וואָס ביסטו צוריקגעקומען? נאָך אַמאָל
מיר איינריידן — דו ווילסט דיין פאָלק אַרויסנעמען
אין מדבר, צו דיין גאָט קרבנות ברענגען?

משה:
איך וויל מיין פאָלק פון דיר אַוועקנעמען.

פּרעה:
וואָס קומסטו מיר דערציילן? קענסט עס נעמען — נעם!

משה:
איך וויל, אַז דו זאָלסט זיי אַרויסשיקן.
זיי האָבן אָפּגעדינט דעם פּרייז פון ברויט פאַר זיך
און פאַשע פאַר די פּי וואָס איר האָט גנעדיק
די זיידעס צוגעטיילט אַמאָל אין גושן.
זיי האָבן אָפּגעצאָלט פאַר אַלץ, און ס'איז שוין צייט
דעם חשבון אָפּצושליסן. לאָז זיי גיין.

פּרעה:
איך פיר מיט שקלאַפן קיין חשבונות נישט.
אַ שקלאַף געהערט זיין האַר. און אָקאָרשט איז געווען
דער מייסטער דאָ וואָס בויט מיין הוים אין אייביקייט
און זיך געקלאָגט: אים פעלן שקלאַפן. טראַכט איך:
נאָך צופיל פון דיין פאָלק אין וואוילטאָג לעבן דאָ
ווי הענדלער, פּי־ציכטער און אויפזעער
ביי מיינע האַרן. וועל איך אַלעמען פאַרשפּאַנען
ביים קנעטן ליים און הובלען פעלזן פאַר מיין הוים.

משה:

דער טראָן־זיצער, וואָס האָט אַמאָל אין גושן
אַ היים פאַר זיי געמאַכט, האָט נישט געפּאַנגעט זיי
אין קריג און נישט געקויפט פאַר קנעכט. מיט בייטש
האָט איר אין שקלאַפן־יאָך פאַרשפּאַנט זיי.

פּרעה:

רעכט געטאָן!
געגוג פאַר מדבר־שלעפּער אויב מען לאָזט זיי
זיין קנעכט אין אַמאָנס לאַנד.

משה:

הער אויס, מערנעפּטא!

פּרעה:

ווי וואָגסטו מיך ביים נאָמען אָנצורופן?

משה:

איך האָב עס שוין געטאָן אַמאָל. געדענקסט נישט.

פּרעה:

ווער ביסטו?

משה:

נישט קיין ברודער דיינער. כ׳זאָל עס זיין —
צי קענסטו דען געדענקען אַלע זין און טעכטער
פון אַלע ווייבער פון דיין פאָטער?... כ׳בין עס נישט.
נאָר ס׳האָט אַמאָל אַ שוועסטער דיינע פונעם טייך
אַרויסגעשלעפּט אַ קינד און צווישן אַלע קינדער
דיין פאָטערס האָט עס אויך געגעסן ביי זיין טיש.
ער האָט עס נישט געקענט, ווי נישט דערקענט אויך
די אייגענע. נאָר איך געדענק. אויך דיך
געדענק איך.

פּרעה:

דו ביסט דער וואָס האָט צוליב אַ שקלאַף
געטויט אַ מצרי און אַנטלאָפן.

משה:

איך בין דער.

פרעה:

קומט דיר נאָך טויט פון דעמאָלט.

חאָרן:

— טויט אים, ליכטיקער!
— הייס אים אַרויספירן.
— פאַרשטיינען אים!

משה

(נעמט קלאַפּן מיטן שטעקן אינעם שטיין פון דיל. די שרייער אויפגערעגטע, קערן זיך צו אים מיט פויסטן. קלאַפּט ער צאָרנדיקער. און פלוצעם די קולות פון די שרייער ווערן חיהש, ווילד. זיי מאַטערן זיך ווערטער אויסצופורעמען מיט שטומע צינגער, קענען נישט און רשוען. די אַנדערע אין פחד בלייבן שטום):

אַז דו ווּעסט הייסן זיי אַרויספירן,
וועל איך דיר האָבן נאָך עפּעס צו זאָגן.

פרעה

(אַ צייכן גיט. מען פירט אַרויס די שטומע שרייער).

משה:

איך בין באַגאַנגען אַ פאַרברעכן דעמאָלט.
נישט קעגן נוגש מיט דער בייטש, נאָר קעגן די
וואָס האָבן אָפּגעצאָלט פאַר מיין אַנטלויפן.
נאָר כ׳האָב נאָך דעמאָלט נישט געוואוסט — כ׳פיר אויס
אַ העכערן באַפעל. און נישט געוואוסט —
איך שטיי נישט אונטער דיין געזעץ. היינט ווייס איך.
און כ׳קום ביי דיר נישט בעטן. אויך נישט מאָנען
ביי דיר קיין יושר. אויב דו ווייסט אפשר פון רעכט
און אומרעכט פאַרן האַר — פאַר שקלאַפן ווייסטו נישט.
ווי דו האָסט נישט באַנומען דעמאָלט ווי מען קען
צוליב אַ שקלאַף אַן אויפזעער פון פרעה טויטן,
אַזוי באַנעמסטו איצט נישט ווי עס ווילן קנעכט
אַראָפּוואַרפן דעם יאָך פון זייער האַר.

און וועסט עס נישט באַנעמען. זאָג איך בלויז:
מיין פאָלק האָט אָפּגעדינט פאַר אייער גנאָד
און וויל פון אייך אַוועקגיין. לאָז עס פריי.

אַן אַלטער האַר:

דערלויב מיר, ליכטיקער, צו אים צו רעדן.
(צו משהן):
איך זע — ביסט אַ שליח פון דיין גאָט.
ער גיט דיר כוח צייכנס צו באַווייזן.
איז שוין געווען ביי אונדז אַמאָל אַן איכנאַטאָן,
וואָס האָט געלעסטערט רע און אַמאָן און פאַרשוועכט
די טעמפּלען זייערע, נאָר ער אַפילו, ער
איז נישט אַזוי אַראָפּ פון זינען ער זאָל הייסן
באַפרייען קנעכט. באַפרייען קנעכט! ווי קען מען
די ווערטער גאָר צונויפבינדן? אַ קנעכט איז קנעכט.
דער ליכטיקער זאָל היינט דיין פאָלק באַפרייען,
וועט מאָרגן דער סאָלדאַט נישט וועלן גיין אין קריג,
דער פויער וועט זיין ברויט נישט צושטעלן,
דער דינער וועט זיך אָפּזאָגן צו דינען,
און פעלקער שפּלע — צו צאָלן צינז.
דו ווילסט אַ חורבן ברענגען אויף דער וועלט.
וואָס פאַר אַ גאָט וויל אומברענגען אַ וועלט?

משה:

ווען וועסטו מיר אַן ענטפער געבן, פרעה?

פרעה (צום הויף):

פאַרלאָזט מיך! איך וויל בלייבן דאָ מיט אים אַליין.
(די האַרן און די וואַך גייען אַרויס).
איך וויל באַנעמען, משה! זעסט — איך רוף דיך אַן
ביים נאָמען. כ׳פּיל אין דיינע רייד דיין שנאה.
נישט צום באַדריקער פון דיין פאָלק. צו מיר,
מערנעפּטא. זאָג — פאַרוואָס האָסטו מיך פיינט?

משה:

דו פילסט עס? ביסט גערעכט. דורך דיר האָב איך דערקענט
דאָס שלעכטס פון אייך. אויך איך אין פרעהס הויף

בין נישט אומזיסט געשיקט געוואָרן. יאָ, אויך איך.
דו מיינסט — פון דיר, פון פאָטער דיינעם קומט די בייטש
פון שקלאַפעריי אויף יעקבס שטאַם? נישט אמת!
דאָס האָט מען זיי אין הונגער־יאָר געשיקט אויף זעט
פון כנען קיין מצרים און געלאָזט דערפאַר
מיט קנעכטשאַפט צאָלן אַנצועסן זיך צו זעט
מיט אייער בייז, רציחה, גאווה, אומצוכט
און עס דערנאָך ווי מיאוסקייט אָרזיסשפייען.
און מיך האָט מען אין פרעהס הויף געשיקט
איך זאָל דערקענען וואָס איז מאַכט און הערשאַפט,
דערזען ווי ברודער ווינטשט דעם ברודערס טויט
צוליבן טראָן און אַלע ווינטשן זיי דעם טויט
פון פאָטער — — —

פ ר ע ה :

האָסט עס אַלץ געזען?

מ ש ה :

געזען. און דו
דער ערשטער האָסטו דעם האַס צו אייך פאַרפלאַנצט אין מיר.
איך בין פון דיר אַ פּאָר יאָר עלטער. פלעגסטו אָפט
מיר נאָכגיין. מיך האָט ס׳בלוט פון שטאַם געצויגן
אין דרויסן צו די ליים־שטיבלעך פון פויערים
און קנעכט. און איינמאָל האָבן מיר ביים ברעג פון טייך
געטראָפן קינדער שפּילן זיך. האָט פּלוצעם
אַ קראָקאָדיל פאַרגנבעט זיך, אַ כאַפּ געטאָן
אַ קינד און מיר האָבן געזען ווי ס׳ווערט
אין זיינע ציין צעריסן. כ׳האָב פאַרדעקט
דאָס פּנים, און געשריי האָט מיך געוואָרגן.
און דו — דו האָסט געלאַכט.

פ ר ע ה :

געלאַכט?

מ ש ה :

געלאַכט.

פרעה:

אַצינד געדענק איך, נישט דאָס קינד. כ׳געדענק דיין כעס.
פון כעס דיינעם האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט
דעם טעם פון קרענקונג און באַנעמען נישט געקענט
פאַרוואָס דו האָסט פון מיר זיך אָפּגעקערט.
פאַרוואָס האָסטו מיר דעמאָלט נישט געזאָגט?

משה:

אַז דו באַנעמסט נישט איצט דעם מאָרד פון טויזנטער
וואָס קומען אום ביים בויען וואָס דו רופסט
דיין „הויז אין אייביקייט" — ווי וואָלט דיך דעמאָלט
גערירט אַ שקלאַפן־קינד ביים קראָקאָדיל אין מויל?
דו ווייסט פון פרעהס, פּריסטערס, קאָמאַנדירן, האַרן,
דו ווייסט פון פויערים, סאָלדאַטן, שקלאַפן —
נאָר וואָס איז מענטש — דאָס האָט מען אין די טעמפּלען
פון רע און אַמאָן קיינעם נישט געלערנט.

פרעה:

וואָס מיינסטו — מענטש?

משה:

דאָס וואָס גלייכט אויס דעם שקלאַף
מיט פרעהן. מענטש איז דער וואָס אייביקער
האָט אים באַשאַפן אין זיין פורעם און באַשענקט
מיט העכסטן גאָב פון אַלע ברואים — וואָרט.
מענטש איז דאָס זיין פון אייביקן אין לייב און בלוט.
און אייביקייט פאַר מענטש איז איינע. יאָ. פאַר דעם
וואָס ליגט אַ באַלזאַמירטער אין אַ באַרג
פון שטיין געהובלטן און פאַר זיין שקלאַף וואָס איז
אין שטיין פאַרמויערט — אייביקייט איז איינע.

פרעה:

און איכנאַטאָן — האָט ער געוואוסט פון מענטש?

משה:

ער האָט געוואוסט — ס׳איז דאָ איין פאָטער און איין קוואַל
פון לעבן, אָבער אַז דער קוואַל איז אַלעמענס
און אַז ביים פאָטער זיינען אַלע מענטשן קינדער —

דאָס נישט. אויך ער האָט פאַר זיין פאָטער־גאָט
געבויט אַ שטאָט מיט שקלאַפן־בלוט, אויך ער ווי דו
וואָלט זיך צעלאַכט ווען קראָקאָדיל עסט אויף
אַ שקלאַפן־קינד.

פרעה:
און ווער האָט דיך געלערנט?

משה:
דאָס בלוט פון מיינע אָבות, פון די פּאַסטעכער,
די מדבר־שלעפּער. ס'האָט דער פּאַסטעך ליב זיין שאָף.
ער ווייס — דער גורל פון דער שאָף איז — ווערן
אַמאָל אַ מאָלצייט. נאָר ווי לאַנג ער פּיטערט עס
האָט עס דער פּאַסטעך ליב. און ווער עס לעבט
אין מדבר איז נישט קנעכט. אַפילו ווען ער דינט
אַ האַר, איז מדבר גרעסער ווי די הערשאַפט
פון אַלע האַרן. מדבר אָטעמט אייביקייט.
אַ לעבעדיקע אייביקייט, אַ ליכטיקע.
און אַז דו ווייסט — ס'איז אַ באַשעפער דאָ
וואָס איז דער קוואַל פון ליכט און פון דיין זיין,
און אַז דו ווייסט — אַז ליבשאַפט קען נישט פיטערן
זיין שאָף דער גוטער פּאַסטעך און ער טיילט נישט אָפּ
די ווייסע פון די שוואַרצע — ווייסטו אויך:
עס רוט דאָס אויג פון אייביקן מיט ליבשאַפט
אויף אַלע זיינע קינדער. דאָס ווייס יעקבס שטאַם.
דאָס ווייסן האָבן זיי געבראַכט אין גושן,
און אויך אין שקלאַפעריי ביי דיר געבליבן פריי.
אַ קנעכט, וואָס נעמט זיין גורל אָן, איז שטום.
זיי שרייען. שרייען ווייל זיי ווייסן: נישט קיין קנעכט,
נאָר זייער פאָטערס קינדער זיינען זיי.

פרעה:
און דאָס איז מענטש? איך האָב עס נישט געוואוסט אַזוי
און דאָך געוואוסט עפּעס. מיין עלטער־זיידע
איז נישט געווען קיין פרעה. און ס'קען מאָרגן
אַ מדבר־מחנה אָניאָגן, מיין טראָן פאַרכאַפּן
און שטעלן מיך אונטער דער בייטש ווי איך

די ברידער דיינע. כ'וועל אויך זאָגן דאָס
וואָס דו האָסט נישט דערזאָגט: איך אויך בין שקלאַף.
דו האָסט געקענט דעם הויף. דעם האָס, די שפּיז,
דעם גיפט אונטער דער פּאַלע. פון די הונדערט ברידער
האָט אַכציקסטער און פופציקסטער און דרייסיקסטער
זיך נישט געקענט צום טראָן דערשלאָגן. פינפטער — יאָ.
און צענטער אויך. און איך בין דרייצנטער געווען.
ווי ס'האָט געעגבערט מיך דאָס לעבן פון די צוועלף!
פון יעדן איינעמס קראַנקהייט האָט מיך פרייד
און ציטערניש געטרייסלט. יאָרן, יאָרן, יאָרן!
און איך פלעג ווערן קראַנק פון האָס און ציטערניש.
איז נישט, איז נישט קיין פּרעה! זאָל ער טויזנט יאָר
נאָך אָפּלעבן, דער אַלטער, זאָלן אַלע
מיט זיין פּאַרקריצטע וואַרטן אויף זיין טויט
און איינער אויפן צווייטנס — איך וויל ווערן פריי.
אַצינד פאַרשטיי איך עס. וואָס כ'האָב געוואָלט
איז — ווערן מענטש. ווייל פּרעה אויך איז קנעכט.
כ'בין עס געווען ביי בריענדיקער דורשט צום טראָן,
און כ'בין עס איצט ביים טראָן. און איך וויל אויך זיין פריי.
כ'וויל רו. איך וואָלט מיין הויז אין אייביקייט
אַוועקגעשאָנקען פאַר אַ צענדליק יאָרן רו.
בין איך אַ קנעכט ביים טראָן. אַ קנעכט. פאַרוואָס זאָל איך
די ברידער דיינע געבן מער ווי כ'האָב אַליין?

משה:
דו ביסט אַ קנעכט ביי זיך. זיי זיינען קנעכט ביי דיר.
דו ווילסט אַ קנעכט זיין ביי דער מאַכט וואָס קליידט דיך אָן.
זיי זיינען דינער פון אַן אַנדער מאַכט.

פּרעה:
איז מענטש אויך דינער? אויך נישט פריי?

משה:
דאָס איז אַ דינסט
ביי זיך. די מאַכט איז אייביקייט. די דינסט איז קנופּ
פון מענטש מיט אייביקייט. און דינסט צום אייביקן,
וואָס איז אַ גלייכער פאָטער אַלעמען, איז פרייהייט.

פרעה:

איז כל־זמן כ׳דין דער מאַכט און טראָן בין איך נישט פריי.
און כ׳קען נישט ווערן מענטש. איז דאָך געווען גערעכט
דער אַלטער דאָ. ווילסט אומברענגען די וועלט,
ווען יעדער וואָס קען שטיין אַ גלייכער אויף די פיס
און ס׳דרייט זיך אים אַ צונג אין מויל, וועט ווערן מענטש,
וועט ווערן פריי, איז אויס מיט טראָנען, הערשאַפטן,
אויס מיט מלחמות און נצחונות, אויס מיט גאָלד
און קופער. אויס מיט פויערים אין פעלד
און האַנטווערקער ביי די וואַרשטאַטן. אויס מיט וועלט.
ווערט מדבר. און דאָס ווילסטו. מדבר ווילסטו.

משה:

ס׳ווערט אויס מיט דיין וועלט. ס׳ווערט אַן אַנדערע,
וואו אייביקער איז הערשער און וואו מענטש דינט זיך.
פאַר אים די ערד און וואָס אין איר, פאַר אים דער טייך.
פאַר אים זיין ברויט, זיין קופער און דאָס ווערק
פון זיינע הענט. ווייל ערד און טייך און וואָס אין זיי
געהערט צום אייביקן און מענטש איז קינד זיינס.

פרעה:

איז ווילסטו מיך פון טראָן אַראָפּזעצן?

משה:

נישט דיך.
ביז ס׳ווערט די וועלט, די אַנדערע, וועסטו
און הונדערט נאָך דיר זיצן אויף די טראָנען.
איך וויל מיין פאָלק אַרויספירן. עס זאָל אַליין
פאַר זיך די הערשאַפט איינשטעלן פון אייביקן.

פרעה:

אין מדבר?

משה:

נישט אין מדבר. אינעם לאַנד
פון וואַנען זיי זיינען אַהער געקומען.

פרעה:

און ווייזן אַנדערע אַ מוסטער ווי עס לעבט
אַ פֿאָלק אָן טראָן און הערשער. און די פֿעלקער
ביים ירדן וועלן זיי דאָס לאַנד אָוועקגעבן.
און קיניגרייכן וועלן צוקוקן ווי ס׳שטעלט
זיין הערשאַפֿט איין אַ גאָט פֿון פֿרייען מענטש
וואָס שאַפֿט אַפֿ האַר און קנעכט. און איך, איך, פּרעה,
וועל זיי אַרויסלאָזן און זאָגן: גייט, הייבט אָן
דעם חורבן פֿון דער וועלט... קענסט מיט דיין שטעקן
אַ קלאַפּ טאָן, משה, און מיך מאַכן שטום.
נאָר ביסט משוגע, וואָס דו ווילסט וועט נישט געשען.

משה:

דער ווילן איז נישט מיינער. איך בין בלויז דאָס וואָרט.
און ס׳וועט געשען. דו קענסט נאָר אויסקלייבן:
דעם ווילן פֿאָלגן, אָדער אָנהויבן אַ קריג.

פרעה:

איך האָב אָן אַנדער אויסוואַל: לאָזן איין נאַכט
דאָס פֿאָלק דיינס אויסשעכטן און ס׳וועט דיין גאָט
נישט האָבן מער מיט וועמען אויפצושטעלן
זיין קיניגרייך.

משה:

דער ווילן וועט אַלץ איינס געשען.
האָט דאָך דיין פֿאָטער שוין באַפֿוילן אויסראָטן
די ניי־געבוירענע זכרים און דערנאָך
געענערט מיך ביי זיין טיש. דער שווערד איז בלינד.
דער ווילן אָבער זעט. און ער וועט אויפמאָנען
ביי דיר דאָס לעצטע קינד זיינס.

פרעה:

כ׳וואָלט געלאַכט פֿון דיר
ווען איך זאָל דיר נישט גלויבן. אָבער הערסט? איך גלויב.
צי ס׳איז דיין גאָט וואָס וואַרפֿט אַ פּחד אָן אויף מיר,
צי דאָס ביסטו, וואָס איך בין יינגלווייז

דיר נאָכגעגאַנגען — כ׳גלויב. און וועל דיר ווידער זאָגן
וואָס דו האָסט נישט דערזאָגט. דיין קריג איז נישט מיט מיר.
ס׳איז אויך מיט אַלע אָבות מיינע, אַלע טראָגנען
פון היינט און פון די קומענדיקע דורות.
ווי דו ביסט אַ שליח — בין איך אויך. דו האָסט
אַנטפלעקט פאַר מיר דעם זין פון יאָרן וואַרטן
און פון מיין מאַכט אַצינד. דעם מענטש דיינעם,
דאָס קינד פון דיין באַשעפער, דעם וואָס ליבשאַפט גאַרט —
אים דאַרפן קנעכט. די האַרן האָבן מאַכט.
דו קומסט אין נאָמען פון אַ שקלאַפן־גאָט. און איך —
מיך האָבן אויסגעוויילט די האַרן־געטער
צו שיצן זייער הערשאַפט. נעכטן האָב איך
געבעטן רו. כ׳האָב נישט געוואָלט קיין קריג מער.
נאָר אויב עס איז אַ קריג פאַר וועלט, פאַר מיין וועלט,
אַ קריג פאַר דורות, פאַר פאַרגאַנגענע
און קומענדיקע — בין איך גרייט. און זאָל איך אויך
דעם קריג פאַרלירן — וועל איך זיין דער ערשטער
און אַנדערע נאָך מיר וועלן אים פירן —
דעם קריג אויף דורות.

משה:

האָסט באַנומען, פּרעה.
עס הויבט זיך אָן דער קריג פון מאַכט פון אייביקייט
אַנטקעגן מאַכט פון האַר איבער זיין ברודער.

פּרעה:

זאָל ער זיך אָנהויבן!

משה:

ער איז שוין דאָ.

הויף־האַר (לויפט אַריין):

אַ, ליכטיקער!

פּרעה:

וואָס איז געשען?

הויף־האַר:
אַ שטראָף,
אַ, ליכטיקער! אַ היישעריק, אַ פינצטערניש,
האָט אָנגעיאָגט און לאָזט די פעלדער נאַקעט.

האַרן (אַנדערע לויפן אַריין):
— אַן אומגליק, ליכטיקער!
— אַ חורבן!
— אַ געקלאָג!

משה:
אַז דו וועסט אַלץ נאָך וועלן אויסמיידן
דעם קריג, וועסטו מיך לאָזן רופן, פּרעה.
(גייט אַרויס).

ה

(דער באַרג. עס נידערן אַרונטער — משה, די לוחות אין די אָרעמס, און נאָך אים יהושע — ביידע אויסגעטריקנטע, ביי ביידן די אויגן פיבערדיק צעגליט).

יהושע:
און איצט, מיין האַר, לאָז מיר אַ ווייל דיר העלפן.

משה:
וועסט נאָך געגנוג משאות טראָגן. דיינע. דאָס —
איז מיינס. דו האָסט געקריצט דעם שטיין פאַר מיר,
האָסט לאַנגע טעג מיט מיר געפאַסט. אין פאַטערס הויז
האָט מען דיין לייב נישט אויסגעצערט מיט הונגער.

יהושע (פאַלט אויף די קני, ברעכט אויס אין אַ געוויין).

משה:
דער הונגער האָט דיך שוואַך געמאַכט.

יהושע (אין געוויין):
נישט הונגער.
פון איבערפולקייט פלאַצט דאָס האַרץ אין מיר.
דערלויב מיר עפענען דאָס מויל און ריידן.

משה (זיין האַנט אויף יהושעס קאָפּ):
מיר וועלן זיך דאָ צוזעצן און ריידן, מיין זון.
(ער זעצט זיך).

יהושע (אַלץ אויף די קני):
אַ רגע זען דיין פנים האָט מיר אָפּגעצאָלט
פאַר הונדערט הונגער־טעג, און שטיין פון באַרג
האָט מיר די אָדערן פאַרפלייצט מיט הייליקייט
ווי ווייַן מיט גלי. ווער בין איך דען אַז איך,
אַ יינגל מיט מצרימס שטויב אויף מיינע פיס,
זאָל זוכה זיין מיט דיר דעם באַרג באַשטייגן
און טרעטן אויפן שטיין, וואו אהיהס מאַכט
האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אין פלאַם און וואָלקן?

משה:
דו ביסט מיין צייכן. דורכן לייענען אויף דיין לייב
האָב איך נאָך אין מצרים דיך דערקענט.

יהושע:
ווען דו וואָלסט נישט באַוויליקט מיך צו לאָזן
דיין דינער זיין — וואָלט איך ביי דיינע פיס געשטאָרבן.

משה:
נאָך גרעסער ווי אין מיר איז די אַנטפּלעקונג
אין דיר. איך האָב געדאַרפט באַהעפטן זיך
מיט מדבר. דו — אין לאַנד פון טומאה האָסט דערשפּירט
די שטים. און אויב דער פלאַם און דאָרן איז געווען
מיין צייכן אין דעם זאַמד און שטיינער־מדבר,
ביסטו אין פאָלק־מדבר געווען מיין צייכן.
דערפאַר דיך מיטגענומען אויפן באַרג מיט זיך —
דיך אויספּרובירן, און דעם בונד וואָס איז פאַרקריצט
דאָ אויף די טאָוולען, איינקריצן אין האַרץ ביי דיר.
שטיי אויף, מיין זון!

יהושע (הייבט זיך אויף):
איך אויפן באַרג די אַלע טעג
בין איך אַ יעדע רגע גרייט געווען פאַר דיר
צו שטאַרבן. און ווען האָסט די אַל געגעבן מיר,

איך זאָל די אותיות קריצן פון דיין מויל,
האָט גאָר דאָס לייב אין מיר זיך אָנגעצונדן
ווי כ'וואָלט געווען — פאַרגיב די לעסטערדיקע רייד! —
נישט מענטש, נאָר שפּריץ פון פלאַם וואָס איז געבליבן
אין שטיין, אין הייליקן, און האָט פון שטיין צוריק
אין מיר זיך אָנגעצונדן. נישט דער שפּיץ פון אַל —
עס האָט דער פלאַם געגראָבן זיך אין שטיין.
און כ'האָב געוואוסט, אַז וואָס איך פיל און טו —
ביסט דו, נאָר דו. אָן דיר וואָלט שטיין פון באַרג
געווען בלויז האַרטער שטיין און גאָרנישט מער. אָן דיר
וואָלט איך געווען אַ וואָרעם. אויב נישט דינען דיר,
דערלויב, מיין האַר, ביי דיינע פיס צו שטאַרבן.

משה:

נישט מיך באַדינסטו. ביסט ווי איך דער דינער
פון דעם וואָס האָט אונדזביידן אויסדערוויילט.
און נישט פון מיר דער פלאַם אין דיר. ער איז פון באַרג,
פון אים, וואָס האָט זיך אויפן באַרג אַנטפּלעקט.
מיר נידערן אַרונטער באַלד. און איידער
קומסט אָן צוריק צום פאָלק זיי וויסן, זון מיינער —
ס'איז דיינס. מיין שליחות נעענטערט זיך צום סוף.
איך האָב געדאַרפט צונויפברענגען די צוויי מדבריות
און זיי צונויפגעבראַכט. דאָס קול פון אייביקן
פון באַרג אַרונטער איז אויף אַלע דורות
מיט פייער זיי אַריין אין בלוט. פאַרשניטן
מיט פייער איז דער בונד און וואָס איז איינגעקריצט
דאָ אויף די טאָוולען איז מיין לעצטער מופת.

יהושע:

דער קלאַנג פון „לעצט" אויף דיינע ליפּן טרייבט
אַ חושך אָן. ניין, זאָג עס נישט, מיין האַר.
דו ביסט מיט אונדז. וועסט אייביק, אייביק זיין מיט אונדז.

משה:

מיט אייך זאָל אייביק זיין דער אייביקער.
זיין אייביקייט דאָ אויף די טאָוולען טראָג איך
צום פאָלק. און איך — מיין אייביקייט איז מיטן שטיין

און אייביק וועל איך ווערן ווען איך וועל צו אים
זיך אומקערן. און כ׳בענק זיך אומצוקערן.
דעריבער רעד איך ערשט צו דיר. דו האָסט געזען
אונדז ביידן: באַרג און מיך.

יהושע:
יאָ, כ׳האָב געזען
די אייביקייט צווישן אייך ביידן.

משה:
ס׳איז דער באַרג
מיין ברודער. אים צופוסנס האָב איך זיך געגרייט
מיין שליחות אויסצופירן. זיך געשראָקן
און פון זיין פעלזיקייט געצויגן כוח.
איך האָב געזען מיין פאָלק אָן אויסגעלייזטס.
אַ פאָלק אין שעפסן־וואָל און ליינען. נישט קיין האָר
און נישט קיין דינער. ערד און בוים און פי
ווי מוטער, ברודער, שוועסטער, טראָגן צו
די נאַרונג און נישטאָ קיין קנאה, לוסט און רויב.
די ליבשאַפט צווישן מענטש און ערד גייט אויף
פון יעדן קערנדל און וואו אַ צאָן בייסט איין
אַ ביסן ברויט איז אַ מזבח. ווער עס פלאַנצט
אַ ניי געבורט איין איז אַ כהן, און וואו ס׳זיצט
אַ פרידלעכע משפחה איז אַ טעמפל.

יהושע:
דו האָסט דיין זעאונג איינגעקריצט אין שטיין.

משה:
די זעאונג האָט געפירט מיך קיין מצרים.
זי האָט באַוואָפנט מיך צום קריג מיט פרעהן.
דורך איר האָב איך אין שפּאַן פון אויסלייזונג פאַרשפּאַנט.
אויך די וואָס האָבן זיך דערלייזן נישט געוואָלט.
נאָר שוין ביים ערשטן טראָט אין מדבר האָט מען מיך
מיט שטיינער שיר פאַרוואָרפן, ווייל ס׳איז ביטער
דאָס וואַסער זיי געווען און ס׳האָבן אויסגעפעלט
די פלייש־טעפּ פון מצרים. מיט דער זעאונג

האָב איך אַהערגעבראַכט זיי — וואו דער סנה
האָט זי אין מיר צעצונדן. זיי געבראַכט אַהער
און האָב דערזען די צוויי מדבריות: מדבר־שטיין,
וואָס האָט אַריינגענומען מיך אין אייביק זיין,
און מדבר־פאָלק וואָס שלעפּט מיט ששים רבוא הענט
אין תאווהדיק־צעווירבלט, בלוטיק לעבן.
וואָס איז אַמאָל געווען בלויז שרעק פאַר זיי, איז איצט
אַ דערנער־קנויל אין האַלדז געוואָרן. כ׳בין אַרויף
אַהער, און שטיין, מיין ברודער, האָט אויך מיך, ווי דיך
פאַרפלייצט מיטן באַגער זיך אויפצולייזן דאָ.

יהושע:

אויף דיך, מיין האַר? איצט ווייס איך וואָס באַדייט
די גאַרונג דאָ צו שטאַרבן. ס׳איז דער רוף
פון אייביקייט, די אייביקייט אין באַרג דאָ.

משה:

נאָר ס׳איז נאָך נישט מיין צייט געוועזן. איך האָב געוואוסט —
עס וואַרט דאָס פאָלק און כ׳האָב זיי דאָ אַהערגעבראַכט
זיי בייצוקומען מיטן באַרג. און כ׳האָב דערהערט —
ניין, נישט פון גאַרגל מיינעם, נאָר פון גאָר דער ברייט
פון מדבר און פון יעדן שפּיץ און שפּאַלט פון שטיין:
— כ׳האָב איך געבראַכט צו זיך אויף אָדלער־פליגלען,
איר זאָלט פון אַלע פעלקער זיין מיין אייגנס,
אַ פאָלק פון כהנים, אַ הייליק פאָלק — — —

יהושע:

מיר האָבן עס געהערט. ווי דונער און טרומייט
וואָלט זיך צונויפגעשמאָלצן, האָט דיין קול געשאָלט.
יאָ — דיינס, נאָר ס׳האָבן אַלע הימלען מיטגעשאָלט,
און ס׳פאָלק איז אויף די פּנימער געפאַלן.

משה:

איך בין אַראָפּ צו זיי. די אויגן זייערע
מיט פּחד פול, נאָר אַלץ נאָך בלינד, צעשראָקן,
און כ׳האָב געזען — עס ליגט נאָך שווער און זומפּיק
אין זיי דער קויט און אומצוכט פון מצרים

און טויב זיינען די הערצער, טויב צו אהיהס וואָרט,
בין איך צוריק אַוועק צום באַרג, זיך אויסגעשפּרייט
און האָב געבעטן: — באַרג, מיין ברודער באַרג!
נאָר דו קענסט מיטן אייביק זיי פאַרקניפּן.
פאַר מיר האָט זיך אַ דאָרנבוים צעצונדן.
פאַר זיי דאַרפסטו אַליין זיך אָנצינדן
מיט פלאַם און שטערן, קנוילן רויך און וואָלקנס,
מיט שאַל און דונער, גאָרער מאַכט פון אהיה —
וועק אויף אין זיך דעם פלאַם פון אייביק, צינד זיך אָן
אַנטפּלעק זיך מיט דער פורכט און מאַכט פון אהיה!..
זיי האָבן עס געזען. זיי האָבן עס געהערט.
עס האָט מיט אייביק זיך אין זיי אַריינגעבערענט.
איך האָב נישט מער קיין מופתים. דאָס — די טאָוולען דאָ —
מיין לעצטער צייכן זיינען. ס'קומט צום סוף מיין שליחות.

יהושע:

ווי קען דאָס פאָלק אָן דיר דערגיין צום לאַנד,
צום צוגעזאָגטן?

משה:

מיך האָט מען געשיקט
פון טומאה זיי אַרויסצופירן און דעם בונד
מיט אהיה איינברענען אין זיי. פאַרפלאַנצן זיי
אין לאַנד — דאָס קענען אַנדערע. און אַז מיין שווער
האָט מיך געלערנט ווי דעם עול פון משפט
פאַרטיילן צווישן זקנים, האָט ער אויך
געוויזן ווי זיך צו באַגיין אָן מיר. אויך איצט
איז משפט אין די הענט פון אהרנען און חורן.
(שטייט אויף, די טאָוולען אין די הענט. זיי נידערן).

יהושע (בלייבט שטיין):

איך הער אַ קריגס־געשריי אין לאַגער.

משה (האָרכט איין):

ניין!
ס'איז נישט קיין קריגס־געשריי און נישט קיין ווי־געשריי.
ס'איז יובל, פרייד.

יהושע:

דאָס האָבן זיי געשיקט
שליחים אויסצוקוקן דיך. דאָס איז די פרייד
מיט דיר, מיט דיין צוריקקומען.

(זיי לאָזן זיך אַרונטער נאָך עטלעכע טריט. עס עפנט זיך דער מדבר. אַ צעיובלט פאָלק טאַנצט קרייזעדיק אַרום אַ זאַך וואָס גלאַנצט אין זון).

משה:

אַ טאַנץ. און דאָס וואָס גלאַנצט אין זון — וואָס איז עס?

יהושע:

פון עפּעס אַ געשטאַלט.

משה:

די מדבר־זון פאַרבלענדט
דיין אויג. און אפשר זעסטו און דו ווילסט נישט זען.
מצרימס אַפּיס האָט אַ זון געבוירן דאָ.
אַ קאַלב! אַ קאַלב! און אַ מזבח שטייט פאַר איר.
מע טאַנצט אַרום, מע קושט זיך, מענער, ווייבער —
אַ קאַלב! אַ קאַלב!

(זיין קול צעטראָגט זיך איבערן מדבר, ווערט פאַרטויבט פון טאַנץ־יובל. ער שרייט נאָך צאָרנדיקער. און מיטאַמאָל — אַ שליידער ביידע טאָוולען, זיי פאַלן, קראַכן, ברעקלען זיך, ער שרייט:

פאַרשטומט! שטעלט אָפּ! שטעלט אָפּ!

(די ראַנדן פון דער מחנה נעמען הערן. דער טאַנץ פאַלט איין, שטאַרבט אָפּ. נאָר די אין קרייז אַרום דעם אָפּגאָט הערן גאָרנישט און עס ברויזט אַלץ שיכורער פון לייב דער ווירבל. עס רוקט זיך אונטער אהרן, פאַלט צום ברודערס פיס).

משה:

וואָס האָט געטאָן דיר אָט דאָס זינדיקע פאָלק
זאָלסט אויף אים ברענגען נאָך אַ זינד אַזאַ?

אהרן (שטייט אויף):

זאָל דער געוועכטער צאָרן פון מיין האַר נישט גרימען!
דו קענסט דאָס פאָלק — פאַרדאָרבן פון מצרים

און אינעם מדבר דאָ פאַרלוירן. ביסט אַוועק
און אויפן באַרג פאַרזאַמט זיך. זיינען זיי צו מיר
געקומען און געזאָגט: מאַך אונדז אַן אַנדער גאָט
וואָס זאָל אונדז פירן, ווייל דער מאַן, דער משה
וואָס האָט אַהערגעבראַכט אונדז פון מצרים —
מיר ווייסן נישט וואָס איז מיט אים געשען.
האָב איך געזאָגט: טוט אויס דאָס גאָלד און ברענגט מיר.
און כ׳האָב אין פייער עס אַריינגעוואָרפן און — — —
עס איז אַרויסגעקומען אָט די קאָלב דאָ.

משה:

אַרויסגעקומען! האָסט געזאָגט אַ שפּרוך אַזאַ
און פייער האָט אַ קאָלב דיר אויסגעשמאָלצן
ווי טראָפּנס צוויי אין אַפּיסן אַריינגעראָטן.
און דער מזבח אויך — אַליין פון דר׳ערד
אַרויסגעשפּרונגען. און די שאָף געשאָכטענע
אויף אים האָבן אַליין געשאָכטן זיך.
און וואו איז חור?

אהרן:

זיי האָבן אים געטייט.

משה:

פאַרוואָס?

אהרן:

ווייל ער האָט נישט געלאָזט די קאָלב זיי מאַכן.

משה:

און דו האָסט יאָ געלאָזט. אַליין געמאַכט.

(לאָזט שטיין דעם ברודער, שרייט אַריבער אים):

ווער ס׳איז אַ לוי, ווער מיט אהיה — קומט צו מיר.

(ס׳וואַקסט אויס אַ קליינע מחנה אַרום אים).

לויים:

— מיר האָבן נישט געוואָלט.
— געשראָקן זיך פאַר זיי.
— זיי זיינען ווילד געווען.

— אויך אהרנען אַרומגערינגלט.
— זיי ווילן זיך נישט איינשטילן אויך איצט.
— זיי הערן נישט.
— ווי שיכור זיינען זיי.

משה:
טוט יעדערער זיין שווערד אָן, גייט צו זיי און שניידט.
און נאָך דעם גייט פון צעלט צו צעלט און קוילעט —
צי ס׳איז אַ פריינד, אַ קרוב, צי אַ ברודער.

אהרן (פאַלט אויפן פּנים):
דערבאַרעם זיך, פאַרגיב זיי היינטיקס מאָל.

משה (צו יהושען):
און דו פאַרברען דעם אָפּגאָט און צעמאָל אויף שטויב
און מיש עס אויס מיט וואַסער — אַ געטראַנק פאַר זיי —
עס זאָל אין די געדערעם עסן זיי די קאַלב.

ו

(פאַר משהס צעלט. צפּורה און די זין).

גרשם:
כ׳וועל גיין זיי העלפן אויפקלייבן די טויטע.

צפּורה:
ניין, גיי נישט, זון! זיי וועלן פאַר דיין פאָטער
אויף דיר דעם צאָרן אויסלאָזן.

גרשם:
נישטאָ אין זיי
קיין צאָרן, בלויז געוויין.

צפּורה:
וועלן זיי זאָגן:
דער פאָטער האָט געשניטן און דער זון
קומט אויפזאַמלען דעם שניט. בלייב דאָ. דיין פאָטער
וועט אויפשטיין און זיך נאָכפרעגן אויף דיר.

גרשם:

אויף מיר? ער זעט מיך נישט. איך בין פאַר אים ווי לופט,
ווי נישט פון אים געבוירן. זעט ער דיך דען?
האָט ער אַמאָל אַ וואָרט צו דיר גערעדט
זינט ס'האָט דער זיידע אונדז געבראַכט אַהער?

אליעזר:

כ'וויל גיין צוריק צום זיידן. כ'דאַרף נישט פאַר אַ פאָטער
אַ קיניג וואָס שעכט אויס זיין פאָלק.

צפורה:

דיין פאָטער
איז נישט קיין קיניג.

אליעזר:

איז ער גרעסער נאָך — אַ גאָט.
זיי זאָגן אַלע. און זיי האָבן מורא
פאַר מיר. איך וויל קיין גאָט נישט פאַר אַ פאָטער.
איך וויל נישט זיין אין מדבר דאָ. איך וויל צוריק
צום זיידן גיין.

צפורה:

דיין זיידע האָט אונדז דאָ געבראַכט,
ער אויך שטייט ווי אַ דינער פאַר דיין פאָטער.

אליעזר:

וועסט אים דערציילן וועגן נעכטן, וועט ער
אונדז אַלעמען צוריקנעמען.

צפורה:

מיר וועלן גיין.
מיר וועלן אַלע גיין צוריק אין מדין.
זיי שטילער, יינגל! זע, דיין פעטער קומט.

אהרן

(קומט צו, בלייבט שטיין און שוויגט).

צפורה:

דיין ברודער שלאָפט. זיין דינער איז אַוועק פאַרפרי.

אהרן:

דריי טויזנט מתים. וואו נאָר אַ געצעלט — אַ מת.
אַ פאַל קאַ גאַנץ גראַבט קברים. יאָמער און געקלאָג,
און אַנדערע צעלויפן. מיטן וועג צוריק,
צו פרעהן. ער האָט בלויז אין יאָך געפּלאָגט,
נאָר נישט געקוילעט. און זיי וויסן נישט דעם וועג,
זיי וועלן אויסגיין, אומקומען אין מדבר.

משה

(דערשיינט ביים שוועל. זיין פנים איז פאַרענדערט. די אויגן אָנ־געשוואָלן, ברענען. האַלט זיך אָן אין פאָרהאַנג פון געצעלט. רעדט שטיל, געבראָכן):

דער מערדער משה! אומגעבראַכט דריי טויזנט,
מיט בלוט זיך אָנגעטרונקען און געלייגט זיך שלאָפן.
וואו אַ געצעלט — אַ מת. דער מערדער שלאָפט.
דאָס פאָלק גראַבט קברים און מע לויפט פון משהס שווערד
זיך ראַטעווען ביי פרעהן און דער מערדער שלאָפט.

(ער ברעכט זיך. זיין טראָגן אים צו אַ בענקל און מען זעצט אים איין. דער קאָפּ אַרונטער פאַלט. ער זיצט פאַרגליווערט. זייער שטיל):

כ׳האָב זיך געבעטן. שיק אַן אַנדערן!
מיט דיר צוזאַמען בין איך: דו און איך.
זיין — דו און זיי — דאָס קען איך נישט.
מיט דיר בין איך דיין וואָרט און ווילן,
קענסט אָנשיקן אַ מבול און אַ וועלט פאַרטרינקען
און ביי דיין ווילן איז עס רעכט.
ס׳איז דין. ס׳איז צדק.
קענסט אָנשיקן, מגפות, הישעריק, מלחמות
און ביי דיין ווילן איז עס רעכט.
ס׳איז דין. ס׳איז צדק.
און אַז דיין ווילן הייסט מיך: קוילע — קוילע איך,
נאָר איך בין דאָך נישט דו. כ׳בין — זיי,
בין זייער האָרץ
וואָס שווערד שטעכט דורך,
בין זייער בלוט וואָס זינקט אין זאַמד.

איך בין די מאַמעס און די טאַטעס.
איך בין די קברים און דער מדבר.
איך קען נישט זיין צוזאַמען: דו און זיי.
איך קען נישט זיין: דיין וואָרט און זייער אַנגסט.
און אויב די שווערד דאַרף זיין דער שופט — מעק מיך אויס,
פאַרגעס די טעג דיינע מיט מיר
און זאָל דער האָגל קללות וואָס אויף מיר
מיט סקילה אומברענגען מיין נאָמען.

אהרן (שטיל):
נישטאָ קיין קללות.

משה (הייבט אויף די אויגן).

אהרן:
ניין, זיי שעלטן נישט.

משה:
פאַרוואָס?

אהרן:
מע שעלט קיין גאָט נישט. וואָס ער טוט איז רעכט.
מען איז פאַרלוירן ווי די שאָף אין קוילערס האַנט,
נאָר שעלטן שעלט מען נישט.

משה:
אָ, גאָט! אליעזר זאָגט:
ער דאַרף אַ גאָט נישט פאַר אַ פאָטער. ווייל אַ גאָט
מעג שעכטן און מע שעלט אים נישט. נאָר אליעזר
ווייס בעסער: מאָרד איז מאָרד. און גרשם אויך,
דו ווילסט דאָך גיין מיט זיי, צפורה. גיין צוריק
אין מדין. גיי! און זאָלן זיי אָן מיר פאַרגעסן.

אהרן:
וואָס האָסטו צו די זין דיינע?

משה:
איך בין צו זיי
אַלץ איינס קיין פאָטער נישט. אַזוי פיל האָט די שווערד
געלאָזט יתומים, וועלן זיין נאָך צוויי.

אהרן:

בלייב דאָ, צפּורה! קום אין מיין געצעלט.
ביי מיר וועלן די זין דיינע זיין זין.

צפּורה:

זיי זיינען קיין יתומים נישט. זיי האָבן
אַ מוטער און אַ זיידן. און ביים זיידן אויך
אַ היים. און מוטערס פאָלק וועט זיי אַ פאָטער זיין.
(נעמט ביידע יינגלעך ביי די הענט, פאַרשווינדט).

אהרן:

ווי האָסטו אויף דיין אייגן בלוט קיין רחמים נישט?

משה:

אַ מאַן און פאָטער דאַרפן זיי און נישט קיין גאָט.

אהרן:

הלוואי וואָלסטו מיך נעכטן אויסגעהערט!
נאָר דיך האָט צאָרן ווי אַ בראַנד פאַרפלייצט.
וואָס האָט דאָס פאָלק געבעטן? משה, דער וואָס האָט
אַרויסגעבראַכט אונדז פון מצרים, איז נישטאָ.
מיר ווייסן נישט וואָס איז געשען מיט אים.
גיב אונדז אַן אַנדער גאָט וואָס זאָל אונדז פירן.

משה:

אַן אַנדער גאָט!

אהרן:

וואָס דען ביסטו פאַר זיי?
דעם, וואָס דו פירסט זיין שליחות אויס, באַנעמט מען נישט.
און אַלע וואונדער וואָס געשען מיט זיי — אין דיר.
מיט פרעהן קריג געפירט האָסטו. איבערן ים
זיי דורכגעפירט האָסטו. פון ברענענדיקן באַרג,
פון פלאַם און דונער האָט מען דיך געהערט,
אַן דיר איז יעדע רגע פול מיט אַנגסט.
ביסטו אַוועק — אַ טאָג און צען. מיט יעדן טאָג
די אַנגסט ווערט גרעסער. ווער קען דיך פאַרבייטן
אויב נישט אַן אַנדער גאָט? און געטער האָבן זיי
ביז דיר געקענט נאָר די וואָס אין מצרים.

משה:

איך בין געזעסן אויפֿן באַרג, פֿאַר זיי געקריצט
דעם בונד וואָס זאָל זיי מאַכן פֿאַר אַ הייליק פֿאָלק
און דאָ דערווייל אַליין געוואָרן טומאה.

אהרן:

פֿאַרוואָס האָב איך ווי חור זיך טייטן נישט געלאָזט ?
האָב איך אַ לעבן אין מצרים אָפּגעהיט
פֿאַר זיי דעם בונד מיט יעקבֿס גאָט, איך זאָל אַליין
אויף מיינע אַלטע יאָרן אַן אָפּגאָט מאַכן ?
וואָלט נישט דער טויט געווען מיר גרינגער ? אָבער ווער
וואָלט אויסגעטייטשט פֿאַר דיר די אַנגסט און עלנד
און אומשולדיקע זינד פֿון אָט דעם פֿאָלק ?
ווער וואָלט אָצינד פֿון איבער זייערע קבֿרים
צו דיר געבראַכט זייער געוויין — ס׳געוויין פֿון שולד
און זינד, וואָס וואַשט זיך אָפּ פֿון זייער בלוט ?

משה:

עס וועט נישט אָפּוואַשן. זיי האָבן מיך געדאַרפֿט
פֿאַר קריג מיט פּרעהן. מדבר בין איך. האָט דער בראַנד
פֿון מדבר אָפּגעטאָן זיין שליחות ווען ער האָט
די שונאים זייערע געשלאָגן. איצט אָבער,
אַז ער שלאָגט זיי אַליין, דאַרף ער פֿון זיי
זיך אָפּשיידן. ווייל מדבר קען נישט אַנדערש
ווי ברענען. האָסט ביים טויער פֿון מצרים
אַליין געוואָרנט מיך : איך קום פֿאַרשרפֿען זיי.
דו ביסט גערעכט געווען. זיי דאַרפֿן אָפּגעטער.
און דאָס וואָס ברענט אין מיר מיט צאָרן ברענט
אויף אָפּגעטער. כ׳וועל זיי און זיך פֿאַרברענען.

אהרן:

דו קענסט פֿון אָפּגעטער באַשיצן זיי.
און אָפּשייד דיינער וועט זיי אומברענגען.

(ס׳קומט אָן יהושע און מיט אים נאָך יונגעלייט און הינטער זיי אַ גרופּע זקנים. יהושע אויף אַקסל שלעפּט אַ שווערן פּאַק, קומט צו צו משהן, לייגט אים אויף דער ערד פֿאַר זיינע פֿיס).

משה:

וואָס ברענגסטו מיר?

יהושע (צעוויקלט עס):

די ברוכשטיקער, מיין האַר.

משה:

ווער האָט באַפוילן צונויפצונעמען זיי?

יהושע:

די טעג און נעכט מיט דיר, מיין האַר, דער גלי
פון אהיהס פלאַם אין יעדן אויסגעקריצטן אות,
די זעאונג פון אַ הייליק פאָלק, דער בונד מיט אהיה.
האָב איך גערופן די חברים און געזאָגט:
זאָל פאָלק די טויטע אָפּגעבן דער ערד
און מיר וועלן צונויפזאַמלען די שטיקער
פון דעם וואָס דאַרף זיין אייביק לעבן. אַרום באַרג
געגנישטערט, אויפגעזוכט די שטיקער, שפּליטערס
און דיר צוריקגעבראַכט די טאָוולען — יעדן אות.

משה

(הייבט אויף אַ ברוכשטיק, נעמט עס אויף דער קני און קוקט עס
אָן. פון אויגן גיסן זיך טרערן).

אהרן:

זאָל דאָס דער סוף זיין פון דיין שליחות? בונד
צעשמעטערטער, אַ פאָלק מיט טויט געשלאָגן
און עלנד — אָן אַ גאָט און אָן אַ פאָטער —
מיט דעם ווילסטו אונדז לאָזן און אַוועקגיין?

יהושע (שפּרייט זיך אויס אויף דר׳ערד):

מיר וועלן שטאַרבן איידער דו פאַרלאָזסט אונדז.

אַנדערע

(אויך אויף דער ערד):

אָן דיר איז טויט. מיר וועלן אומקומען אָן דיר.

משה:

שטייט אויף! זאָל אהרן ריידן.

אהרן:

זאָל בלוט פון פאָלק
און טרערן פון די זקנים אָפּוואַשן פון זיי
די זינד און אויך פון דיר דעם צאָרן. און אַצינד
באַוואָרן זיי אַנטקעגן נייע אָפּגעטער.

משה:

מיט וואָס באַוואָרענען?

אהרן:

נישט זיי אַליין דער גאָט!
צעטייל דיין געטלעכקייט. גיב אָפּ פון זיך
צו צייכנס הייליקע, באַשטענדיקע
וואָס זאָלן מיט זיי בלייבן היינט און אַלעמאָל.

משה:

וואָס פאַר אַ צייכנס?

אהרן:

ווער ס׳האָט דיך געשיקט
איז נישט קיין גאָט פאַר דיר און האָט קיין נאָמען נישט.
צום סוף פון דורות וועט עס מענטש באַנעמען.
נאָר די וואָס דו האָסט אויסגעלייזט פון אונטער בייטש
פון רא און אַמאָן און פאַר זיי פאַרשניטן
אַ בונד אין וואָרט וואָס אויף די שטיקער שטיין —
זיי מוזן קענען זייער גאָט, דעם פאָטער
און שיצער זייערן — ער מוז אַ נאָמען האָבן.

משה:

ווי אַלע אָפּגעטער פון אַלע פעלקער.

אהרן:

נישט קיין געשטאַלט און פנים, נישט קיין אָפּבילד,
געשניצט, געגאָסן צי געמאָלן, נאָר אַ נאָמען.
זיי זאָלן קענען רופן אים ביים נאָמען.
זיי זאָלן איינס מיט אים אין נאָמען זיינעם זיין.
ווער ס׳האָט אין דיר אַנטפּלעקט זיך דאַרף קיין היים נישט,
און דו — וואו ס׳פאַלט דיין אויג אויף הימל צי אויף ערד —

ביסטו מיט אים. נאָר זיי פֿאַר זייער בונד מיט גאָט
אַ וואוינונג דאַרפֿן וואו עס זאָל זיין נאָמען רוען.
און וואוינט דאָס פֿאָלק דערווייל אין צעלטן אויפֿן וועג
צום צוגעזאָגטן לאַנד, זאָל אויך אַ וואַנדער־צעלט
די וואוינונג זיין פֿאַר גאָט.

משה:

און אין דער וואוינונג וואָס?

אהרן:

אויף דעם האָט דיר געענטפֿערט יהושע
און די וואָס האָבן דאָ די ברוכשטיקער געבראַכט.
וועסט וועלן גאַנץ מאַכן צוריק דעם בונד, וועסטו
זיך אומקערן צום באַרג און נייע טאָוולען
אונדז ברענגען פֿאַר גאָטס הויז — אַ בונד אַן אייביקן.
און וועסטו נישט גיין, וועלן די צעבראָכענע
אונדז בלייבן פֿאַר אַ הייליקייט.

משה:

רעד ווייטער.

אהרן:

ווער ס׳האָט געשיקט דיך דאַרף נישט קיין מזבחות
און קיין קרבנות. נישט פֿון דאַנק און ליוב צו אים
און נישט פֿון אויסקויף פֿאַרן מענטש. נאָר מענטש,
צום גאָט זיינעם אַ צוגעקניפּטער, מוז
מתנות ברענגען אים און אויסקויפֿן ביי אים
זיין זינד, זיין לעבן און זיין נאָכוואוקס. און עס דאַרף
דער אייביקער נישט קיין כהנים. זאָל דאָס פֿאָלק,
דאָס גאַנצע פֿאָלק, כהנים זיין — אַ הייליק פֿאָלק
צום הייליקן. נאָר זיי, די אויסגעלייזטע,
און דורות נאָך זיי וועלן דאַרפֿן דינער
אין הויז פֿון זייער גאָט.

משה:

געַנוג, איך ווייס שוין.
איך זאָל דאָס פֿאָלק נישט מוזן שטראָפֿן מער,
מוז איך די בענקשאַפֿט קיין מצרים אין זיי שטילן,

מוז איך מצרים ברענגען זיי אַהער.
קיין פליישטעפּ האָב איך נישט פאַר זיי. עס וואַקסן נישט
קיין ציבעלעס און קנאָבל אין דער מדבר.
אַ הויז אָבער פאַר גאָט און אַ מזבח,
קרבנות און כהנים קענען יאָ דאָ וואַקסן.
און אַז מ'האָט גאָלד געפונען פאַר דער קאַלב,
וועט גאָלד און צירונג זיין אויך פאַר גאָטס הויז
און פאַר כהנים, אויסגעצירט און אויסגעפוצט
ווי רע און אַמאָנס דינער... הער מיך אויס,
מיין ברודער, און אויך איר וואָס האָבן אויפגעזוכט
און מיר צוריקגעבראַכט די שערבלעך פונעם בונד.
האָט מען געמאַכט פון מיר אַן אָפּגאָט — בין איך בלויז
אַ מענטש. ווילט איר, איך זאָל פון אייביקן
אַן אָפּגאָט מאַכן — איך, וואָס ציטער אויך
ווען ס'קומט דער צייכן אהיה פון מיין מויל, זאָל איך
אַ טעמפּל פון מזבחות און קרבנות
און כהונה איינשטעלן. איך זאָל די אייביקייט,
די סודותדיקע שיין פון שטערן און די פורכט
פון דעם וואָס אָטעמט צווישן זיי פאַרבייטן איך
אויף גאָלד און שטיין און בלוט און פלייש און רויך פון אָקס...
וויל ס'פאָלק דאַרף צייכנס — צייכנס פאַרן אויג און נאָז.
וועט אפשר נאָך אַ מעכטיקערער צייכן זיין
ווען איר וועט מיך, ווי איך די קאַלב, פאַרברענען
און געבן זיי דאָס אַש פון מיר צו טרינקען —
אַ ביטערע געדעכעניש אויף דורי דורות,
פון מענטש, וואָס איז געוואָרן אָפּגאָט. ברענגט מיך אום
און איר וועט פריי ווערן צו דינען וואָס איר ווילט.

(ער שטעלט זיך אויף אין פולער הויך):

אָט בין איך. רוף דאָס פאָלק און גרייט דאָס פייער צו
און ווער עס האָט אַ שווערד זאָל דורכשטעכן.

(ס'ווערט ווידער אַ געוויין צווישן די זקנים און יונגע. **יהושע פאַלט** צו משהס פיס).

אהרן (צאַרנדיק):

טרעט אָפּ, יהושע! און זאָל אייביקער
מיר מוחל זיין פאַר שטראָפן זיין שליח.

יהושע (רוקט זיך אָפּ).

אהרן:

זיך לאָזן אומברענגען — דאָס האָב איך אויך געקענט,
און נישט געלאָזט זיך, ווייל געטראַכט פון זיי.
און דו, וואָס ביסט געשיקט זיי אָנצוהעפטן
אָן אייביקן — דו טראַכטסט נאָך וועגן משהן.
זאָל פאָלק אין זומפּ פון טומאה איינזינקען,
נאָר משה זאָל אַרויסגיין ריין און גאַנץ.

משה:

נישט זיך באַשיץ איך, ס׳איז נישטאָ קיין משה.
ס׳איז דאָ בלויז דער וואָס האָט מיך פאַר זיין מויל געמאַכט.

אהרן:

און דיר זיין מאַכט אין האַנט געגעבן זאָלסט מיט איר
באַפעלן היישעריק און פראש און פינצטערניש
און טייך און ים צו פאָלגן דיין באַפעל. נאָר דו —
דו מאָנסט פון אים, ער זאָל פון דיינעטוועגן
דעם סדר פון באַשאַף צו נישט מאַכן.
עס וואַקסט נישט איבער נאַכט פון קערנדל אַרויס
קיין רייפער בוים און ס׳ווערן פון אַ מוטער־טראַכט
קיין זקנים נישט געבוירן. דו אָבער פאַרלאַנגסט
פון אייביקן ער זאָל דיר איבער נאַכט אַ פאָלק
פון קנעכט פאַרוואַנדלען אין אַ פאָלק פון משהס.
דאָס קען נישט אויך דער אייביקער אַליין.
דורך דורות אָן אַ צאָל וועט מענטש אין בלוט
און בלינדקייט־יאָך פון זיינע תאוות טראָגן,
ביז יענעם דור ווען יעדער מוטער־זון
וועט אָטעמען מיט אייביקייט ווי משה.
פאַר משהן דאַרף מען נישט קיין טאָוולען קריצן,
קיין חוקים און משפטים איינשטעלן.
מען דאַרף עס פאַרן מענטש וואָס זאָל דאָס בלוט פון קנעכט
דורך זיי צו הייליקייט דערלייטערן.
און ס׳דאַרף דער מענטש פאַר הייליקייט אויך צייכנס —
ער זאָל דורך זיי אַליין געהייליקט ווערן.
און ווער זאָל אים די צייכנס געבן, ווען נישט דו,

דער אויסלייזער און גאָט? דו ווילסט נישט זיין
קיין גאָט און אָפּגאָט — ווער אַ פֿאָטער! האַרבער
און מאָנענדיקער פֿאָטער מיט אַ רוט
אַ פֿייערדיקער, אָבער פֿאָטער זיי צו זיי
און נישט אַנטלויף פֿון זיך און זיי אין טויט אַריין.
נישט פֿעלש די שליחות וואָס איז דיר פֿאַרטרויט.

משה (מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ):

מאַך דו! בוי אויף אַ צעלט, שטעל אויף מזבחות
און ברענג אויף זיי קרבנות. טו זיך אָן
אין כהנס מאַנטל — ווער די הייליקייט. ווער דו.
דו ווייסט די וואונטשן פֿון דעם פֿאָלק, איך ווייס נישט.
איך האָב עס נישט געטראָגן אויף די הענט ווי דו.

אהרן:

כ׳וועל בויען, טאָן און זיין — מיט דיין באַפֿעל.

משה:

אויב ס׳איז אַזוי דער ווילן — זאָל־דער ווילן זיין.
און איצט לאָזט מיך אַליין. בלייב דאָ, יהושע!

(די זקנים, יונגע, אהרן גייען אָפּ. ער זעצט זיך ווידער)

ביז נעכטן בין איך — איך געווען, אַ דינער
פֿון אייביקן. היינט בין איך אויך אַ קנעכט
פֿון זייער בלוט — דעם בלוט וואָס כ׳האָב פֿאַרגאָסן
און בלוט וואָס פֿליסט אין זיי. אויף אַלע מאָל אַ קנעכט.

יהושע:

דו האָסט געזאָגט: דאָס פֿאָלק איז מדבר. ס׳אָטעמט
דער אייביקער אין מדבר. אויך אין זייער בלוט
איז אָטעם דאָ פֿון אייביקן.

משה:

זאָג נאָך אַמאָל.

יהושע:

אין בלוט פֿון פֿאָלק איז אויך דער אייביקער.

משה:
און איבער מיר, דער קאַלב, און מיר, דעם אָפּגאָט,
און איבער זייער בלוט וואָס כ׳האָב פאַרגאָסן,
און איבער טויט און האַרבער שטראָף, און איבער אים,
דעם גאָט וואָס דאַרף אַ הויז האָבן, און איבער שטיין
און בלוט און פייער דאַרף מען פירן עס
דאָס בלוט זייערס, צום אייביקן וואָס לעבט אין דעם.
מיר וועלן ווידער שטייגן אויפן באַרג, יהושע.
אויך דאָס אַריינקריצן אין שטיינער־טאָוולען.

ז

(פאַר משהס געצלט. ער זיצט אַן אַנגעלאָדענער, מיט בײדע עלנ־בויגנס אויף די קני. יהושע הינטער אים. אַנטקעגן — אהרן).

משה:
וואָס ווידער? וואָסער, פיש, געבראָטנס, קנאָבל?

אהרן:
נישט דאָס. און נישט די מחנה איצט.

משה:
ווער דען?

אהרן:
די ראשי עדה. דײַנע שופטים, אויסטייטשער
פון דײַן געזעץ. און פירן פירט זיי קרח,
דעם זיידנס אייניקל. זיי ווילן נישט
דײַן הערשאַפט און מײַן כהונה. ווײַניק — זאָגן זיי —
וואָס דו האָסט זיי אַרויסגענומען פון אַ לאַנד
פון מילך און האָניק צו פאַרטיליקן
אין מדבר. ביסט נאָך געוואָרן קיניג — — —

משה:
אַ ביסל בין איך יאָ געפאַלן. פריער —
אַ גאָט, ערשט בלויז אַ קיניג. איז וואו זײַנען

די רייטוואָגנס און פערד מיינע, די קנעכט און וואַך?
וואָס נעם איך זייערס פאַר מיין קיניגלעכן טיש?

אהרן:
מיט שווערד און קללות טוסטו הערשן — זאָגן זיי.
און מיך, דיין ברודער, האָסטו אויסגעריכט
ווי אַ פאַרפוצטע כלה צו דער כהונה
און מיינע זין פאַר העלפער. אַלץ פאַר עמרמס הויז.

משה:
און זיי וואָס ווילן?

משה:
קרחן פאַר כהן.
מיר זיינען אַלע אייניקלעך פון זיידן קהת!
פאַרוואָס פאַר עמרמס זין די הערשאַפט, און פאַר זיי,
פאַר יצהרס זין, בלויז דינסט ביים אָרון,
מנורה און מזבחות?

משה:
אַלע פרעגן דאָס?
און אַלע ראשי עדה קומען מאָנען
פאַר קרחן די כהונה?

אהרן:
דאָס זאָגט פינחס.
ער איז אַ נאַכט אַרומגעגאַנגען צווישן זיי.
זיך צוגעהערט. אָט קומט ער אָן.

פינחס (אַ דרייסיקער, אַ שוואַרצער, אַ פאַרסאָפּעטער):
זיי גייען!
דאָס גאַנץ געזעמל זייערס קומט. אַ גאַנצע נאַכט
געגרייט זיך. קרח אומגעלאָפן, אָנגערעדט.
איצט קומען זיי, די מורדים. וואָלט די ערד
זיך אונטער זיי געשפּאָלטן, איינגעשלונגען!

משה:
האָסט שוין פאַרמשפּט? ווייסט שוין אויך די שטראָף?

פינחס:

כ׳האָב נאָר געזאָגט. איך משפט קיינעם נישט.

משה

(דערזעט די עדה אָנקומען און שטעלט זיך אויף. פאָרויס צוויי זקנים: קרח — שטייף און מאָנעריש, און אָון בן פלת — אַ גע־בויגענער. די אַנדערע — מיט פחד אויף די פנימער):

זאָל נידערן דער גנאָד פון אייביקן
אויף די נשיאי עדה. כ׳זע אַ נאַכט אַן שלאָף
אין אייערע אויגן. וואָס באַשווערט אייער געמיט?

אָון בן פלת:

שוין נישט פון נעכטן איז באַלאָדן דאָס געמיט
ביי אונדז מיט ספקות און פאַרווירונג. וואָס דו זעסט
אין אונדזערע אויגן איז אַ נאַכט פון פחד
ביז מיר האָבן געוואָגט פאַר דיר צו ברענגען
די אַנגסטן אונדזערע. דיין געטלעך וואָרט
וואָס האָט אונדז אויפגעלויכטן ווי די מאָרגן־זון
האָט זיך אין וואָלקנס איינגעהילט. פאַרטונקלט איז
דער זין פון בונד וואָס האָסט פאַר אונדז פאַרשניטן.

קרח:

דו האָסט געפעלשט אין זיך. האָסט פון די פעלקער
און זייערע פירונגען אונדז אָפּגעשיידט
מיר זאָלן זיין אַ הייליק פאָלק צום הייליקן.
דו האָסט אַ בונד פאַר גאָר דעם פאָלק פאַרשניטן.
איצט האָסטו פונעם בונד אַ געצנדינסט געמאַכט.

משה:

מיט וואָס דעם בונד פאַרשוועכט, מיין ברודער קרח?

קרח (צו די וואָס הינטער אים):

רעדט איר וואָס אויפן האַרץ ביי אייך! איך בין
איין בלוט מיט זיי. אויף מיר וועלן זיי זאָגן:
דער זון פון יצהר ברענט מיט קנאה צו די זין
פון עמרם. איר זענט נישט קיין אייגענע. רעדט איר!

ערשטער נשיא:

פון דיינע ערשטע צייכנס אין מצרים
האָט זיך דער גאָט פון אונדזערע אָבות ווידער
אַנטפּלעקט צו אונדז. אין קנעכטשאַפט האָבן דורות
דערשלאָגענע געוואַרט אויף דער אַנטפּלעקונג
און דו האָסט זי געבראַכט צו אונדז. דורך דיר
זיינען מיר ווידער גאָטס דערווײלטער שטאַם
און ס׳גליט אין אונדז דאָס וואָרט פון פלאַם אַרויס:
איר זענט אַ הייליק פאָלק צום הייליקן.

צווייטער נשיא:

ביזן סוף פון אַלע דורות וועלן קינדס־קינדער
פון דיר דערציילן. וואו האָט נאָך אַ גאָט אַזוי
אַ שפּל און צעבראָכן פאָלק אַרויסגעפירט
פון אייזן־צוואַנג? דו ביסט די שטאַרקע האַנט
פון אונדזער גאָט, דו ביסט זיין וואָרט, דו ביסט אַליין
דער צייכן פון זיין העכסטן גנאָד צו אונדז.
און דו אַליין האָסט אונדז אַנטפּלעקט פאַרוואָס
פון אַלע פעלקער האָט דער אייביקער גראָד אונדז,
די שוואַכסטע און געפּאַלנסטע, זיך אויסדערוויילט.
ווייל ליב איז אים דער זאָמען פון אברהם.
ווייל הייליק זיינען מיר צום הייליקן.

דריטער נשיא:

האָסט אונדז אַ טאָג אַ זיבעטן געגעבן
פון רו, פון הייליקער, פאַר האַר און דינער
און אונדז דערמיט דערהויבן איבער פעלקער.
און איידער נאָך ס׳האָט אונדזער פוס באַטראָטן
די ערד וואָס איז אונדז צוגעזאָגט, האָסטו אויך איר,
דער ערד, געגעבן שבת. ווייל ווי מיר אַליין,
צו גאָט געהייליקטע, איז הייליק אַלץ וואָס אונדזערס,
ווייל אַלץ אין אונדז און וואָס מיט אונדז איז זיינס,
ווייל מיר זיינען אַ הייליק פאָלק צום הייליקן.

פערטער נשיא:

האָסט אונדז פון עקל פון מצרים אָפּגעשיידט,
אַ ברודער זאָל נישט אויפדעקן אַ שוועסטערס שאַנד

און נישט אַ זון אַ שטיפמוטערס און נישט
אַ שוועגערינס — אַ שוואָגער. זאָל זיך בלוט
מיט אייגן בלוט נישט מישן. ריין און הייליק
זאָל זיין דער בונד פון מאַן און פרוי, אין הייליקייט
די דורות זאָלן אויפקומען פון יעקבס שטאַם,
ווייל מיר זיינען אַ הייליק פאָלק צום הייליקן.

פינפטער נשיא:

און צדק האָסטו אונדז פאַרזאָגט. צום יתום
און דער אלמנה. און צום גר וואָס צווישן אונדז.
צום קנעכט, צום אייגענעם און פרעמדן. און פאַרזאָגט
גערעכטן משפט פאַרן שעדיקער
און רויבער פון זיין חברס האָב און אַלע
וואָס ברעכן דיינע חוקים — צדק אָנגעזאָגט,
ווייל צדק איז פון אונדזער פאָלק דער צייכן
און מיר זיינען אַ הייליק פאָלק צום הייליקן.

זעקסטער נשיא:

און האָסט אונדז אים אַנטפלעקט — אַ גאָט פון גייסט,
אָן פנים און געשטאַלט, אַ גאָט פון צאָרן
אויף אומגעהאָרכיקע און פול מיט ליבשאַפט
און גנאָד פאַר די וואָס פאָלגן זיין געבאָט.
נישטאָ פאַר אונדז קיין אַנדער האַר — ער איז אַליין
דער פאָטער אונדזערער און קיניג — דער גאָט
און מיר זיין פאָלק אויף אייביק אייביקייט —
אַ הייליק פאָלק צום הייליקן.

זיבעטער נשיא:

מיר האָבן אַלע גלייך זיין וואָרט פאַרנומען,
מיט אַלע גלייך האָסטו דעם בונד פאַרשניטן.
האָסט אונדז דיין וואָרט אין מויל אַריינגעטאָן
מיר זאָלן מיטן פאָלק די חוקים לערנען,
און ווען דאָס פאָלק האָט וועגן פלייש געקלאָגט
און האָסט אויף אונדז דיין גייסט פאַרשפרייט, מיר זאָלן
זיי איינשטילן, האָסטו געזאָגט: זאָל גאָר דאָס פאָלק
פון גאָט נביאים זיין! איצט טוסטו יעקבס קינדער
באַפעלן ווי די מצרים צו די כהנים

פון זייערע אָפּגעטער צום חושן ואפוד גיין,
דו הייסט די שולדן זייערע זיך אויסקויפן
ביים כהן און זיך רייניקן דורך אים.
נישט דורכן וואָרט — דורך גאָב צום כהן זאָל דער בונד
זיך אויפהאַלטן. און מיר — ווער זיינען מיר ביי גאָט?

אַכטער נשיא:

דו האָסט פון באַרג אַראָפּגענידערט און דערזען
דעם עגל. האָסטו אונדז באַפוילן: נעמט
די שווערדן, גייט פון טיר צו טיר און הרגעט —
און מיר האָבן געהרגעט. ווייל דער צאָרן
פון צאָרנדיקן גאָט אין דיר האָט אונדז געברענט
אויף די אומווערדיקייטן פון מצרים.
דו האָסט אויף שטויב צעשטויבט דאָס גאָלד פון אָפּגאָט
און מיטן שטויב געהייסן אָנטרינקען דאָס פאָלק
עס זאָל די זינד אין די געדערעם ברענען.
איצט האָסטו אויסגעצירט מיט גאָלד דעם צעלט פון דעם
וואָס ערד און הימל איז זיין וואוינונג און אַ קרוין
דעם כהן אויפן קאָפּ אַרויפגעזעצט.

קרח:

און ווער איז ער, דער כהן? דער וואָס האָט אַליין
דאָס פאָלק צו זינד געבראַכט, וואָס האָט אַליין
דעם עגל אויסגעשמאָלצן, וואָס דאָס בלוט
פון די געשאָכטענע איז אויף זיין קאָפּ — ער איז
דער כהן אויך צום גאָט פון חורב. זינדיקער
דאַרף אויסלייזן פון זינד, פאַרפירער — פירן
און בלוט פאַרטונקענער דאַרף רייניקן.

אָון בן פלת:

ס׳איז ווי צו אונדז מיר זאָלן דאַרפן מיט די רייד
אָט די פאָר דיר זיך שטעלן. האָבן מיר אויף דעם
פאַרלאָזט מצרים, אַז מיר זאָלן נאָכטאָן
די פירונגען פון אַמאָנס טעמפּלען? פירסטו אונדז
אין צוגעזאָגטן לאַנד מיר זאָלן דאָרט, אויך דאָרט,
דעם שטייגער פון די פעלקער איבערנעמען?
און הייבסטו אָן מיט משכן און כהנים היינט,

און הייבסטו מיט מזבחות און קרבנות אָן —
פאַרוואָס זאָל נישט דאָס פאָלק די געצן נאָכגיין אויך
אין אַלץ? פאַרוואָס די חוקים דיינע היטן?
פאַרוואָס נישט ווערן ווי די אַנדערע? פאַרוואָס?

שטימעס:

— מיר דאַרפן קיין כהנים און מזבחות נישט.
— מיר זיינען אַלע הייליקע צו גאָט.
— מיר דאַרפן קיין כהנים נישט.
— מיר זיינען אַלע הייליקע.
— מיר זיינען אַלע הייליקע.

משה:

האָט איר שוין אַלץ געזאָגט? איז עמעצער נאָך דאָ
וואָס דאַרף מיר זאָגן עפּעס? קיינער נישט?

(ס'איז שטיל. ער לאָזט זיך אויף די קני אַראָפּ און מיט די הענט צעשפּרייט, דאָס פּנים גראָבט ער איין אין זאַמד. ער ליגט אַזוי אַ רגע. טויטלעך שטיל. דערנאָך הייבט ער זיך אויף פּאַמעלעך און בלייבט שטיין):

איר זענט גערעכט. גערעכט איז קרח, און בן פלת
און אַלע איר. איך האָב געפעלשט. געפעלשט ווען כ'האָב
געהייסן אויפשטעלן דעם משכן, ווען געזאָלבט
מיין ברודער צו דער כהונה, ווען אין שבט לוי
די דינסט ביים משכן איינגעטיילט. איך האָב געפעלשט.
זענט איר געקומען מיט מיין פעלשונג שלאָגן מיך.
ווי טיף אָבער די מלקות שניידן ווייסט איר נישט.
ווייל נישט פון משכן און דער כהונה האָט זיך
מיין פעלשונג אָנגעהויבן. און אויב כ'דאַרף
זיך אויפדעקן פאַר אייך אין גאַר מיין זינדיקייט,
וועל איך זיך אויפדעקן אַצינד.
די לאַנגע קייט
פון מיינע פעלשונגען — זי ציט זיך נאָך
פון מיינע פאַסטעך־טעג ווען כ'האָב צוערשט
באַנומען דעם באַפעל צו גיין צו אייך.
דאָס האָט דאָס בלוט פון שטאַם, דער מוטערס מילך
און פאָטערס קול פון דאָרן־קוסט אַרויסגערעדט.

כ׳האָב זיך דערמיט געראַנגלט. נישט געוואָלט
דעם מדבר־פעלדז פאַרלאָזן, און פאַרלאָזט, געפאָלגט.
זאָל זיין, אַז כ׳האָב געמוזט. דאָס איז דער ווילן
פון אייביקן, אַז קיינמאָל זאָל אַ מענטש
נישט ווערן פול מיט אים און קענען בלייבן
אַליין אין אים. דאָס איז די שטראָף פאַר זיין אַ מענטש:
פאַרוועבונג פון אַ לעבעדיקן אָטעם
מיט אייביקייט מוז ווערן שליחות, דינסט
צו לעבעדיקע אָטעמס. כ׳האָב געקענט
אַליין דעם אָטעם אָפּגעבן און ווערן שטיין
און זיך דערלייזן פון דער שליחות. כ׳האָב געפאָלגט.
צו אייך געגאַנגען. ברענגען אייך אין מדבר.
אין אייביקייט אַריינוועבן. איך האָב געפעלשט.
אין זיך געפעלשט.
ביים טויער פון מצרים
דערזען אויף אייך דעם פּחד. האָט מיין ברודער
געבעטן: גיי צוריק, דו ביסט נישט אונדזערער.
איך האָב געקענט אים פאָלגן און צום דאָרן
אַן ענטפער ברענגען: ס׳איז נאָך נישט מיין צייט.
נאָר ס׳בלוט אין אייך, דער צער אין אייך, די ציטערניש
אין אייך האָט ווידער מיט באַפעל צעקלונגען זיך
אין מיר און כ׳האָב ווי קינדער אויפגעהייטערט אייך
מיט צייכנס און געלאָזט מיין ברודער אייך פאַרזיסן
די שרעק פאַר מיר און פאַרן מדבר וואָס אויף מיר.
איך האָב געפעלשט אין זיך מיט אייך צו בלייבן.
איך האָב אַ פאָלק פון קנעכט געפונען. צו דער בייטש
פון נוגש קנעכט און צו די פלייש־טעפּ קנעכט.
ביים ערשטן פּרוּוו, ביי ערשטער שטראָף פון פּרעהן
האָט איר פון מיר זיך אָפּגעקערט. פאַרטריבן מיך.
איצט בין איך פריי געווען. דאָס פאָלק צו וועמען
מ׳האָט מיך געשיקט וויל קיין דערלייזונג נישט.
נאָר איך בין ווידער צונעם באַרג אַוועק,
געברענט מיט נייער זעאונג פון אַ לעבן
וואו איר זאָלט זיך מיט צדק, ריינקייט, הייליקייט
פון אייער זומפּ אַרויסהייבן און בין דערנאָך

געקומען פירן קריג פאַר אייך אַליין,
אַליין מיט גוואַלד אייך אויסלייזן. און נאָך אַמאָל
געפעלשט אין זיך, אין זון און שטערן, זאַמד און שטיין
וואָס האָבן מיך מיט זיך אין אייביקייט פאַרוועבט.

שטימען:

— דיין בלייבן איז געוואָרן אַ סכנה.
— מיט דיר וואָלט פרעה אונדז צום טויט פאַרפייניקט.
— ביסט נישט געקומען איבערגעבן אונדז דעם טויט.
— געקומען אויסלייזן, נישט ברענגען אומגליק.

משה:

איך בין געקומען אויסלייזן. פון פרעהס צונג
אַראָפּרייסן דאָס וואָרט, אַז איר מעגט גיין.
אַרויס פון קנעכטשאַפט און פאַרדאַרבנקייט פון קנעכט.
נאָר כ'האָב געזען די תאווה אין די אויגן,
געדענקט די דורות שקלאַפעריי און קנאה
צום האָר, זיין האָב און גוטס, און איך וואָס האָב געדאַרפט
אייך זאָגן: גלוסט נישט! — האָב געזאָגט: — נאָרט אויס
ביי זיי דאָס גאָלד און זילבער, האָב און גוטס,
נאָרט אויס, נעמט צו!

שטימען:

— ס'איז אונדזער מי און פיין געווען.

קרח:

פון וואָס וואָלט אהרן דען די קאַלב געשמאָלצן
ווען נישט דאָס צוגערויבטע גאָלד? פון וואָס
די כלים פאַרן משכן און פאַר אהרנען
די קרוין, ווען נישט די רינגען מיט די האַלדזבענדער?

משה:

וואָס איז דען דיינס אין משכן, ברודער קרח?
און וויפל פון דיין גאָלד אין אהרנס קרוין?

קרח:

מיינס — גאָרנישט! איך פון פרעהס לאַנד האָב אייגנס אַלץ
אַרויסגעפירט. איך האָב די מצרים נאָך געלאָזט

מיין פעלד און הייזער. דאַרף איך נישט פון רויב
קיין שטייער צאָלן — נישט פאַר אהרנס קאַלב,
נישט פאַר זיין קרוין און די געפעס פון משכן.

משה:

זענט איר אַרויס מיט גרויס פאַרמעגן, אָנגערויבטס
און אייגנס, און געזען ווי מעכטיק ס'איז די האַנט
פון דעם מיט וועמענס ווילן כ'האָב איך אויסגעלייזט.
נאָר איר האָט בלויז די טריט פון פרעהס רייטער
דערהערט אייך נאָכיאָגן, און אַלע וואונדער
און צייכנס און די מאַכט פון אייער אויסלייזער
איז אויסגערונען און איר האָט געשריען:
— צו וואָס אַרויסגעפירט אונדז? בעסער גיין צוריק
מצרים דינען!.. כ'האָב געדאַרפט אייך לאָזן דאָרט.
געזען: ס'וועט נישט דערהייבן זיך צו הייליקייט
אַ פאָלק אַ שקלאַפּס, וואָס פאַר יעדן שאָטן פאַלט
אויף דר'ערד און גרייט זיך ווידער צו פאַרקויפן.
נאָר אייער שפלות, אייער אָרעמזעליקייט
האָט מיך געבריט ווי וואונדן און כ'האָב ווידער
געפעלשט אין זיך און ווידער קעגן ווילן
צו נייע וואונדער און אַנטפּלעקונגען
געפירט אייך... זאָל איך נאָך דערציילן וויפל מאָל
כ'האָב אייער דורשט און הונגער און די תאוהס
געשטילט מיט פעלשונגען אין זיך?

אַכטער נשיא:

האָסט נישט געפעלשט
אין זיך ווען נאָכן עגל אונדז באַפוילן גיין
און מאָרדן.

משה:

נישט געפעלשט. דעם צאָרן נישט געצאַמט.
ווען איר האָט מיך געשלאָגן מיט דער שפלות,
פאַרדאָרבנקייט און קנאה־תאוהס אייערע,
האָט איר געשלאָגן און פאַרמיאוסט מיך, דעם מענטש,
דעם ברודער אייערן. נאָר ווען אין גאַנג אַהין
וואו איר דאַרפט אויפשטעלן דאָס קיניגרייך פון אהיה

האָט איר זיך אויפגעשטעלט אַ געץ, האָט איר נישט מיך
געשלאָגן. און פאַר שענדן אהיהס נאָמען
וועט אייביק נאָכגיין אייך די שווערד און אויסראָטונג.
כ׳האָב נישט געוואוסט, אַז דאָס בין איך געווען
דער אָפּגאָט, איך — די קאַלב. און אַז די שווערד
זאָל מער נישט דאַרפן שעכטן, האָב איך זיך,
דעם אָפּגאָט, אָפּגעטאָן פון אייך. איך זאָל אַליין
דער צייכן מער נישט זיין. צי איך בין דאָ מיט אייך,
צי כ׳וועל אַוועקגיין מאָרגן — זאָלן צייכנס
באַשטענדיקע פאַרבייטן מיך... יאָ, כ׳האָב געפעלשט.
ווי אַלע מאָל אייך נאָכגעגעבן. ווידער
דעם באַרג באַשטיגן, לוחות אַנדערע געבראַכט,
געלאָזט זיי איינשליסן אין גאָלד־באַדעקטן אָרון,
געלאָזט אַ משכן בויען אַרום זיי
און איינשטעלן די כהונה־צייכנס, צייכנס — — —

אָון בן פלת:

מיר דאַרפן נישט קיין צייכנס. האָסט דעם בונד
געשלאָסן דורכן וואָרט און וואָרט איז צייכן.
נישט שטיין באַקריצטער, נאָר די קריצונג אויפן שטיין.
און אויב עס דאַרף דער שטיין דאָס בוך אונדז בלייבן,
איז נישט באַהאַלטן אונטער כהנס שוץ,
נאָר פריי פאַר די וואָס לערנען מיטן פאָלק
די חוקים דיינע, אַז פון שטיין זאָל זיך דאָס וואָרט
אויף טאָוולען פון די הערצער איינקריצן.

משה:

זאָל אמת ווערן וואָס דו זאָגסט, בן פלת!
באַוויז ווי ס׳קריצט זיך איין אין פאָלק דאָס וואָרט.
באַפעל — און איך וועל אויף אַ טאָג פון זיי
די שפייז אַוועקנעמען — און זאָלן זיי געטריי
און פאַרכטיק דעם נסיון אויסהאַלטן. וועל איך
אַליין מיט מיינע הענט, אָט די, צעוואַרפן
דעם משכן, אויסטאָן אהרנען די כהונה
און וועל זיך אָפּשיידן פון אייך מיט זיכערקייט,
אַז כ׳האָב די שליחות מיינע אויסגעפירט. באַוויז!

אָון בן פלת:

דאָס קען איך נישט. דאָס פאָלק איז צו נסיונות
נישט גרייט נאָך. ס'האָרץ איז אין מצרים נאָך.
נאָר אונדז, די שופטים, איז גענוג דאָס וואָרט.

משה:

און ווער זענט איר? האָט איר פון אייער האַרץ
מצרים מיטן וואָרצל אויסגעריסן?
האָט איר די שפלות און פאַרדאָרבנקייט פון פאָלק
פון זיך שוין אויסגעבערענט? איז אייער בלוט
פון תאווה ריין און אייער אויג פון קנאה?
מיר זיינען הייליקע — שרייט איר. כ'האָב יאָרן
מיט שטערן, שטיין און גראָז געזוכט באַהעפטונג
אריינצוזאָטעמען די ריינקייט פון באַשאַף —
און איר זענט איבער נאַכט געוואָרן הייליקע.
כ'פיר יעדן טאָג מלחמה מיט מיין בלוט
און ציטער טאָמער ברעכט מיך דער נסיון,
און איר ווי אָנגעגליטע מדבר־פעלדזן
שטייט פעסט און האַרט אין אייער הייליקייט...

שטימעס:

— מיר ווייסן אויך — מיר זיינען בלוט, מיר ווייסן.
— ס'איז קיינער נישט באַוואָרנט קעגן זינד.
— דעריבער זוכן מיר אין וואָרט אַ שוץ.

משה:

זענט איר אין מדבר איצט, אַליין. און מאָרגן
אַז איר וועט אָנקומען אין צוגעזאָגטן לאַנד
און ס'וועלן שכנים אייך אַרומרינגלען
מיט אָפּגעטער, מיט שעכטונגען, מיט נאוף —
וועט אויך דאָס וואָרט אין אייער מויל גענוג זיין
דאָס פאָלק פון נייע קעלבער צו באַשירעמען
און אויפהיטן דעם בונד?

קרח:

און די כהנים —
זיי וועלן יאָ באַשירעמען? און כהונה,
מזבחות זיינען נישט עבודה זרה?

משה:

אַ ברויט געגעסן פֿאַרן אָפּגאָט איז אַ לויב
צום אָפּגאָט. פֿאַרן אייביקן אַ ברויט איז לויב
צום אייביקן. מען קען אייך איבערנאַכט
פֿון טומאה נישט אַוועקרייסן און מיט דער טומאה
אין שכנות וועט איר לעבן. מוז מען אייך
דער טומאהס כלים אָנפֿילן מיט הייליקייט:
די כהונה זאָל אַ דינסט צו אהיה ווערן,
מזבחות און דאָס בלוט אויף זיי — אַ צייכן
פֿון בונד מיט אהיה, און דער שטיין געקריצטער
אין גאָלד־געדעקטן אָרון אונטער כהנס שוץ —
אַ צייכן, אַז די העכסטע הייליקייט איז וואָרט.

קרח:

און אהרן מוז די קרוין פֿון כהונה טראָגן.
אויף דורי דורות. ער און זיינע זין...

משה:

מיין ברודער קרח! קענסט מיך פֿרעגן אויך פֿאַרוואָס
בין איך עס דער וואָס שטייט פֿאַר אייך. איך ווייס נישט.
עס איז געוואָרן צייט אַרויסצונעמען
די קינדער יעקבֿס פֿונעם צוואַנג און ס'איז אויף מיר
די האַנט געפֿאַלן. האָב איך זיך געבעטן: שיק
אַן אַנדערן — און האָב געמוזט געהאָרכן.
פֿאַרוואָס אויף מיר די האַנט? איך ווייס נישט. און ווען כ'האָב
באַגעגנט אַהרנען, האָב איך געוואוסט: אויך ער
האָט דעם באַפֿעל. ער דאַרף מיט גוטסקייט צאַמען
דעם מדברדיקן בראַנד אין מיר, שליח זיין
פֿון שפּלן פֿאַריאַכטן פֿאָלק צום פּלאַם פֿון סנה.
און ער איז דאָס געווען. אויך מיטן עגל.
ער קען דאָס פֿאָלק. ער האָט עס ליב. און אויב
די כהונה איז פֿאַרבינדונג צווישן פּלאַם פֿון סנה
און מענטש צעשטרויכלטן, איז ער דערויף באַשטימט.

קרח:

ווייל ער איז דיר אַ ברודער.

אהרן (טרעט אַרויס):

יאָ, דאָס בין איך.
און בין געוואָרן ברודער נישט ווען פון דער ווייט
דערהערט די בשורה פון זיין אָנקומען,
נאָר ווען ער איז פון פרעהס לאַנד אַנטלאָפן
מיט טויט פון נוגש אויף די הענט. פאַר יענעם טויט
האָט זיך די בייטש פון טויזנט נוגשים אַנדערע
צעשמיסן איבער לייבער. דעמאָלט בין איך
אַוועק אין פרעהס הויף און האָב געזאָגט: — איך בין
דער ברודער פון אַנטלאָפענעם. שטראָפט מיך
פאַר זיין פאַרברעך, נאָר שטראָפט נישט די אומשולדיקע.
מען האָט צו פרעהן מיך געבראַכט און כ׳האָב
געפונען חן אין זיינע אויגן און געקענט
צו זיינע הארן ריידן, פאַר מיין פאָלק
זיך איינשטעלן אין נויט. פון דעמאָלט הויבט זיך אָן
מיין ברודערשאַפט.

שטימען:

— איז אמת?
— יאָ, ס׳איז אמת.
— ער האָט זיך איינגעשטעלט.
— געווען אַ פירשפּרעכער.

קרח:

נישט אמת! ער איז נישט אַליין געגאַנגען
פאַר פאָלק זיך איינשטעלן. ס׳האָט מרים אים געבראַכט
צו פרעהס טאָכטער. זי האָט אים געפירט.

משה (אין פאַרשטיקטן צאָרן):

דו ביסט געקומען אויפדעקן מיין פעלשונג
און מאָנען אַ פאַרבינדונג פאַרן פאָלק
מיט אהיה אָן פאַרבינדער, האָב איך דיך
און דיינע אויסגעהערט און זיך צוריק אַנטפּלעקט
פאַר אייך מיט רייד פון אמת. איצט זאָל אהיה זיין
דער שופט. אויב עס ברענט אין דיר די קנאה
פאַר הייליקייט פון אהיהס בונד מיט יעקבס שטאַם,
אויב פירסט מיט מיר מלחמה קעגן יעדן שפּור

פון געטערדינסט און ווילסט מיט פלאַם פון וואָרט אַליין
דאָס גאַנצע פאָלק דערלייטערן צו כהונה —
זאָל אויפגיין איבער דיר דאָס ליכט פון אהיה,
און איך און אהרן —ביידע וועלן מיר
געטריי און אונטערטעניק האָרכן דיין באַפעל.

(די אויגן פלאַמען אויף, דאָס קול ווערט דונערדיק)

נאָר אויב עס ברענט אין דיר די קנאה צו דער קרוין
אויף אהרנס קאָפּ און האָסט די עדה דאָ
געפאַנגען אין אַ נעץ פון הייליקייט —
מיט זיי נקמה אויסצושפּילן, און דאָס פאָלק,
וואָס בעט אויף צייכנס פון זיין גאָט, פאַרשעמען —
זאָל אהיהס אָרעם אויף דיר פאַלן וואו דו שטייסט,
זאָל ערד פאַרשלינגען דיין געביין און שקר.

קרח

(הייבט אָן צו ציטערן, פאַלט אויף דער ערד)

עדה:

(צעשראָקענע, פאַרציטערטע, טרעט אָפּ):

— מיר האָבן נישט פאַרשטאַנען.
— זיי אונדז מוחל.

משה:

נעמט צו דעם מת!

(עס ווערט געטאָן)

און איצט, אַז עס איז אויסגעראַמט
דאָס בייז פון צווישן אייך, הערט אויס! גערעכט זענט איר!
פאַר אַלץ וואָס איך בין אויסגעשטאַנען צווישן אייך
האָט אייער מרידה היינט מיר אָפּגעצאָלט. צו אייך
האָב איך געגאָרט ווען כ׳האָב פאַרלאָזט מיין מדבר!
אין אייך דער שכר פאַר אַלץ וואָס איך וועל אויסשטיין נאָך.
זאָל קיינמאָל, קיינמאָל זיך נישט שטילן דער געשריי:
— מיר זיינען אַלע הייליקע! איר זענט עס נישט.
עס וועלן דורות אָן אַ שיעור פאַרביי ביז דאָס
מיט וואָס איך בין צו אייך געשיקט געוואָרן
וועט ווי דאָס בלוט אייך ריזלען אין די אָדערן,

ביז דעמאָלט וועט איר גיין מיט אומוועגן
צו הייליקייט. אַן אומוועג איז די כהונה.
עס וועלן מער נאָך קרומע וועגן זיין. נאָר זאָל
דער גלייכער וועג, דער וועג פון אייער אויסגעשריי
נישט אָפּטאָן זיך פון אייערע אויגן קיינמאָל,
און ברענען אייך די ליפּן זאָל דאָס וואָרט:
מיר זיינען אַלע הייליקע! ביז יענעם טאָג
ווען איר וועט בייקומען די אומוועגן אין זיך
און גאָר דאָס פאָלק און יעדער מינדסטער צווישן אייך
וועט זיין צום אייביקן אַ כהן. זייט געבענטשט.

ח

(ביים אוהל מועד, משה און אהרן).

משה (זיצט אַ פאַרחושכטער):
עס ווערט שוין פערציק טעג און איך האָב מורא.
איז רואיקער דאָס פאָלק אַצינד ווי אין די טעג
ווען זיי האָבן געמאָגט ביי דיר דעם עגל?

אהרן:
דער גאַנג פון אויסקוקער איז מיט סכנות פול.
נאָר דאַרפסט געטרויען יהושען. ווייזט דיר נישט
דיין אויג וואָס טוט אין וועג מיט זיי פאַרלויפן?

משה:
איך זע נישט. גאָר נישט. ווייל כ'האָב נאָך אַמאָל
אין זיך געפעלשט. כ'האָב נישט געדאַרפט זיי שיקן.
מיין זינד פון שיקן זיי איז האַרבער נאָך
ווי דיינע פאַר זיי אויסשמעלצן דעם עגל.
דאָס לאַנד איז צוגעזאָגט. די אָבות צוגעזאָגט.
און דורות אין מצרים האָבן זיי געדענקט
דעם צוזאָג. און צום לאַנד איז זייער גאַנג,
צו וואָס דעם צוזאָג אויף די פינגער קוקן,

צו וואָס דאָס לאַנד גיין אויסשפּירן, באַטראַכטן,
ווי מען באַטאַפּט אַ שטיקל סחורה אין דער האַנט
פון נישט באַגלויבטן סוחר? איך האָב זיי דערלויבט
דעם צוזאָג צו באַצווייפלען און אויף מיר די זינד.
און זאָלן זיי מכשולים אָנטרעפן אין וועג,
וועט אַלץ, וואָס איז געשען מיט זיי ביז איצט
אין שרעק פאַרגיין. צו וואָס האָב איך געדאַרפט
זיי שטעלן צום נסיון?

אהרן:

האָסט געמוזט!
זיי האָבן דיך באַלאַגערט מיטן וואונטש צו זען
דאָס לאַנד — האָסט נישט געקענט זיי אָפּזאָגן.
ס׳ליגט אויך אויף זיי אַ לאַסט, אויף די נשיאים.
דער מדבר מאַטערט אויס. און ס׳פאָלק איז אומרואיק.
עס מורמלט, מאָנט. זאָל זיין אַ טרייסט דאָס וויסן,
אַז באַלד וועט זיך אַ זעטיק לעבן אָנהייבן.
די אויסקוקער וועלן זיך אומקערן,
די פּירות ברענגען, ווייזן ווי עס טריפט דאָס לאַנד
מיט מילך און האָניק — וועט פאַרשטומט ווערן
ס׳געשריי וועגן די פליישטעפּ פון מצרים,
און נישט צוריק — צום לאַנד וועט עס זיי ציען.
נישט צו נסיונות נייע — אויסצומיידן
נסיונות אַלטע האָסטו זיי געשיקט.

משה:

ביסט אַלץ דער זעלביקער. פאַר דיר זיינען זיי אַלץ
נאָך קינדער, וואָס מען מוז זיי נאָכגעבן,
מיט קעלבער גאָלדענע, מזבחות, כהנים.

אהרן:

זיי דאַרפן פאַרן לאַנד מלחמה פירן.
ווי קענען זיי באַגעגענען אַ שונא
נישט וויסנדיק ווי שטאַרק ער איז, וואו ער האָט שטעט
באַפעסטיקטע, וואו אָפענע. האָסט נישט געקענט
זיי אָפּזאָגן, געמוזט זיי שיקן אויסקוקער.

משה:

וועט זייער כוח זיגן? וועלן זיי אַליין
מלחמה פירן? וואו ס׳וועט אהיה זיי פאַרויס
נישט גיין, וועט יעדער פרייער וועג זיך איינצאַמען
מיט בערג און יעדער פלויט וועט ווי אַ פעלזן־וואַנט
פון מויער־פעסטונג ווערן. און וואו אהיה
וועט פירן קריג פאַר זיי, וועלן די מויערן
ווי טרוקן ליים אונטער דער זון זיך קרישלען.
נישט וועגן זייער צאָל און מאַכט האָט אהיה
צום פאָלק זיי אויסגעקליבן... מיינע איז די זינד...

(רייסט אויף דעם קאָפּ):

איצט קומען זיי!

(ער שרייט עס אויס מיט פחד, מיט אַ פאַרגעפיל פון אומגליק. ס׳לויפט אַ מענטש פון לאַגער און בלייבט שטיין).

אַנגעלאָפענער:

מ׳האָט זיי געזען. זיי זיינען נאָענט!

(גלייך נעמט פון לאַגער אָנקומען דאָס פאָלק מיט ווייב און קינד. אַ צענדליק איילן אָפּגערוקט פון משהן בלייבט מען שטיין, מען מאַכט אַ פרייען קרייז, נאָר הינטן און אַרום ווערט רוישיקער, געדיכטער — ים מיט קעפּ און לייבער. באַלד צעשפּאַלט ער זיך, דער ים, עס ווערט אַ סטעזשקע, מען לאָזט אַדורך די אויסקוקער, די צוועלף, און ווידער גיסט ער זיך צונויף און שליסט זיי איין. די ערשטע אויסקוקער אויף אַקסלען טראָגן אַ שטאַנג מיט הענגלעך ווייַנטרויבן, די אַנדערע אין קוישן — טייטלען, פייגן, מילגרוימען. זיי בלייבן שטיין און שווייגן. רגעס ציען זיך. דאָס פאָלק אין וואַרטעניש ווי איינגעגליווערט. ביי משהן, אויפגעשטעלט אין פולער הויך, דאָס פּנים איינגעקלעמט, די אויגן שאַרף. ער צישעט ענדלעך אויס צווישן די ציין):

משה:

וואָס שווייגט איר? זאָגט מיט וואָס איר זענט געקומען.

(די אויסקוקער קוקן זיך איבער. ס׳טרעט אַרויס דער ערשטער אונטער שטאַנג מיט ווייַנטרויבן):

ערשטער:
מיר האָבן אויסגעקוקט דאָס לאַנד און פון די פרוכט
געבראַכט מיט אונדז. די טרויבן זיינען רייך מיט וויין,
די מילגרוימען מיט זאַפט, די טייטלען זיינען זיס.

צווייטער:
די פאַשע פאַר די קי און רינדער גרין. די ערד
איז פעט. עס טריפט דאָס לאַנד מיט מילך און האָניק.

משה:
רעדט ווייטער!
(מען ענטפערט נישט).
זאָגט וואָס נאָך איר האָט צו זאָגן.

דריטער:
דאָס לאַנד וואָס מיר האָבן באַזוכט איז רייך און גוט.
נאָר די באַוואוינער זיינען שטאַרק.
זיי זיצן איינגעמויערט הינטער שווערע ווענט
פון פעסטונגען, און ס׳זיינען דאָרט די ריזן דאָ,
די קינדער פון ענק. אומזיסט דער גאַנג אַהין.
מיר וועלן זיי נישט איינעמען. אומזיסט דער גאַנג.

כלב (פון צווישן אַנדערע רייסט זיך אַרויס):
נישט אמת! ער וואַרפט פחד אָן. מיר וועלן גיין
און בייקומען. מיר וועלן גיין און בייקומען.

אויסקוקער:
— ווי היישעריקן זיינען מיר אַנטקעגן זיי.
— זיי וועלן ווי מילבן אונדז צעטרעטן.
— דאָס לאַנד איז רייך וואו עס איז רייך. נאָר וואו עס בריט
דער שטיין, איז עס ווי מדבר טויט און נאַקעט.
— עס איז אַ לאַנד וואָס עסט זיינע באַוואוינער אויף.
(ס׳ווערט אַ גערודער, אַ יללה צווישן פאָלק).

פאָלק:
— וואו האָט איר אונדז פאַרפירט?
— שוין בעסער שטאַרבן דאָ.
— הלוואי וואָלט אונדז דער טויט געטראָפן אין מצרים!

— צו וואָס די ווייבער און די קינדער נאָך
אויף רויב אָוועקפירן ?
— אויב טויט, זאָל זיין שוין דאָ.
— מען קען נאָך קיין מצרים גיין צוריק.
— צוריק !
— צוריק !
— גענוג געלאָזט פון עמרמס זין זיך פירן.
— זאָל משה קיניגן איבער אַן אַנדער פאָלק.
— מיר ווילן גיין צוריק !
— צוריק !
— צוריק !

משה (פאַלט אויפן פנים).

אהרן (לעבן אים).

כלב (וויל איבערשרייען אַלעמען) :
מיר וועלן בייקומען. מיר וועלן גיין
און אַלע שונאים בייקומען. דאָס לאַנד איז גוט.
און עס וועט ווערן אונדזערס. אונדזערס וועט עס זיין.

יהושע :
טוט אָפּ די שרעק פון זיך ! דער מעכטיקער וואָס האָט
אַרויסגעפירט אונדז פון מצרים, וועט אונדז אויך
אין לאַנד אַריינברענגען. ער האָט צעבראָכן
מצרימס מאַכט און וועט צעברעכן אויך די שווערד
פון די וואָס שטייען אונדז אין וועג און איינוואַרפן
די ווענט פון זייערע פעסטונגען. זיין ווילן איז
אין לאַנד פאַרפלאַנצן אונדז. זיין ווילן וועט געשען.

פאָלק :
— גיי דו מלחמה פירן מיט די ריזן.
— גיי מיט דיין קאָפּ די מויער־ווענט צעברעכן.

יהושע :
פאַרטרייבט די שרעק און גאָט וועט פירן אונדזער קריג.
איך זאָג אייך : ס׳האָט זיך אָפּגעטאָן דער שאָטן
פון אונדזערע שונאים און זיי זיינען אונדזער ברויט.
בויט אויפן אייביקן אייער בטחון.

פאָלק:

— גענוג געהערט פון דיר.
— פאַרמאַך דאָס מויל.
— מען דאַרף זיי שטום מאַכן, די אָנריידער!
— אַרויסשלעפּן אין דרויסן און פאַרשטיינען.
— מען דאַרף זיי שטום מאַכן.
— פאַרשטיינען.
— נעמט זיי!

משה

(שפּרינגט אויף און שטעלט זיך צווישן יהושע און כלב, ביידע הענט אויף זייערע אַקסלען).

קומט, נעמט זיי! שלעפּט זיי צום פאַרשטיינען!
וואָס וואַרט איר? קומט און נעמט! און מיך מיט זיי.

אהרן

(שפּרינגט אויף. אויך ער שטייט אַ פאַרצאַפּלטער. די מחנה שטילט זיך איין. ווערט שטום. ער נעמט די הענט אַרונטער. רעדט צום הימל):

איך קען נישט לענגער. נעם מיך צו.
אַ דונער שיק אַראָפּ
און לאָז מיך מיט מיין לעצטער פעלשונג אומקומען.
ביז איצט האָב איך
פון וועגן בריענדיקער ליבשאַפט
צו זיי, די בלינדע, די צעשראָקענע,
אין זיך אַליין געפעלשט.
איך בין געוואָרן איינס
מיט זייער הונגער, זייער דורשט,
כ'האָב זיך געבויגן פאַר דער בלינדער שרעק
אין זייערע צעבייטשטע רוקנס,
איך האָב די הייליקייט געגאָסן
אין זייערע טומאה־כלים —
איך האָב געפעלשט אין זיך,
ווייל ס'האָט אַזוי באַפוילן
די ליבשאַפט וואָס אין מיר — דיין ווילן.
און היינט האָב איך אין דיר געפעלשט.

כ׳האָב מיט דער הונגעריקער סלינע אין די מיילער זייערע
צונויפגעשמאָלצן זיך,
מיט זייער אומגלויבן און פחד,
און זיי אַליין געשיקט
דיין צוזאָג איבערוועגן
און אָפּשאַצן און אויסקוקן
דאָס לאַנד, וואָס דו האָסט זיי פאַרשפּראָכן,
און האָב פאַרגעסן, אַז זיי קענען דיך נאָך נישט.
איך האָב פאַרגעסן.
איך האָב געדאַרפט זיין דיין שליח און דיין וואָרט צו זיי,
און בין געוואָרן — זיי. אינגאַנצן זיי.
איצט בין איך מער נישט דיין שליח. נעם מיך צו...
וואָס שווייגסטו? פאַרוואָס שיקסטו נישט דיין דונער?..
פאַר מיינע טעג אין דיר
און פאַר דער שליחות דיינער
אַ חסד טו מיט מיר און ענטפער מיר.
אַן איינציק מאָל נאָך ענטפער מיר...
(ער לאָזט אַראָפּ דעם קאָפּ און מיטאַמאָל — צום פאָלק):
איר וועט נישט גיין צוריק. נישטאָ פאַר אייך
קיין גאַנג צוריק. נאָר אויך אין צוגעזאָגטן לאַנד
וועט איר נישט אָנקומען. נישט איר. נישט איך.
נישט איך, ווייל איך האָב אייך געלאָזט גיין אויסקוקן
דאָס לאַנד. נישט איר, ווייל אייער שרעק פאַר יענע,
וואָס איר דאַרפט בייקומען, איז אַלץ נאָך גרעסער
פון אייער זיכערקייט אין אים, וואָס האָט אייך
אַרויסגענומען פון מצרים און צום פאָלק
פאַר זיך געהייליקט. ניין, איר וועט נישט אָנקומען
אין לאַנד. פאַר יעדן טאָג, וואָס מיינע אויסקוקער —
יאָ, אייערע און מיינע — האָבן זיך געזאַמט,
וועט איר אַ יאָר אין מדבר וואָגלען, איר און איך.
פאַר יעדן טאָג — אַ יאָר, פאַר יעדן טאָג — אַ יאָר.
ביז אַלע, אַלע איר וואָס איבער צוואַנציק
וועט אויסגיין דאָ און זאַמד וועט איינשלינגען
די פּגרים אייערע. און שעלטן וועלן אייך
די קינדער אייערע, ווייל איבער אייך אויך זיי

אויף גאַנג פון פערציק יאָר זייגען פאַרמשפּט.
נאָר זיי וועלן דערגיין. די יוגנט און די קינדער,
וואָס איר האָט נישט געוואָלט צום רויב מאַכן —
זיי וועלן אָנקומען און ירשנען דאָס לאַנד.
און אָנקומען מיט זיי וועט יהושע
און כלב, וואָס האָבן געטרויט דער מאַכט פון אים,
וואָס פירט אייך, נאָר נישט איך, וואָס האָב געלאָזט
דעם גלויבן צום נסיון שטעלן. גלייך מיט אייך
וועל איך אין מדבר בלייבן און נישט זען דאָס לאַנד.

פאָלק:

— דו מעגסט דאָ בלייבן.
— ס'איז דער מדבר דיינער.
— דו קומסט פון מדבר און דו בלייבסט אין מדבר.
— מיר קומען פון אַ לאַנד מיט ברויט און פלייש.
— מיר קענען גיין צוריק.
— אויב אומקומען, איז אויפן וועג אַהיים.
— אויב טויט פאַר אונדז, וועלן די קינדער דאָרט דערגיין.
— נישט שלעפּן קינדער פערציק יאָר אין מדבר.
— מיט וואָס האָבן די קינדער זיך פאַרזינדיקט?
— לאָמיר די קינדער ברענגען קיין מצרים.
— ס'איז נענטער קיין מצרים.
— לאָמיר גיין!
— צוריק!

משה:

איר וועט אויך אומברענגען די קינדער אויפן וועג.
ס'וועט קיינער נישט דערגיין צוריק. די ערד
וועט אייך קיין קוואַלן נישט אַרויפשלאָגן.
דער הימל וועט נישט אַניאָגן קיין פייגל.
דער ים וועט זיך פאַר אייך נישט שפּאַלטן. טויט
איז אַלץ וואָס נעמט זיך אויפן וועג צוריק.

אהרן:

ס'איז מאָרד! אַ דור, אַ גאַנצן דור פאַרטיליקסטו.
האָסט אונדז אַרויסגענומען פון מצרים — אונדז
און נישט אַליין די קינדער אונדזערע. האָסט אונדז

געפירט, די טאַטעס, אונדז דאָס לאַנד פאַרשפּראָכן.
אַ גאַנצן דור פאַרטיליקסטו. ס׳איז מאָרד!

משה:
זיי ווילן נישט דאָס לאַנד. זיי ווילן גיין צוריק.
און קיין צוריק איז מער נישטאָ. און צווישן לאַנד
און וועג צוריק איז מדבר. האָבן זיי אַליין
דעם מדבר אויסגעקליבן. זיי אַליין.

אהרן:
נישט זייערס איז די שולד, ס׳האָבן די אויסקוקערס
אַ פּחד אָנגעוואָרפן, זיי צעבראָכן.
נישט זייער שולד. דאָס לאַנד איז זיי פאַרשפּראָכן.

משה:
נישט זיי: דעם פאָלק פון אהיה. און זיי ווילן נישט
דאָס פאָלק פון אהיה זיין. זיי גלויבן אין דער מאַכט
פון חתי און יבוסי און אמורי
און נישט אין אהיהס מאַכט. און בייקומען וועט זיי
דער חתי און יבוסי. שטאָט דער שווערד
פון שונא זאָל זיך אָנטרינקען מיט זייער בלוט,
זאָל זייער לייב דער מדבר איינשלינגען.

(ס׳ברעכט אויס אַ יללה צווישן פאָלק. עס טרעטן איינצלנע אַרויס
— נשיאים, זיי פאַלן אויף דער ערד פאַר משהן, שטייען אויף).

נשיאים:
— דערבאַרעם זיך, פאַרגיב דעם פאָלק!
— נישט זייערס. אונדזערע די זינד. דאָס האָבן מיר
פאַרלאַנגט אַרויסצושיקן אויסקוקער.
— דאָס האָבן מיר דעם גאָט פון חורב נישט געטרויט.
— פאַרטיליק אונדז, באַשטראָף די אויסקוקער.
— באַשטראָף די אַנריידער, נאָר שוין דאָס פאָלק.

(געוויינען אין דער מחנה ווערן העפטיקער):

פאָלק:
— מיר ווילן אין מלחמה.
— שיק אונדז און מיר וועלן גיין.
— שוין בעסער אומקומען פון שווערד אין מדבר.

— אויב טויט אין מדבר, זאָל ער קומען היינט.
— דיין שווערד איז שוין אַמאָל געגאַנגען צווישן אונדז.
— שיק נאָך אַמאָל די לייט אונדז אויסצושלאַכטן.
— פון צעלט צו צעלט זאָלן זיי גיין און שעכטן.
— מיר וועלן אויסשטרעקן פאַר זיי די העלדזער.
— אַז נישט, לאָמיר אַליין זיך אויסשעכטן.
— זיך קוילענען אַליין.
— זיך קוילענען אַליין.
— לאָמיר זיך אויסשעכטן!
— זיך קוילענען!

משה:

געפאַלן איז דער גזר. געשלאָסן איז דער רינג.
איר וועט אַליין קיין האַנט אויף זיך נישט הייבן.
נישט דאָס איז אהיהס ווילן. און ביי אייך
דעם ווילן האָט דעם מצריס בייטש צעבראָכן.
האָט אהיה אייך ווי קראַנקע קינדער אויף די הענט
אַרויסגעטראָגן. ווי אַן אָדלער פון דער נעסט
די אָדלערלעך, אַרויפגעהויבן צו דער בלאָ
פון הימלען. נאָר קיין פליגל זיינען אייך
נישט אָנגעוואַקסן. ס'האָבן אהיהס וואונדער
מיט מוט נישט אויפגעגליט אין אייערע אויגן,
מיט ווילן אייך נישט אויסגעגלייכט דעם רוקן.
און וואָס איז דאָס פאַרשפּראָכן לאַנד? אַ היים
וואו איר זאָלט איינשטעלן דאָס קיניגרייך
פון אייביקן, וואו אהיה זאָל אייך זיין דער גאָט
און איר זיין פאָלק. און ס'וועלן פרעמדע פעלקער
די היים אַרומרינגלען מיט בעלים, אָפּגעטער,
מיט במות און מזבחות, און פון וואו אַ קער
נסיונות גלוסטיקע וועלן פאַרוואַרפן
אויף אייך די נעצן און מיט וואָרט פון אהיה
און זיין געזעץ וועט איר זיך דאַרפן ווערן
און בייקומען די שטרויכלונגען און תאוותס.
און אַז דער ערשטער אָנבליק פון די פעלקער האָט
מיט טויט־שרעק אייך צעבראָכן און דאָס וואָרט
פון די צעשראָקענע אויסקוקער האָט אַלע אייך,

די גאַנצע מחנה, ווי די בייטש פון נוגש,
געגומען יאָגן צו מצרימס יאָך צוריק —
ווי וועט איר מיט די פרעמדע אָפּגעטער
מלחמות פירן, ווי אין צוגעזאָגטן לאַנד
באַפעסטיקן דאָס קיניגרייך פון אהיה?
און דאָס — דאָס אָנקוקן, דאָס אויסטאַפּן
די סחורה פון דעם נישט־באַגלויבטן סוחר —
דאָס איז געווען אַ פּראָבע. נישט די אויסקוקער
דאָס לאַנד האָבן באַזען — דאָס האָט דער אייביקער
זיין פאָלק און זיין שליח צום נסיון
געשטעלט און האָט דערזען — זיי האָבן נישט פאַרדינט
דעם זכות אין לאַנד אַריינצוקומען. ס'האָט דער רינג
פון אונדזערע נסיונות זיך געשלאָסן.
געפאַלן איז דער גזר. מיר קענען אונדזער זינד
בלויז אויסקויפן מיט אויספאָלגן דעם גזר:
אין מדבר גיין און אויפברענגען דעם דור
וואָס טראָגט נישט אונדזער זינד און וועט נאָך אונדז
אין לאַנד אַריינקומען. אויך דאָס איז זכות.
נישט ערשטע אינעם לאַנד, נאָר לעצטע פון מצרים.
און מער ווי לעצטע — זיין די טאַטעס. זאָל מיט אונדז
אַ קייט זיך אָנהייבן ביז דורי דורות
פון טאַטעס וואָס דעם מדבר טראָגן אויס אויף זיך
פאַר זיין וואָס זאָלן אָנקומען אין אהיהס לאַנד.
און אַז מיר ווייסן — מדבר איז דער גזר אויף אונדז —
איצט קענען מיר זיך מדברדיק באַהעפטן
מיט דעם וואָס האָט זיך אונדז אַנטפּלעקט און פלאַנצן
דעם בונד אין דור וואָס וועט אים ירשנען.
איצט גייט צו אייערע געצעלטן. האָדעוועט
די קינדער אין די שויסן און ברענגט נייע
פון אייערע לענדן. גיט די טעכטער אָפּ
צו מאַנען און נעמט ווייבער פאַר די זין.
ברענגט אויף אַ פאָלק — אַ הייליק פאָלק פאַר אהיה.

(די מחנה גייט אַוועק אַ ווײנענדיקע. עס בלייבן משה, אהרן,
יהושע, כלב).

אהרן:

איצט מעג איך שטאַרבן. ס׳איז דער גזר געפאַלן.
זיי דאַרפן מיך נישט מער. איך האָב נישט מער
ביי קיינעם עפּעס אויסצובעטן, מילדערן
פאַר זיי. זיי דאַרפן מער נישט קיין באַשיצער.
די כהונה דאַרף מיך אויך נישט. מעג איך שטאַרבן.

משה:

ווּעסט שטאַרבן ווען דיין צייט וועט קומען. איצט
באַדאַרפן זיי אַ טרייסטער. ס׳וועט מיט דיר
זיי גרינגער זיין — זיין גרינגער ווי מיט מיר.
(בייגט איין דעם קאָפּ, ברעכט אויס אין אַ געוויין).

אהרן:

וואָס וויינסטו?

משה:

נישט אויף דיר און נישט אויף זיך. אויף זיי —
אויף אַלע דורות זייערע. הערסט דאָס געוויין
פון לאַגער? ס׳איז דער ערשטער פון די דורות
וואָס ביי די טויערן פון צוגעזאָגטן לאַנד
באַוויינט זיין זינד און אוממאַכט. ערשטע זיינען זיי
צו שטרויכלען און צעבראָכן ווערן, ערשטע
פאַר שטראָף און אומקום. שטרויכלונג, זינד און אומקום —
דאָס איז די קייט, וואָס הייבט זיך אָן. אין אָן אַ צאָל
נסיונות וועלן זיי געשטרויכלט ווערן
און דור פון דור וועט לערנען און פאַרגעסן.
און זינדיקע, צעבראָכענע, אוממעכטיקע,
ביי טויערן פון צוגעזאָגטן לאַנד
באַוויינען וועלן זיי די אוממאַכט זייערע
און טרייסטן זיך דערמיט וואָס אַ יהושע
און כלב טרעטן יאָ די שוועל אַריבער
און וואָס זיי קענען אָנרירן דעם מאַנטל־זוים
פון די וואָס וועלן אָנקומען אין לאַנד.
זיי דאַרט אין לאַגער זיך אַליין באַוויינען.
איך דאָ — ס׳געוויין פון אַלע דורות וויין!

ט

(אַ באַרג. ביי אַ מזבח — בלק. גרויס און שווער. אַרום — די האָרן זיינע. אים אַנטקעגן — בלעם. אַ דינער קנאָכיקער מיט ביינערדיקע פויסטן. דאָס פּנים איינגעצויגן, ליפּן פליישיק. איין אויג אונטער אַ שווערער ברעם איז בלינד. דאָס אַנדערע — משונה גרויס. די שוואַרצע באָרד נעמט ווי אַ רינג אַרום דאָס דינע פּנים).

בלק:

דאָס דריטע מאָל שוין האָסטו מיך גענאַרט.
כ׳האָב דיך גערופן שעלטן — און דו האָסט געבענטשט.
האָב איך געזאָגט: ניט שעלט אָבער ניט בענטש.
און ווידער האָסטו זיך מיט בענטשונגען צעקרייט.

בלעם (אַ געבראָכענער):

כ׳האָב דיך געוואָרנט: איך בין נישט קיין האַר
אויף מיינע רייד. נישט וואונטש פון האַרץ מיינעם
פירט אויס מיין צונג: ער פאָלגט אַן אַנדערן.
און ווען די רייד פון יענעם פילן אָן מיין מויל,
מעג איך מיט פויסטן ווען שטום זיך מאַכן, —
איך קען נישט: איך מוז אויספילן זיין ווילן.

בלק:

פאַרוואָס מוזסטו אים פאָלגן? ער איז דאָך
נישט דיין גאָט! זייער גאָט איז ער, דער גאָט
פון שונא אונדזערן, פון דיינעם און פון מיינעם.
צי זעסטו נישט דאָס אומגליק ווי עס גייט
אויף דיין פאָלק און אויף מיינס? ווי ס׳עסט דער אָקס
דאָס גראָז פון פעלד אָפּ, וועלן זיי אי מואב
אי מדין אויפעסן, די מענער אויסשעכטן, די ווייבער
און קינדער צונעמען — פון מיין לאַנד ווי פון דיינעם.
ווי קענסטו זיין ביי זייער גאָט אַ נביא?

בלעם:

ווי דו האָב איך מיין לאַנד און פאָלק ליב. איך האָב ליב
די ברויט־פעלדער און פאַשע־פעלדער, ליב
דאָס מיסט אויף אונדזער ערד, דעם ריח פון דער שטאַל,
דעם שיכורן געררוך פון זון־באַטרונקען לייב,
די שויסן פון די ווייבער אָפענע צום בעל
פון גלוסטונג און פון פרוכפערונג. איך בין
ווי דו אַ קינד פון אונדזער בעל, וואָס האָט מיך
פון ערד געבוירן און מיט ערד און בלוט פאַרקניפּט,
און פיינט האָב איך דעם מדבר־גאָט,
דעם נישט־געזעענעם, דעם צאָרנדיקן,
וואָס שיידט דעם מענטשן פון דער חיה אָפּ
און שמידט אין הייליקייט זיין ערד, זיין ברויט
זיין ווייב־געלעגער, זיינע טעג און נעכט.
איך האָב אים פיינט. נאָר גאָט איז ער. פון אים,
דעם נישט־געזעענעם, אַ ציטערניש פּילט אָן
מיין זעל, איך הער די שטערן און די הימלען
דערציילן זיין אַלזעאיקייט, עס רייסט זיך
מיין גייסט צו אים און שיכור ווער איך און פאַרבלענדט
פון אַ באַגער זיך אויסצוטאָן פון לייב
און ווערן מיט אים איינס אין אומגעזעענקייט,
וואָס איז אַזוי אַלזעאיק, ליכטיק, ריין.

בלק:

איז אויב ער טוט אַזוי דיין גייסט באַמעכטיקן,
פאַרוואָס זאָל ער נישט ווערן אויך דיין גאָט
און גאָט פון פאָלק דיינעם? פאַרוואָס נישט בויען
מזבחות אים און ברענגען אים קרבנות?
וועט מואב אויך אים פאַר אַ גאָט מאַכן
און זאָל ער פירן אונדזער קריג פאַר אונדז
און אָפּשטעלן דאָס פאָלק וואָס קומט פון מדבר.

בלעם:

ער וועט דיין גאָט נישט ווערן און דיין פאָלק
וועט זיך נישט אונטערגעבן זיין געבאָט.
אַ האַרבער איז ער און אַ צאָרנדיקער.

ער וועט דיין שווערד פון האַנט אַרויסרייסן
און זאָגן דיר: נישט מאָרד! ער וועט די אויגן
דיר אויפרייסן און אָנזאָגן: נישט גלוסט.
ער וועט די בלוטן דיר צעצינדן און באַפעלן:
זיי הייליק צו דיין וויב! ער וועט דיך פאַר באַגער
צו יונגפרוי־שויס פאַרשטיינען, וועט דיין קנעכט
צום גלייכן מאַכן דיר, וועט דיר אַ טאָג אַ וואָך
די אַרבעט אויף די פעלדער אָפּשטעלן,
וועט טעג און נעכט דיך פלאָגן מיט אַ מורא
פאַר זינד און זינד און פאַר די זינד מיט טויט
מיט הונגער און מגפות שטראָפן. ניין, נישט דו
און נישט דיין פאָלק וועט פאַר אַ גאָט אים מאַכן.

בלק:

און זיי? ווי קענען זיי?

בלעם:

זיי האָט ער אויסגעקליבן
זיין הערשאַפט איינצושטעלן איבער מענטש,
ער דרינגט אין מענטש אַריין, באַוועלטיקט אים
מיט מורא פאַר זיין פאַרכטיקייט און גאַרונג
צו ליבשאַפט, וואָס איז ווי דער הימל הויל
און פריידיק ווי פרימאָרגנדיקע זון,
און פייניקט אים. איך קען די פייניקונג.
איך פיר מיט אים מלחמה. וואָס באַטרונקענער
איך ווער פון גאַרונג צו זיין ליכטיקייט,
אַלץ ווייטער פון אים לויף איך, טונק מיין זעל
אין בלוט, און חיהשקייט און אומצוכט. וואו אַ שלעכטס
אין סדום געווען האָב איך עס מיינס געמאַכט,
נאָר אויך אין זומפּ פון תאווהס און רציחה
אַ גליענדיקער צינדט ער זיך אין מיר און פילט
מיין זעל מיט עקל אָן צו מיר. און אויב
איך שענד מיין לייב מיט נאָענטקייט צו מיין אייזעלין,
פון מיר זיין גייסט טרייבט ער אַריין אין איר
און אויך די חיה טוט זיין ווילן. יאָ, איך ווייס
ווי פייניקן ער קען דעם מענטש וואָס ער דערוויילט.

נאָר זיי — ביי זיי האָט ער די עלטערזיידעס נאָך
פאַרשיכורט מיט זיין נאָענטקייט, זיי אין בלוט אַריין
זיך איינגעזאַפּט, אויף קנעכטשאַפט זיי פאַרשיקט,
צעפייניקט מיט אַ בענקעניש צו אים
און אויסגעלערנט בייגן זיך אונטער זיין רוט
און אָננעמען פאַר ליב זיין שטראָף. אויך זיי
פון פלייש און בלוט זיינען, אויך זיי צעבריט
די גלוסטעניש פון ערד און לייב, נאָר ס׳האָט ביי זיי
אַ זון אַ קנעכט געקענט די ליבע אָפּשטויסן
פון אַ פרינצעסין, ריין זיין לייב צו האַלטן
און פייניקן זיך אין געפענגעניש דערפאַר.
און אַז זיי זינדיקן און ער שטרעקט אויס דערנאָך
מיט האַרבער שטראָף זיין אָרעם, בייגן זיי זיך
און נעמען אָן פאַר ליב די שטראָף. דערפאַר
האָט ער זיי אויסגעוויילט. זיי זיינען זיינע,
זיי מוזן זיינע זיין אויף אַלעמאָל.

בלק:

און ער וועט גיין מיט זיי! און ער וועט פירן
דעם קריג פאַר זיי! און ווי אַ היישעריק
וועט דאָס געזעמל אונדז פאַרפלייצן, אָפּעסן
און וויסט מאַכן דאָס לאַנד און פאָלק אונדזערס...

בלעם:

דו קענסט זיי אָפּהאַלטן. דו קענסט פאַרשטרויכלען
דעם וועג זיי. קענסט ביים שוועל פון לאַנד דיינעם
דעם צאָרן אָנצינדן פון גאָט אויף זיי
און שיטער זאָלן ווערן די געצעלטן.
אַזוי זאָגט בלעם דער זון פון בעור,
אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפענעם אויג.
אין די ווייטן קוקט ער, אין די צייטן פאָראויס,
ער זעיט די שטרויכלונגען אויף די וועגן פון יעקב
און די שטראָף פון גאָט אויפן רוקן פון ישראל.
די קופּער פון מצרים, די זילבער און גאָלד
אין יעקבס זעק אויף אַלע וועגן,
און דער גאָלדענער שטויב פון דער גאָלדענער קאַלב

וועט אייביק עסן דעם אינגעווייד פון ישראל.
פון מצרים האָט זיי דער האַר אויסגעלייזט
און צום הייליקן פאָלק פאַר זיך גענומען,
נאָר ווי שפּיזן בריען די אויגן פון גאָט,
ער זעט די גלוסטונגען אין האָרץ פון ישראל
און ס׳געטרויט נישט זיין פאָלק דער מעכטיקער פון סיני.
צווישן פעלקער וועט ער זיי מאַכן וואוינען,
און מיט געטער וועט ער זיי פּרובירן —
ווי גלוסטיק זיינען די טעג און נעכט ביי די פעלקער
און ווי זיס און גנעדיק די פרעמדע געטער.
ווי אַ באַטרונקענער וועט זיך וואַקלען יעקב
און אין פרעמדע שויסן וועט פאַלן ישראל,
אין די אָרעמס פון זיינע פיינט וועט ער פאַלן
און זייער ליבשאַפט וועט אים פאַרלענדן.
ווי נידעריק איז געפאַלן יעקב
און אין אומצוכט איז אויסגעטונקט ישראל!
אין זיין אייגן בלוט וועט ער זיין אומצוכט וואַשן
און גאָטס צאָרן וועט אויסברענען זיין זינד.
ביז אַ גערייניקטער וועט אויפשטיין יעקב
און צעוואונדיקט דאָס איבערבלייב פון ישראל
און דערקענען זיין גאָט וואָס האָט אויסדערווײלט
אין טאָג פון דער צאָרנדיקער שטראָף.

בלק:

האָסטו געשאָלטן אָדער ווידער זיי געבענטשט?

בלעם:

איך האָב געזאָגט דיר וואָס איך זע. ניט שווערד
וועט יעקבן באַזיגן, נישט מלחמה
וועט אים פאַרלענדן. נאָר אין זיסקייטן
פון ערד און גלוסטונגען פון לייב געפאַנגען
וועט יעקב פון זיין גאָט זיך אָפּקערן
און גאָט, זיין צאָרנדיקער האַר, וועט אים אַליין
דעם שונא איבערגעבן. אייביק וועט עס זיין
און אין די שטרויכלונגען פון ערד און לייב,
אין גנאָד און מילדקייט פון די פרעמדע געטער

ווען פאַלן יעקב. שפּרייט דער ערשטער אויס די נעץ.
מיט שויסן אָפענע און מיטן בעל פון פעור
אין שויס, מיט ווייַן און ליד, די גלוסטיקע
און יונגע טעכטער שיק אַרויס ישראלס זין
צו פאַנגען — און נישט איך וועל דאַרפן שעלטן:
פון גאָט אַליין די קללה און די שטראָף
וועט די פאַרפירטע אויסראָטן; איצט פיר איך
מיט דיר מלחמה, האַר פון יעקב! נישט אויף מיין לייב —
אויף לייב פון דיינע קינדער פיר איך קריג מיט דיר!

י

(אין דרויסן פאַרן לאַגער. משה זיצט, די ווייסע עלטער בייגט אים, שפּאַרט ער זיך אויך זיצנדיקערהייט אָן אויפן שטעקן. אלעזר, פינחס לעבן אים. אַרום — די עלטסטע. ביים זייט — אַ גרופּע קריגסלייט. צווישן זיי שטייט בלעם אַ געפאַנגענער. פאַר משהן דער עלטסטער קריגסמאַן ראַפּאָרטירט):

קריגסמאַן:
די מאַנסלייט אַלע אויסגעטויט און מיט זיי אויך
די פינף מלכים זייערע. די שטעט
און דערפער אויסגעברענט און וואָס געבליבן
פון רויב, פון פי, פון ווייבער און פון קינדער
אַהער געבראַכט.

משה (צאָרנדיק):
פון וועלכע ווייבער?

קריגסמאַן:
פון אַלע, געטלעכער!

משה:
און אויך פון יענע
וואָס האָבן זייערע קני פאַר אייך צעעפנט
און פאַרן בעל פון פעור מיט אייך געשפּרייט זיך?
ווילט איר זיך ווידער וואַלגערן מיט זיי?

זאָל איך די עלטסטע אייערע ווידער דאַרפֿן
צעהענגען פֿאַר דער זון און ריכטער מיטן שווערד
אַרויסשיקן איבער דער מחנה?

קריגסמאַן:
זאָג דיין וואָרט!

משה:
פֿאַרלענדן! יעדע פרוי וואָס איז געלעגן
מיט מאַן — צום טויט! און אַלע יינגלעך — טויטן.
די קינדער־מיידלעך קענט איר לעבן לאָזן.
(מיטן קאָפּ צו בלעמן):
באַפרייט אים, לאָזט אים צוקומען אַהער.

בלעם
(קומט צו און פאַלט אויף דר׳ערד, וויל אָנכאַפּן דעם ראַנד פון משהס אויבער־בגד).

משה:
נישט ריר זיך צו! נעם צו פון מיר די טומאה!

בלעם.
(אַ ליגנדיקער, רוקט זיך אויף די קני צוריק).

משה:
שטיי אויף!

בלעם (פאָלגט).

משה:
דיר נישט געראָטן. האָסט פון אונדז
אַ צינז פון פיר און צוואַנציק טויזנט איינגעמאָנט,
און צוגעזען ווי ס׳לאַנד און פאָלק דיינס ווערט
מיט שווערד און פייער אויסגעראָטן. נישט געלוינט.

בלעם:
ס׳האָט יאָ געלוינט! דו האָסט געמיינט — דו וועסט
דעם דור פון מדבר לאָזן אויסשטאַרבן
און אָפּשיידן וועסטו זיך פון אַ נייעם דור
אין מדבר ווי אין פייער אויסגעלייטערט,

און ווי עס שפּרינגט אַ טראָפּן וואַסער אָפּ
פון רויט־צעגליטן אייזן, וועט פון אים
די זינדיקייט און טומאה אָפּשפּרינגען.
האָסטו געזען. ביים ראַנד פון צוגעזאָגטן לאַנד
אין אַנבליק פון אַ גלוסטיק ווייבער־לייב
האָט ס׳הייליק און געלייטערט פאָלק פאַרגעסן
זיין גאָט און אויסלייזער און פאַר אַ געץ
געפאַלן. יאָ, דו האָסט געזען. און ווייסט אויך —
דיין פאָלק איז איינס און מיר זיינען אַ סך.
דיין גאָט איז איינער — אונדזערע — אַ סך.
נישט מדין און נישט מואב — ווען אַנדערע
דאָס הייליק פאָלק אַרומרינגלען. ביי אַלעמען
די ווייבער גלוסטיק און די שויסן אָפן.
ביי אַלעמען די געטער בענטשן לוסט
און פרייד און בלוט און שיכרות ערדישע.
וואָס זינד ביי אייך — ביי אונדז איז לעבן.
וואָס טומאה און אומווירדיקייט ביי אייך —
ביי אונדז איז פרייד. אין זיך אַליין אַ פעלשונג
באַגאַנגען איז דער אייביקער ווען ער האָט מענטש
פון ערד און בלוט באַשאַפן. קיינמאָל וועט ער אים
צו זיך נישט אויפהויבן. דו ווייסט עס אויך אויף זיך.

משה:

וואָס ווייס איך וועגן זיך?

בלעם:

דו ווייסט — דו ביסט די זינד
אַין זיך נישט בייגעקומען. זיך געקלאַמערט
צו אייביקייט ביים באַרג, דאָס וואָרט פון אייביקייט
געמאַכט צום רוט איבערן פאָלק, און זיך אַליין
די תאוותס נאָכגעגעבן. ביסט נישט ריינער
פון מיר. איך גיב דער טומאה אָפן נאָך און שטיל
די תאווה מיט מיין אייזעלין. דו האָסט זיך
צום ווייב אַ כושית צוגענומען פאַר אַ קעפּס־ווייב.
מיט צאָרן גייסטו צו איר שויס און לאָזסט
דעם צאָרן אויס אויף אַנדערע. פאַרוואָס מעגסטו

געבוירן קינדער מיט אַ מדין־ווייב
און זמרין קומט דערפאַר דערשטאָכן ווערן?

פינחס (לויפט מיטן שפיז צו בלעמען):

משה:
נישט ריר אים!

פינחס (טרעט צוריק).

בלעם:
און די תאווה צו רציחה
ווער האָט אַזוי געשטילט ווי דו? מיט גאָר דעם בלוט,
דעם אומשולדיקן בלוט אויף מיינע הענט,
וואָס כ׳האָב פאַרגאָסן צו באַפרייען זיך פון צוואַנג
פון גאָט דיינעם בין איך אַ ווייסע לאָם
אַנטקעגן דיר. זינט האָסט דאָס פאָלק אַרויסגעפירט
אין מדבר, וויפל טויזנטער פון זיי
האָסטו צעמאָרדעט! האָסט אין האַנט גענומען
די רוט פון שטראָפער פאַרן אייביקן, געווייַנט
אויף די וואָס דו ברענגסט אום, און דאָך האָט עס געקילט
די דורשט נאָך בלוט אין דיר און האָסט געוואַרט
זיי זאָלן נאָך אַ זינד באַגיין, דו זאָלסט זיי
מיט שווערד און מיט מגפות ווידער שטראָפן.

פינחס (טוט אַ פאַל פאַר משהן):
אַ, געטלעכער, ווי קענסטו לאָזן אים
דיין נאָמען פאַר דער עדה אַזוי לעסטערן?

משה:
שטיי אויף! ער רעדט וואָס ס׳איז אין מויל געגעבן אים.

פינחס (שטייט פלאָטערדיק).

בלעם:
וואָס האָסטו פון אַן אָרעם פאָלק געוואָלט?
וואָס האָסטו זיך מיט פייַנען אָנגעזעצט אויף זיי
דאָס לייב זיי דורכצוליכטיקן מיט שיין
פון הימלען ווען עס ציט זיי צו דער ערד?

ווי האָסטו עס געקענט ווען דו אַליין
מיט טומאה און מיט זינד ביסט אָנגעזאָפּט?

משה:

איז צוליב וואָס האָסטו זיך אויסגעשפּרייט
פאַר מיר, דעם מערדער? צוליב וואָס געזוכט
דעם זוים פון מאַנטל מיינעם אָנצורירן?

בלעם:

נישט איך בין אויף דער ערד געפאַלן. דאָס האָט ער
מיך צו די פיס דיינע געוואָרפן — ער, וואָס פילט
מיט זעעוודיקייט אָן מיין אויג. איך ווייס —
ביסט פון איין לייב מיט מיר און שוואַרצער ווי אין מיר
אין דיר די פינצטערניש, נאָר אַז איך זע
דיין אויג און פּנים, זע איך ווייטע הימלען
און גאָט, דעם נישט געזעענעם, אין זיי. איך זע
זיין ווילן און זיין בענקשאַפט און זיין ליבשאַפט
און אויך די צאָרנדיקע קנאה זיינע.
נישט בלינדע פּלאָגן און מגפות שיקט אַראָפּ
אַ בלינדער גאָט — דאָס מאָנט צו זיך געטריישאַפט
אַ פייערדיקע ליבע און מיט פייער
פון ליבע געטלעכער ברענט דיין רציחה.
איך זע דאָס שוואַרצע ווייב אין דיינע אָרעמס —
אַ ליכטיקייט פון איר גייט אויף. נישט ווייב —
דאָס נעמסטו גלוסטיקע און פרוכפּערדיקע ערד
און שטראַלסט עס דורך מיט הימל און דו זאָגסט:
אַזוי זאָל ערד אין מענטש צעליכטיקט ווערן!
פון אַלץ וואָס פינצטער ווערט אין דיינע פינגער ליכט.
פון אַלץ וואָס בייז ווערט גוטס ביי דיר. פון אַלץ
וואָס חיהש ווערט אין דיר גאָטס ווילן. אַלץ
וואָס טומאה — לייכט מיט הייליקייט ביי דיר.

(פאַרהאַקט זיך — און מיט גאַל):

נאָר מערדער ביסטו — און ס׳וועט די רציחה,
די הייליקע, אויף אייך אַ קללה ווערן.
דיין פאָלק איז איינס — און מיר זיינען אַ סך.
דיין גאָט איז איינער — אונדזערע אַ סך.

און וואָס ביי דיר איז מאָרד פון הייליקייט
וועט ביי די פעלקער מאָרד פון שנאה ווערן,
און אין די נעמען פון די געטער קליידן זיך
אין הייליקייט. וואו גלוסטיקייט און זינד
וועט אייך פון אייביקן נישט אָפּקערן
ער זאָל אַליין אייך שטראָפן מיט פאַרטיליקונג,
וועט יאָגן אייך דער שווערד פון אונדזערע געטער,
דער שווערד פון שנאה איינגעטונקט אין הייליקייט
און ס׳וועלן מערדער זאָגן: ס׳האָט אַזוי
געטאָן מיט זיי אויך משה, גאָטס שליח.

משה:

און דו — דיין אויג וועט וויקן זיך אין טרערן
אויף די נסיונות פון גאָטס אויסדערוויילטן פאָלק.

בלעם:

פון איבער זיינע חורבות, איבער בלוט און טויט
וועט אויפשטיין יעקב אַ צעוואונדיקטער,
און אין דעם טויטן האָס פון פרעמדע געטער
דערקענען זייער פאַלשקייט, אין דער האַרבער שטראָף
פון גאָט זיינעם דערקענען זיין גערעכטיקייט.
און ווי אַ צעדער צו די הימלען ציט זיך,
זיך ציען אַ געלייטערטער אין ליבשאַפט
צום גאָט וואָס טוליעט אים צו זיך אין ליבשאַפט.

(רייסט איבער, שרייט ווי אַ חיה):

הער אויף! נעם צו, נעם צו דיין גייסט פון מיר!
שטעך אויס דאָס איינציק אויג מיינס, מאַך מיך בלינד,
איך זאָל נישט זען דיין פנים. צווינג מיך נישט
צו רעדן דיינע רייד! נעם צו דיין גייסט פון מיר!

משה:

וועסט זען אויך בלינדערהייט. זאָג וואָס דו זעסט.

בלעם

(פאַלט אויף די קני, רעדט אַ באַנומענער):

אַזוי רעדט בלעם, דער זון פון בעור,
אַזוי רעדט דער מאַן מיטן אָפּענעם אויג.

אַזוי רעדט דער וואָס הערט די רייד פון גאָט
און דער ווילן פון העכסטן איז אים באַוואוסט.
דעם אַלמעכטיקן זעט ער אין זיין זעאונג,
און מעג ער פאַלן אַליין —
זיין אויג איז ליכטיק מיט אַנטפּלעקונג.
איך זע אים, אָבער נישט אַצינד,
איך קוק אים אָן, אָבער נישט פון דער נאָענט.
ווי אַ שטערן וועט אויפלויכטן יעקב
און אַ שיין וועט שטראָמען פון ישראל.
פון שטויב און בלוט וועט ער אויפשטיין
און די פעלקער וועלן קוקן און זאָגן:
זע, נישטאָ קיין אומרעכט אין יעקב
און ריין פון אומווערדיקייט איז ישראל.
ווייל דער אייביקער, זיין גאָט, איז מיט אים
און דער אָנזאָג פון זיין מלך איז אויף אים.
געבענטשט זיינען די וואָס בענטשן אים
און פאַרשאָלטן די וואָס שעלטן אים.
זאָל שטאַרבן מיין זעל דעם טויט פון אַ גערעכטן
און זאָל דער סוף מיינער זיין ווי זיינער.
(פאַלט מיטן קאָפּ צו דער ערד).

משה (צו פינחסן):
דו קענסט אים נעמען.
(צו די קריגסלייט):
און מיט אים צוזאַמען
זאָל ווערן אויסגעראָטן אויך דאָס לייב
וואָס האָט דורך אים צו זינד און שטראָף געבראַכט.

יא

(ביי מרים אין געצעלט. איר פּנים איז פאַרדעקט. ס'קומט אַהרן,
זעצט זיך קעגנאיבער איר).

אהרן:
דעק אויף דאָס פּנים.

מרים

(טוט עס):

אהרן:

אויסשלאָג פון צרעת.

מרים:

אַזוי די הענט, די פיס, דאָס גאַנצע לייב.

אהרן:

דײַן פּנים נעכטן האָט געלויכטן. ווען איז דאָס
געשען מיט דיר?

מרים:

ווען איך האָב דיך פאַרלאָזט,
האָב איך דערפילט — עס ברענט דאָס לייב אויף מיר.
ביז כ׳בין צו זיך געקומען אין געצעלט
בין איך אַזוי געוואָרן.

אהרן:

ס׳איז די שטראָף אויף דיר.

מרים:

פאַרוואָס?

אהרן:

פאַר דײַנע רייד אויף אונדזער ברודער.

מרים:

וואָס האָב איך דען געזאָגט אויף אים? האָט ער געדאַרפט
די כושית נעמען זיך אויפן געלעגער?
צפורהן מיט די זין פאַרטרייבן און די דאָ
צום ווייב געמאַכט. מיט וואָס האָט יתרוס טאָכטער
זיך קעגן אים פאַרזינדיקט, אַז די שוואַרצע דאָ
זאָל זי פאַרבייטן?

אהרן:

ער האָט נישט געזוכט
די כושית. מ׳האָט זי אַ מתּנה אים געבראַכט.

מרים:

און אַז געבראַכט? און אַז ער האָט אַ ווייב גערדאַרפט
אַן אַנדערע, איז ווייניק טעכטער דאָ
פון אונדזער שטאַם? ווער וואָלט פון פאָלק אים אָפּגעזאָגט
אַ טאָכטער געבן?

אהרן:

ניין, האָסט נישט געדאַרפט
די רייד רעדן און איך האָב נישט געטאָרט
דיך אויסהערן. דו דאַרפסט איצט אויך נישט ריידן.

מרים:

איך מעג. כ'האָב אים אויף מיינע הענט געטראָגן.

אהרן:

דו ווייסט נישט ווער ער איז. ער איז אַוועק פון אונדז
אַ יונגערמאַן, און ביז ער איז אַנטלאָפן,
ווי אָפט ער פלעגט נישט קומען צווישן אונדז,
האָט פרעהס הויף אים אָפּגעטיילט פון אונדז.
מיר קענען נישט די וואָגל־וועגן זיינע
פון אַלע יאָרן ביז ער איז צוריק צו אונדז
אַ מדבר־מענטש, אַ געטלעכער, געקומען.
אין בלוט אַ ברודער, איז ער דער שליח
פון אייביקן, און אַלץ וואָס גאָט באַוויזט דורך אים,
איז סוד וואָס מיר באַנעמען נישט. מיר קענען נישט
אים משפטן. מיר ווייסן נישט וואָס רעכט
און אומרעכט איז ווען ס'קומט צו אים. מיר ווייסן נישט.

מרים:

האָט נישט גאָטס כבוד זיך באַוויזן אויך צו אונדז?
און אויב ער איז שליח — מעג ער דען
דאָס פאָלק מיט זיינע פירונגען פאַרשעמען?

אהרן:

דורך ווענן האָט גאָטס כבוד זיך אַנטפּלעקט צו אונדז
אויב נישט דורך אים? און איך, ווען כ'האָב דערהערט

דעם אַנזאָג, אַז ער קומט און אַז איך דאַרף
אַרויסגיין אים באַגעגענען — האָב עס דערהערט
אין חלום. און צו אים אין ליכט פון טאָג רעדט גאָט.

מרים:

פאַרוואָס האָסטו מיך נעכטן אויסגעהערט?
אויב האָסט געוואוסט — פאַרוואָס געלאָזט מיך גלויבן
אַז דו ביסט גלייך מיט מיר אויף אים פאַרביטערט?

אהרן:

ביינאַכט האָב איך אַ קול געהערט אין חלום
און ס׳האָט אַזוי געזאָגט: אויב צווישן אייך
איז דאָ אַ נביא, טו איך זיך אין זעאונגען
צו אים דערקענען, רעד מיט אים אין חלום.
נישט מיט מיין קנעכט, מיט משהן: מויל צו מויל
רעד איך צו אים און אין מיין גאַנצן הויז
איז ער באַגלויבט. ווי האָט איר זיך דערוועגט
צו ריידן אויף מיין קנעכט, אויף משהן?.. איצט נאָך
פאַרקלינגט דאָס קול מיין אייגנס...

מרים:

איז די קושית
אויך ליב ביי גאָט? האָט ער אויך דאָס געמעגט?

אהרן:

מיר ווייסן נישט. ס׳איז דאָ אַ שופט איבער אים
אַ העכערער, נישט מיר דאַרפן אים משפטן.

מרים:

און אַז איך האָב געזינדיקט — ווער וועט מיר מיין זינד
פאַרגעבן, פון דער שטראָף מיך אויסלייזן?

אהרן:

רוף אונדזער ברודער. לאָמיר אונדזער שולד פאַר אים
אַנטפלעקן. אפשר וועט ער מוחל זיין
און אויסבעטן פאַר דיר ביי גאָט אַ היילונג.

יב

(אַ געצעלט ווי פריער. משה, אהרן, מרים).

משה:

וואָס איז דיר שוועסטער?

מרים:

זיי מיר מוחל, ברודער,
וואָס איך האָב דיך געמוזט צו זיך מטריח זיין.
כ׳האָב קעגן דיר געזינדיקט. האָב געדאַרפט
זיך אויסשפרייטן פאַר דיין געצעלט, נאָר נישט געקענט
אַרויסגיין אין דער מחנה מיט מיין שטראָף.

משה:

פאַרוואָס איז צוגעדעקט דיין פּנים.

אהרן:

ס׳האָט צרעת
באַשלאָגן זי. איך האָב עס אויך פאַרדינט.
מיר האָבן ביידע גלייך פאַרזינדיקט קעגן דיר.

משה:

מיט וואָס?

מרים:

כ׳האָב שלעכטס גערעדט אויף דיר.

משה:

צו וואָס געדאַרפט
אונטער די אויגן רעדן? אויב איך טו עפּעס
וואָס איז נישט רעכט אין דיינע אויגן, ביסטו דאָך
מיין שוועסטער. האָסט מיך דאָך געטראָגן אויף די הענט.
פאַרוואָס נישט קומען זאָגן מיר? ווער אויב נישט דו
זאָל מיך פון שלעכטס באַשיצן?

מרים:

נישט געוואָגט.
ביסט אַזוי אָפּגעזונדערט, אַזוי ווייט פון אונדז.

משה:

אויב איך בין ווייט, בין איך דער זינדיקער, נישט דו.
און וואָס איז דיר נישט רעכט געווען אין מיר?

מרים:

די כושית.

משה:

שוואַרץ און יונג און פרעמד. און איך —
אַן אַלטער מאַן. צפורהן מיט די זין מיינע
אַוועקגעשיקט, און די צום ווייב גענומען.
האָט דאָס דיר, שוועסטער, ווי געטאָן?

מרים:

ווייסט אַלץ.

משה:

האָסט ליב צפורהן?

מרים:

ווי אַ שוועסטער איז זי מיר.

משה:

איך האָב זי פריער ליב געקראָגן. און זי איז
מיר ליב.

מרים:

דעריבער זי פון זיך פאַרטריבן?

משה:

דעריבער שוועסטער! ווי אַ מדבר־וואָגלער,
אַן אויסגעדורשטער און צעטריקנטער, קומט אַן
צו פרישע קוואַלן אין אַ גאָרטן, וואָס איז קיל
און זיס מיט שמעקעדיקע פירות, בין איך אויך
צו איר געקומען און זי איז געוואָרן
מיין זיסער גאָרטן, פרוכפּערדיקע ערד און רו.
נישט ווייב איז מיר צפורה, נישט אַ שויס
מיין זוימען אויפצונעמען, נאָר אַ זיסע ערד,
אַ ווייכע, זאַפטיקע, וואו ס׳זינקען איין די פיס

און ווילן זינקען נאָכן הייסן מדבר־זאַמד
און בריענדיקע שטיינער. ווען ס׳איז מיר באַשערט
צו זיין אַ פאָטער און אַ מאַן, צו בויען זיך
אַ הויז, צו אַקערן אַ פעלד, צו מערן פי
און רינדער — ווי וואָלט איך פאַרזונקען אין דער רו
פון אירע ווייכע הענט און אויגן! נאָר פון טאָג
ווען ס׳האָט פאַריאָגט מיך פון מצרים דורך די טעג
אין כוש און ביז דער שוועל פון מדין האָט אַ האַנט
געטריבן מיך, די האַנט וואָס האָט זיך אויסגעשטרעקט
דאָס פאָלק אַרויסצוזונעמען פון מצרים,
די האַנט וואָס האָט צום חורב מיך געבראַכט
און אָנגעצונדן דאָרט פאַר מיר דעם סנה.
כ׳האָב זיך געראַנגלט מיט דער האַנט. ווען זיך דערשפּירט
אַ ברודער צונעם באַרג, צום גראָז, צום הימל,
מיט זיי אינאיינעם אין דער אייביקייט פאַרוועבט,
האָב איך געמיינט — עס איז פאַר מיר די מאַכט אין מיר,
ביז ס׳האָט דער סנה דערמאָנט מיך: נישט פאַר מיר איז עס —
פאַר פאָלק. נאָר פלאַם פון סנה מוז מדבר האָבן.
עס וועט נישט ברענען אין דער ווייכער, זיסער ערד.
און ווער עס גייט מיט פלאַם פון סנה, מוז ווערן
אַליין אַ מדבר. האָט דער פלאַם פאַרברענט אין מיר
מיין זיסע היים. זי איז געוואָרן מיר אין וועג
אַ שטרויכלונג. האָט געמוזט זיך אָפּשיידן פון מיר.

מרים:

און זי, די כושית?

משה:

ווען מ׳האָט זי געבראַכט צו מיר
האָב איך דעם צייכן נישט פאַרשטאַנען. ווי נישט דו
און אהרן. וואָס האָט זיך איר פאָטער מיטאַמאָל
דערמאָנט אָן מיר? וואָס שיקט ער אַ מתנה מיר
די טאָכטער?

אהרן:

ווער איז ער, דער פאָטער אירער?

משה:

דער מלך פון די כושים. איך האָב אים געדינט.
און איצט האָט ער דערהערט — איך בין אַליין
געוואָרן מלך... מלך בין איך... שיקט ער מיר
אַ טאָכטער זײַנע... ביז איך האָב דערהערט אַ קול:
— דו טאָרסט זיך איבער פאָלק מיט פרישות מער
נישט איבערנעמען. ביסט ווי אַלע. מיט אַ פאָלק
אַ וואָגלדיקס אַליין אַ וואָגלער. מיט אַ פאָלק,
וואָס ציט צו גלוסטונגען פון לײַב און בלוט,
אַליין אַ מענטש פון לײַב און בלוט. און אַז דו זאָלסט
די זינד און תאוותס זײַערע באַנעמען,
הער אויף צו זײַן דער ברענענדיקער דאָרן
און שטיל אַליין די תאוותס דײַנע.

מרים:

איז פאַרוואָס
צפורהן נישט צוריקרופן? וועסט זײַן מיט איר
אַ מענטש ווי אַלע.

משה:

נישט צפורה, ניין! פאַר מיר
איז זי נשמה — די נשמה פון אַ היים,
וואו ליבשאַפט בליט אין רו און לײַכט אַרויס פון פעלד
און גאָרטן. מיר איז נישט באַשערט קיין היים.
צוזאַמען מיט מײַן דור וועל איך די טעג מײַנע
אין מדבר דאָ פאַרענדיקן און נישט דערזען
קיין היים. און די נשמה מײַנע — נישט צו מיר
געהערט זי. כ׳קען זי מיט קיין ווײַב נישט טיילן.
פאַר ווײַב האָב איך נאָר לײַב...
און כ׳דאַרף זי נישט.
איך קען די תאוותס מײַנע וואַרגן. נאָר איך הער
דאָס קול אין מיר: דו, וועמען מ׳האָט געמאַכט צום גאָט,
געדענק, דו ביסט אַ חיה! זאָל דאָס ווײַב, אָט דאָס,
בײַ דיר אויפן געלעגער זײַן צום צייכן,
אַז אויך דער זינדיקסטער, געפאַלנסטער פון זיי
איז דיר אין לײַב אַ ברודער.

מרים:

ברודער מיינער!
מיין אָרעמער, מיין הייליקער, מיין געטלעכער!
ווי ביטער האָב איך קעגן דיר געזינדיקט!

משה:

ניין, שוועסטער, נישט קיין זינד ביסטו באַגאַנגען.
האָסט אויף אַ ווייל מיך אומגעקערט אַהיים.
אַט בין איך לעבן דיר אַ ייִנגל ווידער.
איך גנבע זיך אַרויס פון פּרעהס הויף
און קום צו דיר אין אונדזער שטיבל. ס'איז נישטאָ
קיין מאַמע מער און דו ביסט שוועסטער מיר
און מאַמע. כ'שעם זיך פאַרן ווייסן לייַנען
פון פּרעהס הויף, נאָר גלעטעסט מיין פּנים, מיינע הענט
און רעדסט צו מיר פון נויט, פון לייד, פון ברידער...
דערנאָך, געדענקסטו, האָסטו מיך אויפגעהערט
צו צערטלען. אַ צעבליטע שוין, אַ מיידלשע,
געשעמט זיך פאַר די פולע אָרעמס דיינע
אויף מיינע אַקסל... ווען איך האָב געטראָפן
צפּורהן, האָב איך ווידער דיך דערזען
ווי דעמאָלט... ניין, האָסט נישט געזינדיקט קעגן מיר.
האָסט אויף אַ ווייל מיך אומגעקערט אַהיים.
און ס'קומט דיר נישט קיין שטראָף . . .
(מאַכט צו די אויגן)
אַ היילונג שיק איר!
איך בעט דיך, הייל זי! שיק אַ היילונג איר, איך בעט...
(צעעפנט די אויגן)
נישטאָ מער קיין געהער פאַר מיר...

מרים:

ניין, ברודער!
ס'איז נישט קיין שטראָף. אַ חסד האָט מיר גאָט געטאָן
און אומגעקערט אַ ברודער. ווי וואָלט איך צוריק
געפונען דיך ווען נישט מיין זינד, ווען נישט די שטראָף
פאַר איר. אַ חסד איז די שטראָף. געלויבט
איז אונדזער גאָט פאַר אַלץ וואָס איז געשען מיט מיר.

משה

(צו אהרן):

דו ביסט דער כהן. ווייסטו דאָס געזעץ
פון אַ מצורע. נאָך די זיבן טעג
וועט ווייטער גיין אין וועג אַריין די מחנה.

יג

(אַ באַרג. אַ הייל. די עפענונג באַוווייזט אַ שטיינערנעם געלעגער.
משה, אהרן, צוויי ווייסע זקנים, הינטער זיי אלעזר)

משה:

דאָ זיינען מיר.

אהרן:

איך ווייס, מיין ברודער.

(צו אלעזרן):

קען אַלץ דאָס פאָלק פון אונטן זען אונדז?

אלעזר:

זיי זעען, פאָטער. פון דער וויטן
זיך נאָכגעשלייכט נאָך אונדז און זעען.

אהרן:

דאָס פאָלק, מיין פאָלק... עס איז מיר גרינגער
ווען זייערע אויגן קוקן נאָך.

(צו משהן):

פאַרוואָס אין קרוין און בגדי כהונה
געפירט מיך אויפן באַרג אַהער?
פאַרוואָס נישט אונטן פאַרן פאָלק
די כהונה אָנגעטאָן מיין זון?

משה:

דער כהן קומט אין בגדי כהונה
זיך שטעלן פאַרן אייביקן.

אהרן:

דאָ בין איך קרבן שוין, נישט כהן.

משה:

דעם לעצטן קרבן ברענגט דער כהן
ווען זיך אַליין ער גיט אַוועק.

אהרן:

זיי דו דער כהן אויף מיין קרבן.

משה:

איך בין אַליין נישט מער ווי קרבן.
פון דאָרט וואוהין דו גייסט אַצינד
האָב איך געבראַכט זיך גאַנץ און אייביק
צו דיר, צום ראַנד פון מענטש און פאָלק,
אַז דו זאָלסט מיך צום קרבן מאַכן
פאַר זיי און זייער אויסלייזונג.
ביסט אַלע מאָל געוועזן כהן
און איך — דער קרבן אַלע מאָל.
דיין זון וועט ירשנען דיין קרוין,
און זיינע זין נאָך אים — און איך
מיט לעצטן הויך מיינעם וועט אויסגיין
דער לעצטער פונק אויף מיין מזבח.

אהרן:

ווייל איך בין ערד און דו ביסט פייער.

משה:

בין איך צו דיר געשיקט געוואָרן
דו זאָלסט מיך לעשן, לעשן, לעשן.
איצט בין איך באַלד שוין אויסגעלאָשן.
און דאָ ביים שטיינערנעם מזבח
וואו דו ווערסט אויך דאָ דער קרבן — זיינען
מירביידע ברידער, גלייכע ברידער.
גיב אָפּ דיין זון די כהונה, ברודער!

אהרן

(טוט אויס די בגדי כהונה, בלייבט איבער אין אַ העמד פון ווייסן לײַנען):

טו אָן, מיין זון.

(צו משהן):
דאַרף איך די קרוין
אים אָנטאָן אויפן קאָפּ, צי קרוינען
וועט אים ווער ס'האָט אויך מיך געקרוינט?

משה:
ער איז נישט ערשטער, ער איז יורש.

אהרן (באַקרוינט דעם זון):
זאָל גאָט דיך בענטשן און באַהיטן.

אלעזר: (מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ גיסט טרערן).

אהרן:
איצט בין איך גרייט, מיין האַר!

משה:
אויך גרייט
פאַר דיר דער שטיינערנער געלעגער.

אהרן (איז גרייט זיך אויסצוציען).

משה:
ניין, זיך נאָך, ברודער!
(אהרן זעצט זיך, משה אים צופוסנס):
זאָג, וואָס הערסטו?

אהרן:
פון ברייטן טייך, פון פרעמדן טייך
די כוואַליעס הער איך רוישן.
דאָרט שווימט אַ קעסטל אויפן טייך
און ס'שווימט אַ קינד אין קעסטל.

די מאַמע וויינט, דער טאַטע וויינט:
אָ, גאָט, באַשיץ דאָס קינד אונדז.
אויף ברייטן טייך, אויף פרעמדן טייך
דעם גואל טראָגט די כוואַליע.
(גלעט משהן איבערן קאָפּ, טרערן רינען אים).

משה:

דער טייך, דער אייגענער, איז נאָנט,
נאָר כ׳קען אים נישט דערהערן.
פון נילוס־טייך צום ירדן־טייך
ציט לאַנגער וועג אין מדבר.

צום טייך צום אייגענעם דערגיין
וועט דער וואָס שטאַמט פון מדבר,
ווער ס׳הערט נאָך אַלץ דעם פרעמדן טייך —
דער שטאַרבן מוז אין מדבר.

שוין קורץ דער וועג, און נאָנט דער סוף.
אַליין מוז איך דערשפּאַנען
אויף קורצן וועג, אויף לעצטן גאַנג,
דיין ברכה גיב מיר, ברודער!

אהרן:

איך גיי אַוועק, דו בלייבסט אַליין.
איצט ביסטו ביידע ברידער.
אויף קורצן וועג, אויף לעצטן גאַנג —
נעם מיט מיין ליבשאַפט, ברודער.

האָב ליב דאָס אָרעם, זינדיק פאָלק,
מיט חסד גיי און רחמים.
אַ גאָט מיט רחמים זיי צו זיי —
מיין האַר, מיין גאָט, מיין ברודער!

משה:

נישט לעסטער אין דיין לעצטער שעה,
נישט זינדיק מיט דיין גוטסקייט.
פון אים דער צאָרן און דאָס גוטס,
פון אים די שטראָף און רחמים.

אַ ברכה גיב אויף כוח מיר
איך זאָל ביז לעצטן אָטעם
פון אייביקן דער ווילן זיין
און גאַנצער קרבן בלייבן.

אהרן:

וואָס אייביקער האָט דיר באַשערט,
דאָס זאָלסטו בלייבן ברודער.

משה (שטייט אויף):

שפּרייט אויס די פיס אַצינד, פאַרמאַך
די אויגן, שליס די ליפּן צו און רו.

אהרן

(פאַלגט, בלייבט ליגן אַ פאַרגליווערטער).

אלעזר:

(פאַלט צום טויטן פאָטער צו).

משה

(אין עפענונג פון הייל בלייבט שטיין מיטן רוקן צונעם מת):

און וועלכע הייל איז מיר באַשטימט?
און ווער וועט מיך פאַרשלעפערן?

(ער דרייט זיך אויס):

קום, כהן גדול, עס איז צייט!

אלעזר:

(קומט אַרויס פון הייל).

משה

(שפּרייט אויס די הענט אויף ביידע זייטן פון דער עפענונג):

פאַרמאַך זיך הייל!

(די שטיינער רוקן זיך צונויף, פאַרמאַכן זיך)

קום, כהן גדול!

(זיי נעמען גיין — אַרונטער. פאַלק פון אַלע זייטן באַרג אַרויף אַנטקעגן שפּאַרט. מען קוקט זיי אָן. מען וויינט).

יד

(פאַר משהס געצעלט. אליעזר און יהושע).

אליעזר (שטיל):

בּיז ס׳וועלן אָנקומען פון פאָלק די עלטסטע,
קום, לאָמיר אין אַ זייט אַוועקגיין און דערציילן.
(ווינקט אין דער זייט פון געצעלט).

יהושע:

מען דאַרף נישט גיין. ער וועט אונדז נישט דערהערן.

אליעזר:

זיין אויער אַלעמאָל כאַפּט אויף דעם ווייטסטן קלאַנג.

יהושע:

נישט איצט. עס האָט זיך אָנגעהויבן נעכטן.
פאַרנאַכט האָט ער געשיקט מיך רופן און געזאָגט:
— וואָס לענגער איך פאַרבלייב מיט אייך, אַלץ לענגער
פאַרהאַלט איך אייער גאַנג. איך זאָל אַוועקגיין היינט,
קענסטו אין דריי־פיר טעג דעם ירדן איבערגיין.
וועל איך אַוועקגיין מאָרגן. וועסט צונויפרופן
דאָס פאָלק, כ׳וועל זיך מיט דיר און זיי געזעגענען
און גיין. — אַזוי האָט ער געזאָגט. כ׳האָב דאָך געוואוסט —
דער טאָג איז נאָענט. נאָר ווען דערהערט די רייד,
געפילט ווי ס׳לעבן לעשט זיך אויס אין מיר.
אין זיינע אויגן אָבער איז אַ ליכט געווען
ווי פון פאַרגליווערטע לבנות און עס האָט
פאַרגאָסן מיך מיט גזר: דער עול איז דיינער איצט.
האָב איך געבעטן: לאָז מיך, האַר, די נאַכט
מיט דיר דאָ בלייבן.

אליעזר:

און ער האָט באַוויליקט?

יהושע:

ס׳איז עפּעס אומגעריכטס געשען, אַ שמייכל
איז אויף זיין פּנים אויפגעגאַנגען און ער האָט
געענטפערט: — בלייב! דערנאָך געזאָגט: — דו זיץ
און לאָז מיך פון דיין מויל פאַרנעמען דאָס געבאָט.
פון ערשטן וואָרט וואָס אויף די לוחות ביז
דעם לעצטן חוק — כ׳האָב מיך געזעצט און ער
איז שטיין געבליבן. האָט אַ פּחד מיך פאַרקלעמט
און כ׳האָב קוים אויסגערעדט: — ווי קען איך זיצן, האַר,
ווען דו — —? ער האָט מיר אָפּגעהאַקט די רייד:
— אַזוי דאַרף זיין אַצינד. דו זיצסט, איך שטיי.
די זון האָט נאָך געגליט אין אונטערגאַנג ווען כ׳האָב
פון וואָרט „אנכי" אָנגעהויבן און לבנה
איז שוין געווען אין מיטן גאַנג ווען ער
האָט אויפגעהערט צו פרעגן.

אלעזר:

וואָס געפרעגט?

יהושע:

אי דאָס וואָס איז פאַרשריבן און אויך דאָס
וואָס אין פאַרשריבענעם נישטאָ. און פון זיין שטיין
און פון זיין פרעגן האָב איך אָפּט געפילט ווי כ׳ווער
מיט בלוט, מיט אייגענעם, פאַרגאָסן. ס׳האָט געדאַכט:
נישט וועגן זיכערקייט מיט מיר פרעגט ער מיך אויס,
נאָר וועגן זיכערקייט מיט זיך. ווי ס׳וואָלט
דאָס וואָרט פון אים אַנטרונען און ער זוכט עס
ביי מיר און פרייט זיך ווען איך זוך עס אָפּ פאַר אים.

אלעזר:

דאָס האָט ער זיך מיט דיר געפרייט.

יהושע:

איך ווייס נישט.
דערנאָך האָט ער געזאָגט: — גיי שלאָפן! האָסט אויף זיך
אַ פאָלק און אַ מלחמה. — צוגעפירט מיך
צו זיין געלעגער: — שלאָף! ער האָט געזען וואָס כ׳וויל

אים פרעגן און געזאָגט: — דו ווילסט דאָך נישט
איך זאָל מיין לעצטע נאַכט דעם שלאָף אַוועקגעבן!
כ׳האָב זיך געלייגט. און ער אין שטאַנג זיך אָנגעשפּאַרט
איז ביז פרימאָרגן אָפּגעשטאַנען. פון דער רגע
ווי ר׳האָט זיך אָפּגעקערט פון מיר, האָב איך דערהערט
זיין ברומען אין דער פינצטער און פאַרשטיקטע רייד,
רייד אומפאַרשטענדלעכע, רייד פון הכנעה,
געבעט, געראַנגל און פאַרמעסט און האָב דערשפּירט —
מיר זיינען נישט אַליין אין צעלט. אַ שפּעלטל אויג
צעעפנט און דערזען: דער צעלט איז פול מיט ליכט,
אַ ליכט פון איידער זון גייט אויף און אינעם ליכט —
געשטאַלטן, אויך פון ליכט. אַט האָבן זיי
ווי מענטשן אויסגעזען, מיט לאַנגע בערד
און הויכע פאַסטעך־שטעקנס — כ׳האָב געוואוסט:
די אָבות זיינען עס, און אַט ווי חיות גאָר,
פיל־קעפּיקע, פיל־פליגלדיקע חיות
וואָס שוועבן אַרום אים. מיט יעדן מאָל
וואָס כ׳האָב אַן אויג צעעפנט, האָבן אַנדערע
געשטאַלטן זיך געטראָגן אינעם ליכט
ביז ס׳האָט זיך מיר געדאַכט — דער צעלט צענומען,
איך ליג ווי אויף אַ וואָלקן און פון וויטן — ער
אין הוילער העלקייט שטייט אויף גאָרנישט, און אַרום
אַ מילך־ווייסע אומענדלעכקייט פון גאָרנישט.
קען זיין — כ׳האָב איינגעדרימלט. ווייל דערנאָך
האָב איך זיין קול געהערט: — שטיי אויף, יהושע!
היינט איז דיין טאָג. היינט פאַלט אויף דיר דער עול
דאָס פאָלק פון אהיה פירן און עס ברענגען
אין צוגעזאָגטן לאַנד. גיי, רייניק זיך
און מאַך זיך גרייט און זאָג, די עלטסטע אויך
זיי זאָלן גרייט מאַכן דאָס פאָלק און רוף מיך.

אלעזר:

היינט איז דיין טאָג. עס האָט אונדז נישט געבוירן
איין שויס, ווי משהן און מיין פאָטער, נאָר אין עול
זיינען מיר ברידער, דו דער האַר און נביא

און איך דער כהן גדול. ווּעסטו אויך מיט אים
אַרויפגיין אויפן באַרג ווי מיט מיין פאָטער איך?

יהושע:

ער דאַרף מיך נישט. איך האָב געזען ביינאַכט
ווער ס׳וועט אים צומאַכן די אויגן.
(עס קומען אָן די עלטסטע).

כלב בן יפונה:

דו האָסט געשיקט נאָך אונדז.

יהושע (פייערלעך):

יאָ, ברודער כלב,
איך האָב געשיקט נאָך אייך.

כלב

(מיט שרעק):
פאַרשלאָפט? אין צעלט?

יהושע:

נישט שלאָף איז אונדזער האַר. די גלידער קרעפטיק
און זיינע אויגן העל. נאָר ס׳איז זיין ווילן
זיך אָפּצושיידן היינט. פון אייביקן דער רוף
האָט אים געבראַכט צו אונדז און איצט האָט ער דערהערט
דעם רוף צוריקצוגיין. היינט שיידט ער זיך פון אונדז.
אלעזר, איך און כלב זיינען בייגעווען
ווען ער איז אויפן סיני אויפגעשטיגן
ס׳געבאָט פון אייביקן צו ברענגען. איר און ס׳פאָלק
מיט אייך וועט זוכה זיין צו זען דעם מופת
ווי ס׳קערט זיך אום צו אהיה דער וואָס איז פאַר אונדז
און דורות אָן אַ צאָל דאָס וואָרט פון אהיה.
גייט, זאָגט דעם פאָלק עס זאָל זיך רייניקן
און אָנקליידן און שטעלן זיך געהייליקטע
דאָס לעצטע וואָרט פון אונדזער האַר צו הערן.
(די עלטסטע גייען אָפּ. נאָך איידער זיי פאַרשווינדן קומט צפורה,
אַ פאַרעלטערטע און פירט אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען).

צפורה:

כ׳וויל זען מיין מאַן.

משה (קומט פון געצעלט אַרויס):

איך האָב געוואַרט אויף דיר.

ווער האָט דיר אָנגעזאָגט, אַז איך גיי היינט אַוועק?

צפורה:

דער וואָס דיך געהייסן אויף מיר וואַרטן.

משה:

מיין חשבון וואָלט נישט גאַנץ געווען אָן דיר.

צפורה:

און מיינער איז פון לאַנג שוין קלאָר. איך בין געווען
אַ הויפן ערד — אַ זיסער הויפן ערד,
האָסטו געזאָגט אַמאָל — וואו ס׳האָט אַ גאָט
צוויי זין פאַרפלאַנצט. און בייזע געטער עסן אויף
די קינדער זייערע. האָט מיינער אויך
די זין זיינע געשאָכטן און ס׳האָט אים געשמעקט
דער ריח פון זייער בלוט. איצט בין איך אַלץ
אַ הויפן ערד, נאָר אויסגעטריקנט ווי דער זאַמד
אין מדבר און ס׳וועט מער קיין פלאַנץ פון מיר
נישט אויפגיין.

משה:

און דאָס קינד פון וועמען איז?

צפורה:

פון גרשומען. דו האָסט דערלויבט די מיידעלעך,
די קליינע, לאָזן לעבן. נישט פאַרדעכטיקט —
דו שפּאַרסט זיך אָפּ אָן אייניקל.

משה:

צו וואָס ביסטו אַוועק?

צפורה:

האָסט מיך פאַרמיאוסט, ווי מען קערט זיך אָפּ
פון קויט און קרעץ — פון מיר זיך אָפּגעקערט,

מיט נעגל האָב איך אין די נעכט געריסן
דאָס לייב עס זאָל נאָך דיר נישט יאָמערן.
און דו — איין בליק אויף מיר, און ס׳האָט דאָס פּנים
ביי דיר זיך אויסגעקרימט. און דיינע זין —
זיי האָסטו נישט געקענט גאָר ווי נישט דו וואָלסט זיי
פאַרפלאָנצט אין מיר. און כ׳האָב געזען שוין דעמאָלט:
נישט איינער פון די זין דיינע — יהושע וועט
דיך ירשענען, איז ווי האָב איך געקענט,
צו וואָס געדאַרפט ווי אַ פאַרמיאוסטער שרץ
זיך וואַלגערן ביי דיינע פיס אָן האָפענונג,
אַז וועסט אַמאָל כאָטש אָנטרעטן אויף מיר?
האָב איך אי זיך פון פיין באַפרייט אי דיך —
פון מיר און דיינע קינדער. זיידעס הויז
און מדינס ערד איז גוט געווען צו זיי.
גענומען ווייבער, זין געהאַט און טעכטער —
ביז ס׳האָט דיין שווערד זיי אומגעבראַכט.

משה:

צפּורה!
ווי האָסטו נישט געזען? נישט פון דערווידער
צו דיר האָב איך זיך אָפּגעקערט — פון גלוסטונג
און ליבשאַפט און פון מורא כ׳זאָל אין דיר
נישט אויפלייזן מיין זיין. אַליין ביים חורב
בין איך דיך בייגעקומען. בין געוואָרן פריי.
יאָ, אַלץ נאָך לייב, נאָר זיין פון אייביקן אין לייב.
קען זיין — דיין פאָטער איז גערעכט געווען. אויך דו
ביסט זיין פון אייביקן. נאָרביידע מיר
צוזאַמען זיינען מענטש און וואָס אונדז בינדט — איז ערד.
און כ׳בין געגאַנגען צו אַ שפל, אָרעם פאָלק
וואָס האָט געלעכצט נאָך רחמים, און וואָס מער
איך האָב געמוזט די תאוות זייערע
און הונגערס נאָכגעבן, אַלץ מער האָט מיך
געוואָרגן פּחד, כ׳זאָל ווי זיי נישט ווערן.
מיין ברודער אהרן האָט געזאָגט אַמאָל: איך קום
פון סוף פון דורות. ניין! אין סוף פון דורות

וועט מענטש, פון מוטערלייב געבוירן, אי דעם שויס
פון ווייב אי אייגן בלוט אַזוי מיט אייביקייט
אַדורכלייכטן, אַז ער וועט קענען זיין אי מענטש
אי וואָס איר האָט אין מיר גערופן: גאָט.
איך האָב עס נישט געקענט. פון וועגן געטלעכקייט
האָב איך איבערן לייב אין מיר געמוזט אַ שווערד
כסדר האַלטן, און ווי נישט געשווינט
מיין אייגן בלוט, אויך זייערס נישט געשווינט.
געדאַרפט אַ רחמימדיקער פאָטער זיין פאַר זיי
און בין געווען אַן אָנגעגליטע שווערד. און דו
און די געבוירענע פון שויס דיינעם — איר האָט
דורך טעג, דורך אָוונטן און נעכט מיט שוואַרצער ערד,
מיט גלוסטיקער, מיט זיסער ערד מיין בלוט פאַרפלייצט.

צפורה:

איז אויב שוין שוואַרץ, זאָל זיין אין גאַנצן שוואַרץ.
האָסטו אַ כושית זיך צום ווייב גענומען.

משה:

אויך דאָס איז דיר באַוואוסט און ס׳קומט דיר ענטפער.
גערעכט געווען איז מרים ווען זי האָט פאַר דיר
זיך איינגעשטעלט און שלעכטס גערעדט אויף מיר.
ווי וויט כ׳האָב זיך פון זיי נישט אָפּגעזונדערט,
בין איך מיט זיי געווען און ס׳האָט די נאָזלעכער
גערייצט כסדר לייב. וואָס כ׳האָב מיט זיי געלערנט —
איז רייניקן און הייליקן דאָס לייב. אין רייד
פון מויל מיינעם, אין צייכנס פון געבאָט,
אין דער מחשבה וועגן איינצאָמען אין זיי
די תאווהדיקע חיה — האָב איך זיך אַליין
פאַרטרונקען אין אומווערדיקייט און כ׳האָב געזען:
איך זינק צו זיי. און ווען דער כושי האט געשיקט
זיין טאָכטער מיר, האָב איך דערזען אַ צייכן:
אויף איר וועל איך פון זיך אַרויסשפייען דעם גיפט.
צו דיר האָט ליבשאַפט מיך געגליט. דו האָסט
דעם מאַרך געצונדן מיר, אין דיר האָט זיך מיין גייסט
געשמאָלצן. דאָ מיט איר — בלויז לייב צו לייב.

כ׳האָב זיך געגאַרט. וואָס כ׳האָב געלערנט זיי
גילט אויך פאַר מיר. איך אויך בין מענטש. מיט טומאה
ווערט טומאה נישט געלאָשן. בלויז מיט פייערן
פון הייליקייט קען טומאה ווערן אויסגעברענט.
איר לייב האָט בראַנדיקער אין מיר געצונדן
די בענקעניש צו דיר. נאָר רופן דיך צוריק
און זיין אַ מאַן צו דיר — דאָס האָט דער „גאָט"
וואָס טראָגט אַ פאָלק אויף זיינע אָרעמס נישט געקאָנט.
צפורה! באַלד קומט אָן דאָס פאָלק אַהער.
דו וועסט עס נישט דערקענען. ווער עס האָט געדענקט
מצרים, איז נישטאָ מער. אַלע טויט.
אַרויס פון אונטער יאָך צו לעבן פריי
און אַלע אומגעקומען אין דער מדבר.
באַצאָלט פאַר עפּעס וואָס אַ דור אַ טויזנטסטער
וועט אפשר ווערן. איך האָב אויך באַצאָלט.
און דו, וואָס ביסט געקומען מיר אין וועג,
און דיינע קינדער האָבן אויך באַצאָלט.
פאַר עפּעס וואָס אַ דור אַמאָל אַ טויזנטסטער
וועט אפשר ווערן. היינט אָבער, ביז זון פאַרגייט,
וועט זיך מיין צאָלונג ענדיקן. דאַרף מער נישט זיין
קיין „גאָט", אַ קורצע שעה קען איך אַ מענטש זיין.
איך קען דיך ליב האָבן. אין דיינע גראָע האָר
די שוואַרצקייט פון דיין יונגער בליאונג זען.
מיין האַנט אַרויפלייגן אויף דיינע אַקסל
און מענטשלעך זיין און הייליק זיין אין ליבשאַפט.

צפורה (פאַלט פאַר אים):
מיין מאַן, מיין גאָט, מיין הייליקער רוצח!
פאַרוואָס אין אַנגעזיכט פון דיר פאַרגעס איך
דיין שלעכטיקייט, פאַרוואָס צעגייט מיין האַרץ
מיט יעדן וואָרט, מיט יעדן קלאַנג פון דיר?

משה:
ווייל מיר זיינען איין לייב. און וואָס דאָס האַרץ
פון ווייב און מוטער האָט באַנעמען נישט געקענט,
האָט ס׳האַרץ פון זיווג יאָ באַנומען, יהושע!

יהושע:

איך ווייס, מיין האַר! צפורה וועט מיר זיין
אַ שוועסטער און דאָס קינד — אַ קינד.

צפורה (צו יהושען):

ניין, האַר מיינער!
דאָס לאַנד וואָס איז מיין מאַן פאַרבאָטן, קען פאַר מיר
קיין היים נישט זיין. וועסט מיר דערלויבן גיין צוריק
אַהין וואו כ'האָב מיט אים געבוירן מיינע זין.

משה:

בלייב דאָ צפורה, ביז איך גיי אַוועק.

(זי בלייבט. ער שיידט זיך אָפּ צוריק).

טו

(דאָס פאָלק איז אויסגעשטעלט אַרום געצעלט. אַ קרעפּטיק פאָלק. נישטאָ קיין זקנים צווישן זיי, בלויז מיטליעריקע און יונגע. זיי פאָרויס—די עלטסטע פון די שבטים. פייערלעך און שטיל. **יהושע** עפנט אויף אַ פאָלע פון געצעלט. דעם שטעקן אין דער האַנט באַווייזט זיך **משה**. אין אַנגעזיכט פון פאָלק פאַרהאַלט ער זיך ווי ס'וואָלט פאַרפעלט אים אָטעם, מאַכט אַ שפּאַן און נאָך איינעם. די ליפּן מורמלען. ער איז אַלץ מיט זיך אַליין. און אָט — אַ טיפן אָטעם צי און נאָך אַ שפּאַן. איצט איז ער מיטן פאָלק).

משה:

כ'האָב איך געבעטן קומען זיך געזעגענען
מיט מיר. ניין, נישט באַפוילן, נאָר געבעטן.
באַפעלן וועט איך איצט אַן אַנדערער. מיט אים,
מיט יהושען, וועט איר איבערגיין דעם טייך
און איינעמען דאָס לאַנד. די טאַטעס אייערע
און איך — מיר האָבן זיך פאַרזינדיקט. רוט שוין
ס'געביין זייערס אין מדבר. איך וועל מיינס
ביז זון פאַרגייט אויף רז אַוועקטראָגן.

(ס׳ברעכט אויס גשוויין אין פאָלק)
איר ווייגט? איך האָב אַזוי פיל איך געפּייניקט,
אַזוי פיל בלוט אייערס פאַרגאָסן — און איר ווייגט?

שטימעס:

— מיר זיינען זינדיקע געווען.
— דערצערנט דיך.
— זיך נישט געקענט פון שלעכטס אָוועקרייסן.
— זיי מוחל!

משה:

נישט מיך האָט איר דערצערנט. מיך, בן עמרם,
דעם מענטש פון מוטער־לייב — מיך האָט איר נישט געקענט.
געווען מיט אייך איז אַ שליח. ס׳איז געווען
אַ שטים בלויז פון אַ ווילן וואָס האָט זיך פאַרקליידט
אין מיר און אייך געפירט די אַלע פערציק יאָר.
און וואו בין איך געווען, בן־עמרם, מענטש
פון מוטער־לייב? אַמאָל, ביז כ׳בין געוואָרן שטים,
האָב איך געמיינט — איך האָב זיך אויסגעלייזט פון זיך
און בין נישטאָ מער. אָבער ווען דערנענטערט זיך צו אייך,
בין איך צוריק געוואָרן מענטש און ברודער — בלוט
פון אייער בלוט און ביין פון אייער ביין.
און ווען איך האָב פאַר אייך געקריצט געבאָטן,
האָב איך זיי אין מיין אייגן לייב אַריינגעקריצט.
און מיט די אַנזאָגן וואָס כ׳האָב אייך אָנגעזאָגט
האָב איך מיין אייגן בלוט געצאַמט. און ווען
געבענטשט אייך — זיך געבענטשט, און ווען געשאָלטן —
געשאָלטן זיך. אַז אַנדערש וואָלט איך אייער שלעכטס
און זינד און תאוהס און פאַרדאַרבנקייט געקענט
ווען איך בין נישט אַ ברודער, בלוט פון אייער בלוט?
נאָר איר האָט נישט געזען דעם ברודער. איר האָט נאָר
אַ שטים געקענט, אַ האַרטע, צאָרנדיקע שטים.
איצט איז מיין צייט געקומען. ס׳נעמט אַן אַנדערער
די שליחות איבער. ביז איך שייד זיך אָפּ פון אייך
האָב איך רשות געבעטן אויף דער לעצטער שעה
צו ווערן מענטש מיט אייך, צו ווערן ברודער.

שטימעס:

— נישט ברודער — פאָטער ביסטו אונדז געווען.
— אויך אין דיין צאָרן ביסטו אונדז געווען אַ פאָטער.
— אין שטראָף דיינער דיין ליבשאַפט האָבן מיר געפילט.
— אין שטים פון גאָט — אויך דיינע.

חשבון אויפן אש

(י. ל. פּרץ)

טאַנצאָר —

אין יענעם אַפּריל 1915 האָב איך איבער-
געלעבט אַ גרויסן טרויער און אַ גרויסע פרייד.
אין מיטן פסח איז געשטאָרבן י. ל. פּרץ, וועמען
איך וועל בלייבן צופרידנשטעלנדיק באַלד ביז
מײַן לעצטן טאָג. און אונטער דער טרויער
איז ווען פאָרגעקומען, איז געקומען די בשורה
פון דײַן געבוירן ווערן.

אין מײַן זכרון זענען ביידע געשעענישן
פאַרבונדן דײַן נאָמען און איך געדענק ווי
ספר תורה געשטאַנען בײַ אונדז די קינדער. ווען
ער וואָלט געלעבט לענגער, וואָלט ער זיך
זיכער מיט דיר געפרייט.

אין דײַן צוואַנציקיאָריקן געבורטסטאָג גיב
איך דיר די בכתב פון פּרצן, וואָס איז גע-
בליבן פון אים, בדי די אַלטע אויך
קענען שפּירן דאָס ליבע, וואָס ער וואָלט
דיר געווינטשן.

דײַן טאַטע

25טן אַפּריל 1935

אין דער פּאָעמע „חשבון אויפן אַש" פאַרנעמט י. ל. פּרץ
אַ הויפּט-אָרט.
מחמת דעם דרוקן מיר דאָ די ווערטער וואָס מנחם באָריישאַ
האָט געערעדט צו זיין טאָכטער, אַדאַ, אין ערשטן באַנד פון
י. ל. פּרצעס געזאַמלטע ווערק — אַ מתנה צו איר צוואַנציקסטן
געבוירנטאָג.

חשבון אויפן אַש

[י. ל. פּרץ]

(אויפן אַש פון וואַרשעווער געטאָ. איך האָב געזען אַ וויזיע פון מיין דור וואָס איז פאַרבייגעגאַנגען און האָט זיך פון מיר אָפּגע־קערט און איך ליג אויף דער ערד).

א

אַ האַנט האָט מיך אַ ריר געטאָן און כ׳האָב דערהערט:
— שטייט אויף!
איך האָב דערקענט דאָס קול, די אויגן אויפגעריסן,
דערזען געבויגן איבער מיר דאָס גרויסע פּנים,
דאָס שווערע מויל האַלב־אָפן אונטער שווערע וואָנצעס
און פון די ברוינע אויגן —
אַ מין לבנהדיק און אומבאַנומען ליכט.
איך האָב געוואוסט — ער איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט,
און ס׳איז מיר נישט געווען קיין חילוק,
און ס׳האָט מיך ניט געשראָקן אויך
וואָס אָט — און ער וועט מיך מיט רייד פאַרשטיינען
ווי יענע מיט די בליקן.
נאָר ער האָט אין דער שווערער גופ׳יקייט זיך אויסגעגלייכט
און ווידער מיר דערמאָנט: — שטייט אויף!
האָב איך זיך אויפגעהויבן.
האָט ער מיטן לבנהדיקן ליכט
מיך אָפּגעגאָסן, און געווען איז אין די אויגן טאַטעשקייט
און עפּעס נאָך וואָס האָט געהאַט די פאַרב פון פּיין,
נאָר ס׳איז נישט קיין פּיין געווען, נאָר עפּעס אומבאַנומענס,
ווייל ס׳איז געקומען פון אַן אַנדער וועלט.

פון מיר האָט ער דעם בליק אַוועקגעשיקט אין קרייז
אויף גאַנצן מדבר אַרום אונדז
און כ'האָב געוואוסט — איך דאַרף עס אויך טאָן.
דאָס איז געווען אַ מין עבודה
צו דעם וואָס האָט אונדז ביידן דאָ אַהערגעבראַכט.
אַזוי אין מיטן דער אומענדלעכקייט פון טויטן שטיין
און ווילדגראָז זיינען מיר געשטאַנען — ער
פון יענער וועלט, איך נאָך פון דער,
און ביידע וועלטן זיינען זיך צונויפגעקומען
און זיינען דאָ געוואָרן איינס.

מיט בליקן אַלץ אין וויסטן חלל האָט ער אָנגעהויבן:
— איר'ט מיך גערופן.

איך:

איך רוף אייך אָפט.

ער:

איצט נישט ווי אַלעמאָל.
אין שטומעניש האָט איר געמאָנט אַ חשבון
פון זיך און אויך פון מיר.
און אַז דער חשבון האָט זיך נישט געמאַכט,
האָט איר פאַרמשפּט מיך און זיך
און נאָכן משפּט אויף אַ שטראָף געגאַרט.
ניט אויסגעברענטער דור האָט אייך מיט חרם
באַשטראָפט — דאָס האָט איר זיך אַליין באַשטראָפט.

איך:

אירט אַלעמאָל אין מיר אַריינגעזען
וואָס איך אַליין האָב ניט באַנומען.

ער:

מיר זיינען ביידע אַלטע יידן,
און ביידע דאַרפן מיר דעם חשבון מאַכן.
און איר האָט זיך פאַרחרמט
כדי אָפּצושניידן פון זיך און קענען זען
דאָס ניט דערזעענע מיט נייע אויגן.

איך:

כ׳בין אויסגעברענט ווי דאָ מיין דור.
און פון די כלים וואָס איך האָב זיך איינגעשאָפּט
צו קענען אין זיי אויפקלייבן מיין טעגלעך ביסל מן
פון זין און גלויבן,
געבליבן זיינען שערבלעך בלויז.
בין איך אַהערגעקומען — — —

ער:

אין אַש דאָ אויפצודעקן די ניצוצות
וואָס זאָלן ווידער גאַנץ מאַכן די כלים.

איך:

נישט די. איך האָב געדאַרפט
די שערבלעך בלויז אין האַנט נעמען צו זען —
די כלים זיינען קיין מאָל ניט געווען קיין גאַנצע.

ער:

מיר ווילן חשבונען.
דאָ אויפן אַש פון דורות ווילט איר
אַרויסלייגן דעם חשבון וועגן דור און דורות
וואָס האָט זיך אין דער שטומעניש ביי אייך געקליבן.
מיר וועלן אויף אַ הויפן שטיינער זיך אַוועקזעצן
און איר וועט ריידן.

מיר האָבן אויף אַ הויפן שטיינער זיך אַוועקגעזעצט.
דאָס יענעוועלטיק ליכט פון זיינע אויגן איז געווען אויף מיר
און כ׳האָב גערעדט:

ב

ס׳איז אמת אייער זיין מיט מיר. ניט בלויז אין יאָרן
האָט זיך דער חילוק צווישן אונדז פאַרווישט.
אויך דאָרט פון וואַנען כ׳קום האָט שוין מיין דור אין וואָר
כמעט קיין אָנהאַלט ניט.

זאָל מיר דאָס אַש דאָ, זאָלן מיר די שטיינער מוחל זיין
וואָס איך הויב אָן מיט זיך.
איך רעד נאָך אַלץ דאָס לשון פון מיין דור
וואָס האָט פאַר יעדער תהום און זוניקייט איין שפּיגל — זיך.

אָן עלנט הייפל הייזער זיינען מיר
צעשפּרייט איבער אַ גרויסן קאָנטינענט,
און וואָס איז אונדזערס — ווי אַ ווינטערדיקע זון
ביי ראַנדן שנייאיקע דערברענט.

ניט יורשים זיינען מיר. מיר זיינען עס אַליין
די אור־אָבות, די זיידעס און די זין.
ניט אין געדעכעניש — אין אונדזער אייגן זיין
האָט זיך געשיכטע פון יאָרטויזנטער פאַרשפּינט.

פאַרשפּינט און זיך אַריינגעשפּינט
אין אַלע קעמערלעך פון אונדזערע געהירן.
אַנטקעגן יעדער כוואַליע אירער וואָס קומט אָן
די חושים אונדזערע ווי אַנזאָגערס וויברירן.

און וואָס עס האָט דערזען אין וועלט אַן אַריסטאָטעל,
און וואָס עס האָט פון מענטש באַנומען אַ שעקספּיר,
און וואָס עס האָט דערציילט פון ליבשאַפט אַ ר׳ נחמן
און פון מסירת נפש איר — דאָס זיינען מיר.

און שפּיל פון נאָך געאָנטע קלאַנגען און קאָלירן,
און ליניעס פון נאָך פאַנטאַזירטע טורעמס,
און רויש פון נאָך געחלומטע מאָטאָרן,
און כלים וואָס באַגערן נאָך די פורעמס —

דאָס זיינען מיר. און כאָטש צעבלאָנדזשעט און צעפּלאָטערט
פון זיין אַזוי פיל און אַזוי פיל וויסן,
און כאָטש פאַרווירבלט אינעם דורותדיקןווירוואַר
פון אויפקומס, אונטערגאַנגס, נסיונות, נסים —

פאַרווירבלטע, צעבלאָנדזשעטע, צעשטויבטע
ווי נאַכט־מאָטן צום פלאָם
מיר שלאָגן זיך פאַרשיכורטע פון גורל
צום פלאָטערדיקן ליכט פון אונדזער שטאַם.

מעג זיין דער גאַנג דורך שטעכעדיקע דראָטן,
מעג לילית אויפשטעלן געצעלטן וואו אַ טראָט,
מעגן די פליגל זיך פאַרשרפענען ווי ביי מאָטן —
דורך בראַנד און זינד און שטעכעדיקן דראָט

מיר טוען אַלץ צום ניט דערגרייכטן ליכט זיך ציען
מיט אַ באַגער וואָס לייטערט און פאַרצערט,
ווייל ס'איז ניטאָ אין אונדז קיין אַנדער בליאונג
חוץ דעם צעצונדענעם באַגער.

פאַרוואָס־זשע האָבן מיר, אַזעלכע אויפגעצונדענע
פון שטערן ביז די טריט,
אַפילו אין דעם הייפל הייזער אונדזערע
די גאַרעניש צום ליכט ניט אויפגעהיט ?

פאַרוואָס האָבן אַזיסן מיט אַזאַ גליענדיקן צוויט
אַנטקעגן גרויען סטעפּ ניט אויפגעשטעלט זיך קיין מחיצה
און פון דער זריעה פון אַל־גראַזיקייט
די לייטערדיקע בליאונג ניט געקענט באַשיצן ?

***

עס איז געערעכט דער משפּט איבער מיר
פון דור וואָס איז פאַרשניטן.
אויב פעלשן האָבן מיר געפעלשט און זיך פאַרדינט די שטראָף —
פאַרוואָס האָב איך זי אויסגעמיטן ?

און אויב עס איז אַ גורלדיקער קרייז אַזאַ :
היינט דער און מאָרגן יענער —
פאַרוואָס האָב איך דעם גורלס חסד אָנגענומען
און זיי אַליין געלאָזט דאָ ברענען ?

איך בין דאָך זייערער. ניט הינטער שוץ פון אָקעאַן
וואו איך בין מיט מיין לייב אַוועק —
מיט זיי האָב איך די לעבעדיקע שטיינער דאָ באַשפּאַנט
און דאָ מיין שורש אין דער וועלט אַנטפּלעקט.

מיט זיי איבער די דורות אויסגעלייגט דעם וואַנדער
פון אור־מענטש ביז צום וואונדערלעכסטן אָדם,

און זיך אַליין געקרוינט פאַר אַנזאָגער און שפּינער
פון פירנדיקן, צויבערלעכן פאָדעם.

און פאַרן פאָדעם צו דעם קומענדיקן אָדם
דעם טאַטנס „חיי־אָדם״ אָפּגעגט,
און ס׳האָט אַ נייעם זין אין שמע ישראל
געטייטשט דער פאַקטן־פאַרשער, שפּראַכלער און פּאָעט.

אַ נייעם זין — אַן ערדישן, רעאַלן.
און דאָך האָט עס געבריט ווי קויל די ליפּ,
און ס׳איז געווען אַ סימן: דורך באַניטן וואָרט
ווערט נייער בונד מיט אייביקייט פאַרקניפּט.

ס׳איז אַלץ אין מיר פון דאָ. און ווען די נייע היים
האָט מחנות, מחנות אַרום מיר פאַרפלייצט
מיט אירע ברויטיקייטן, ברייטקייטן און בלענד,
האָב איך פאַר אונדזער הייפל עלנטע געזוכט אַ טרייסט

אין ווייטן דאָ. איך האָב געזאָגט: מיליאָנען מיילן
צעשיידן איין פּלאַנעט פון אַנדערן. נאָר אויב
זיי וואַנדערן אין זייערע אָרביטעס אַלע
אַרום איין זון, איז מעגן זיי ווי שטערן־שטויב

איינס פאַרן צווייטן אויסזען, זיינען זיי צוזאַמען
אַן איינציקע געבונדענע סיסטעם,
און מיר, צעוואָרפענע אַאַזיסן,
אַ הייפל בלויז אין יעדער פרעמד,

כל־זמן מיר אַלע ציען אונדזער ליכט און חיות
פון איין פאַרוואָגלטער, פאַרשעמטער שכינה —
אַן עדה זיינען מיר, און מעג אין יעדער פרעמד באַזונדער
דער וואונדער אונדזערער ווי אָוונט־גלי צערינען —

ניט דאָס צערינען, נאָר דאָס עדהדיקע גליען
ווערט ווי אַ זון־סיסטעם אין חלל קרייזן,
און ליכט־יאָרן נאָך אונדז
אַ שטערנדיקן גאַנג די דורות ווייזן.

אַזוי האָט מיך מיין חלק מיט מיין דור, דעם דאָאיקן,
פון דער פאַרפלייצעניש פון זעט באַוואָרנט.

און כ'האָב אין מיטן ברויטיקער צעגרינטער פרעירי
אַ סנה זיך אויפגעדאָרנט.

נאָר אָט שוין ניט קיין סנה אין פּרעירי,
נאָר אַלע פעדעם פון מיין שורש ברענען
און איך ווי אין אַ לאָזשע פון אַ צירק, זיץ הינטער שוץ פון אָקעאַן
און קוק אַראָפּ אויף דער אַרענע.

עס ברענט אַ קאָנטינענט. פון אויפגעקראַכטע קראַטערס
צעכוואַליעט זיך אַ לאַווע א צעפלוישטע
פון רויכיקער רציחה קעגן מיר און מיין געביין,
איך צייל און צייל די עדהס קדושים

וואָס ווערן יעדן טאָג פאַרקוילט, און פון מיין סנה
צעפלעכט זיך אַרום מיר אַ דאָרנדיקע סוכה
וואָס פלעכט זיך איין מיט דערנער אין מיין לייב און שרייבט
און שרייבט צעגליטע פסוקים אויף מיין רוקן.

וואָס איז דער טייטש פון זיי? האָט די אַנטפּלעקונג אויפן סיני
דאָך מיט קיין גרויליקערע פלאַמען ניט געשמעטערט
ווי די פאַר מיינע אויגן און קיין טויטלעכערע שנאה
האָט ניט געשפּיגן פון מצרימס געטער

ווי די וואָס ברענען מיך איצט. איז דאָך פאַראַן
אַ זין אויך אין די פייערדיקע רייד
וואָס ווערן אויף מיין לייב געקריצט. ווער וועט
פאַר מיר אַנטפּלעקן זיך מיטן באַשייד?

ווער וועט מיר מיט אַ טראָפּן ליכט
דעם זין באַהעלן פון דער פאַרכטיקער כוונה?
צו וועמען וועגדן זיך נאָך הילף,
ביי וועמען גיין אַן ענטפער מאָנען?

*
**

ווער זאָל מיר ענטפערן, אַז ערד און הימל
איז אויסגעפילט מיט מיר,
און איבער אַלץ אין מיר און אויסער מיר
איך, איינציקער, געוועלטיק און רעגיר?

דאָס איז געווען די תורה פון מיין דור: די גאַרע וועלט
איז בלויז אַן אויסשפּרייטונג פון דיר, דעם עולם קטן,
און אַלץ אין איר אין צייט און רוים —
די תהומען און די הימלען, די מחבלים און די גאָטן —

ס׳איז אַלץ פון דיר. און דיר איז אויך געגעבן
די מאַכט פון אַלע מאַכטן און דער נס פון אַלע ניסים,
די כישופדיקע הערשאַפט איבער וועלט און שליסל
צו אַלע סודות, זעאונגען און וויסנס —

דאָס וואָרט, אין דיר, דעם מענטש, אין ווילן דיינעם,
וואָס איז אויך וועלט־ווילן, און אין אַלמעכטיקן געצייג
פון דיין יצירה — וואָרט — איז אַלץ וואָס מענטש באַדאַרף
אַרויסצוררייסן זיך פון דורותדיקן שטייג

פון זיין געפאַנגענשאַפט ביי בלינדקייט, הערשאַפטן און מורא
און ווערן מעכטיק, פריידיק, פריי,
די גאולה איז אין אייך — דעם מענטש, זיין ווילן און זיין וואָרט,
די גאולה איז אין אייך, אין אייך, די דריי.

און פאַר דער גאולה פון די דריי איז וואָרט געוואָרן
דער טרובאַדור, דער נביא און דער מופת.
אַליין אין קראַנץ און קרוין זיך אָנגעטאָן און וועגן זיך
אַליין צעבלאָזן זיך אין שופרות

און זיך אין דור אַריינגעהייליקט — אַן עבודה זרה. יאָ, עבודה זרה
מיט דינער, קטרת־צינדער און כהנים,
און ס׳האָט זיך אָנגעהויבן אַ מלחמה. פון די קברים
די זיידעס זיינען אויפגעשטאַנען

און האָבן זיך אין אויערן פון דור צעברומט מיט די ניגונים
פון עמוד, גמרא־שטענדער און געוויין ביי חצות:
— ס׳איז שקר! נאָר דער יחוד מיט דער שכינה
גיסט אָן מיט הייליקייט און ליכט דאָס אות

און גיט די ווערטער לעבן. ס׳איז נישט אייערס אַט־אָ־דאָס!
דאָס האָט אַ פרעמדע עולם־הזה אייך פאַרשיכורט,
האָט איר דעם מענטש פון שורש אָפּגעריסן
און אָפּגעריסן ס׳וואָרט פון עיקר.

מיר וועלן אייך ניט לאָזן. טאָג און נאַכט
אין וואָר און חלום וועלן מיר אייך ברייען די געהירן
מיט גאַנג צום יחוד, ברענען אייך און בריען,
ביז איר וועט נאָך אַמאָל אין זיך דערשפּירן

דעם שורש אונדזערן. — אַזוי האָבן די זיידעס
זיך אָנגעזעצט און ס'האָבן זיך צוויי הערשאַפטן צעשטריטן
און בלוט פון דור, און ער, געיאָגט פון ביידע,
האָט זיך געוואָקלט ווי אַ שיף אין מיטן

צעברויזטע כוואַליעס. און ווען אומבאַהאָלפן
אַנטקעגן בריעניש אין בלוט איז מען געגאַנגען
זיך אָפּטונקען אין קדושה ביי די זיידעס,
איז מען געגאַנגען, אָבער ניט דערגאַנגען.

איר וועט מיר מוחל זיין! איר זענט דאָך צוליב דעם
אַהערגעקומען ווייל מיר ביידע דאַרפן
אַ חשבון מאַכן און איך קען ניט איינשטיקן די רייד —
אויך רייד צו אייך וואָס אויף די ליפּן שרפען.

***

ס'איז אמת — איך האָב אייך גערופן. נעכטן ערשט
האָב איך צום אַלטן מאַרק זיך אומגעקערט,
צו אייער אַלטן מאַרק מיט זיינע שאָטנס און די מתים,
און האָב דערזען אייך און דערהערט.

איר האָט געלאָזט פאַר זיך אַ דור און דורות דורכגיין
מיט זייערע קליינע פרייד און וועלענישן, ווינד און וויי,
מיט לעבנס — שאָטנס און מיט טויטן — הפקר,
און אינעם גאַנג האָט זיך געהערט אויך דער געשריי

פון זייערע טריט: וואָס איז דער זין?
האָט איר געענטפערט? כ'זע די אויגן
אַנטקעגן יעדן שאָטן וואָס איר פירט אַרו
און פון די קורצע שפּרוכן זייערע קוועלט

אין אייך דער מייסטער וואָס האָט אַזוי שאַרף
אַ לעבן אין אַ שורה פאַרסך־הכלט.

דער גאַנג פון שאָטנס פרעגט, אָבער דער ענטפערער
האָט אויפגעשפּילט מיט זיי בלויז אַ ספּעקטאַקל

און אומזין איז געוואָרן שפּיל. וועט אויך פון דאָ,
פון אַלטן מאַרק אָט דאָ, פון שטויב און פּראָך
פון אונדזער דור, ניט מער ווי אַ ספּעקטאַקל ווערן
און ס'וועט קיין זין ניט אויפגיין? כ'בין דערנאָך

אַוועק מיט אייך צום בריסקער רב און ביאַלער רבין,
צום שבת פון ר' שלמהס היילי קער מרידה,
צום שטומען ניגון פון אברהמל באַס — און האָב דערזען:
איר רופט אַרויס די שבת־יום־טובדיקע יידן

און לאָזט זיי אויפגליען אין זייער לויטערער אמונה
און שפּיגלט זיך אין זיי — און וואו זענט איר?
און ס'האָט זיך מיר אַנטפּלעקט די פּיין פון ניט־דערגאַנגענעם
וואָס כ'האָב אין אייער אומרו אַלעמאָל געשפּירט —

די פּיין פון דער מחיצה צווישן אייך און זיי.
וואָס איז זי, די מחיצה? פאַרן פּובליקום —
בלויז אַ שערענגע בינע־לעמפּעלעך. זיי,
די שבת־יום־טובדיקע, אין דעם אָפּגעשלאָסענעם תחום

פון וויזיע־לעבן וואָס איר האָט זיי איינגעטיילט, און איר —
אין גרויסער וועלט, דער שאַפער זייערער און מייסטער.
פאַר אייך אָבער ניט בינע. פון אונטערן באַרג
מיט איינגעקויפטע מייסטערשאַפטן רייסט זיך

פון אייך דער זיוו השכינה און איר ווייסט:
דאָס האָט דער גלי זיינער אין אייך געבויט אַ היכל
פאַר תמימותדיקע, שלימותדיקע זיידעס,
נאָר איר אַליין וועט קיינמאָל ניט דערגרייכן

די שוועלן זיינע, ווייל דער גאַנג אַהין
פירט דורך אמונה בלויז, אמונה ממש,
און ניט דורך אויפשפּיל פון אמונה. און דער גאַנג
פון אייערע שאָטנס דורכן אַלטן מאַרק זאַמאָשטש

און אַלע אַלטע מערק דורך אַלע דורות —
מיט וואָס פאַר אַן עינויים, מי און מאַטער

איר זאָלט ניט ווערן ווי די זיידעס אים באַזינגען,
וועט איר בלויז אויפשפּילן אַ טרויעריק טעאַטער

און אויף דער בינע אייערער וועט חושך הויערן.
אַזוי איז מיט ר׳ שלמהס אייניקל אויך איר געשטאַלטער
צוריקגעקומען פון דער ווייסנדיקער וועלט,
דער אייזן־האַרטער, פּראַסטיק־קאַלטער,

אַ מופת פון באַנייטן גלויבן אויסצובעטן
ביי זיידנס שאָטנס און האָט ניט געפּועלט.
און אויב אין אייך האָט נאָך דער ריס געבלוטיקט,
האָט דור וואָס האָט געצויגן זיך צו אייער אוהל,

דעם ריס און די געפאַלנקייט און ביטער וויסן
פון קיין מאָל ניט אַריינקומען אין היכל זיך פאַרשפּאַרט,
און פון דער הייליקייט פון אָבות איז געבליבן
אַן אָפּגעשטויבטער גאַרטל און אַ צוגעקלעפּטע באָרד

ביים בינע־שפּילער. און ווי ווייט ס׳איז דער אַקטיאָר
אין די קאַלירטע אונטערוועש הינטער קוליסן
פון יענעם וועמענס קדושה ער האָט אויפגעשפּילט,
אַזוי איז ווייט געווען דאָס קלוגע וויסן

פון דור פון יענער שלימות וואָס מען האָט
אַזוי באַמוחט און באַבענקט און באַגעשטאַלטיקט
אין מייסטערישן וואָרט. זאָל איך אין מדבר דאָ
נאָך אַלץ פּרובירן הינטער זיך צו באַהאַלטן?

זאָל איך מיט אים זיך לאָזן דורכדרינגען דעם חושך
ווען כ׳ווייס — ס׳האָט אַלעמאָל בלויז שעמערירט מיט פונקען
פון אויסגעבאָרגטער קדושה און אַליין
אין קדמונדיקן ליכט זיך קיינמאָל ניט געטונקען?

איך קען ניט. ווי ביי אייך ר׳ שלמהס אייניקל
וואָס האָנט פון טויט האָט זי אַראָפּגעדריקט
צו דר׳ערד צוזאַמען מיט די שטיקלעך שוואַרצע קנויטן
פון פרעמדע ליכט — קום איך אַהער צוריק

באַלאָדן מיט מיליאָנען טויטן און מיט שוואַרצע שערבלעך
פון דעם וואָס האָט געזאָלט אַ וואונדער־כלי זיין

און פאַל אַראָפּ צום אַש פון דור מיינעם און זאָג:
איך קען ניט מיט געבאַרגטע פונקען־שיין

דעם חושך אָנצינדן און דורכן גורל אייערן
באַזינען אייך און זיך. און אויב עס איז ניטאָ
קיין זין אין אייער אומקום — וואָס איז מער געבליבן
פון אונדזער גאַנג ווי אָט דער מדבר דאָ?

⁂

איך קען ניט. איך, דער דור,
וואָס האָב די ערד און אָקעאַנען דורכגעשניטן
פון ים־סוף ביז די אינדיאַנער פּרעיריס —
איך זיץ מיט אייך אין מדבר דאָ אין מיטן

אָן איינגעשרענקטער וועלט, און ס'איז דער חלל
פון בריענדיקער קראַפּעווע און אויסגעברענטע ציגל
פאַר די וואָס קומען ווי פאַר די וואָס זיינען אומגעקומען
דער זעלבער שפּיגל.

זי וויל אונדז ניט, די וועלט. נאָך איז קיין גראָז
ניט אויפגעגאַנגען איבער ברידער־קברים,
נאָך האָט דאָס טויטע לייב אין גאַנצן ניט פאַרצערט
דער קבר־וואָרעם —

און ווי אַ הונט דעם מוילוואורף שנאַפּט אַרויס
פון ערד־לעכער אים צו פאַרצוקן,
שנאַפּט די רציחה אונדזער איבערבלייב
פון דער באַהעלטעניש אַרויס. און סדומס צדיקים,

מיט פּסוקים אויף די ליפּן און גערעכטיקייט אין פויסט —
די אַפּוטרופּסים איבער די נאָך גאַנצע גלידער
פון אונדזער גוף — זיי טראָגן אונדז אַנטקעגן
דאָס הייליקע וואָרט: ברידער —

נאָר אין דער יושרדיקער פויסט אויך אַ קאָנטראַקט
מיט שטעמפּלען אייזערנע פאַרזיגלט,
אַז וואָס איז אונדזערס בירושה ווערט פאַרפאַקט
אין קעלערס פון מזייען אונטער שלאָס און ריגל.

און דאָס איז חסד... איז נאָך קנאַפּ געווען
דער האָס צום ניט־באַנומענעם, די חיהשע רציחה?
צו וואָס האָט ס׳בלוט פֿון אָבות אויך געדאַרפֿט
אַרויסגעבוירן אויף דער וועלט משיחים

וואָס זאָלן מוזן צוליב גאולה פֿאַר דער וועלט
פֿאַרשעלטן זייער אייגענעם זאָמען?
אַמאָל דער גלילער, וואָס האָט מיט ליבשאַפֿט און הכנעה
צעעפֿנט דעם גן־עדן פֿאַר דער זינדיקער נשמה

וואָס שטייפֿט דעם גוף ביי שטאָלענע מאַשינען
מיט שנאה און רעוואָלט — צו וואָס האָט אונדזער בלוט
געדאַרפֿט אין ביידנס אָדערן רינען
אַז ביידנס מחנות, אין דער ביטערער מלחמה

איינס מיט אַן אַנדער, זאָלן האָבן זיך פֿאַרשוואָרן
אויף איינס: צעשטויבן דעם משיחס זאָמען
און אויסלעשן דעם מדברדיקן דאָרן
און אַכצן הונדערט יאָר נאָך אים דער טרירער *)

וואָס ברענט מיט דער געדעכעניש פֿון זיינע אָבות?
מען לעשט דעם דאָרן — מיטן מילך פֿון חסד
און וויין פֿון ברודערשאַפֿט און בלוט פֿון מאָרד,
און צווייגן, אויסגעלאָשן און צעפּרעסן,

צעשפּרינגען זיך און ציען אָן אַ פֿרעמדע קאָרע.
אַלץ עלנטער, אַרומגעהאַקטער, דינער,
דער דאָרן בריט זיין גורלדיקע בריאונג
אַנטקעגן דער פֿאַרטיליקונג און שנאה

און נאָר אויף בערג און טאָלן אַרום דודס שטאָט
האָט בייער דור ווי זעלנער אין טראַנשייען
אויף גאולה אָדער טויט זיך איינגעגראָבן אין דער ערד,
וואָס איז געווען און איז איצט ווידער זייער,

און ס׳זעט דער איבערבלייב — ס׳האָט ווידער אויפֿגעגליט
דער דאָרן אַ צעצווייגטער, ווידער העלט דער פֿלאַם

*) טריר איז די געבורטשטאָט פֿון קאַרל מאַרקס.

פון מדברדיקן פייערזייל צו די צעפייניקטע,
פאַרשטויסענע אויף יעדער ערד און ים

און רופט צום קריג פאַר שורש און פאַר שטאַם.
עס רופט דער פייערזייל, דער טויטער שפיגל טרייבט
און ס׳ברענט אַ סנה פון גאולה אָדער טויט
אין בלוט פון איבערבלייב.

איז דאָס דער זין פון אַש אונטער די פיס ביי אונדז?
האָט אונדזער בלוט געפאָכטן דאָ די לעצטע שלאַכט
פאַר גאַנג דורך וועלט און האָט פאַרשפילט,
אויף אַלעמאָל פאַרשפילט, און וואָס מיך האָט געבראַכט

אַהער איז לעצטער גזר־דין, און ניטאָ שוין וועגן וואָס
דעם חשבון חשבונען?... ניט מיטן אַש אונטער די פיס
און ניט מיט דעם פון אַלע דורות וואָס האָט זיך אין בלוט
מיר אָפּגעזעצט?... און כ׳האָב אומזיסט

פון עולם האמת אייך געטאָן מטריח זיין?... איך ווייס,
אַז ניט! וואָס כ׳בין געווען און וואָס איך בין
האָב איך געדאַרפט זיין. און ס׳איז דאָ אַ זין
אין זיין מיינעם. ס׳איז דאָ אַ זין. ס׳איז דאָ אַ זין.

ג

איך האָב דערערדעט. מיט אויגן צו דער ערד
איז ער געזעסן ווי ער וואָלט זיך צוגעהערט
צום נאָכקלאַנג פון די רייד מיינע אין מיר,
דערנאָך זיך אָפּגערופן:
— האָט איר די טענה אויסגעלייגט.
צו מיר, צו זיך, צום דור.
איצט דאַרף דאָס פעלד מיט טויטע שטיינער
די שברי כלים אָנפילן מיט ענטפער
טאָ זאָלן טויטע שטיינערריידן!
איר זאָלט אַ חשבון קענען מאַכן.

פון לעצטן שפּרוך, פון קול זיינעם האָט מיך אַ פּחד
פון ערב אימהדיקס מיט קאַלטע נאָדלען אַרום לייב
אַרומגעשטריקט. באַלד האָבן קולות
פון שטיינער, שטיקער ציגל, אַש, פון ערד אַליין
געגומען אויפגיין — אונטער מיינע פיס, הינטערן פּלייצע, רעכטס
און לינקס: געקלאַג פון עופּעלעך, געזאַנג פון קינדער אין אַ ראָד,
געטופּ פון פיס, געקנאַל פון ביקסן, זאַט געלעכטער
פון ביר־פאַרשווענקטע קולות, אַ געכליפּ פון אַ בעל־תּפילה,
געקוויטש פון קולות מיידלשע ווי רויט־צעצונדענע חלפים,
אַ בעטלער־ניגון, ווייען שניידיקע פון אונטער בייטש,
געוויין איבער אַ בר־מנן, געוויין, געוויין —
און נאָך געקנאַלן, ווייען, יאָמערן — דאָס גאַנצע פעלד,
דאָס גאַנצע שטיינערדיקע פעלד האָט זיך צעהילכט, צעיאָמערט
מיט איין געמיש פון קולות, איין געריס פון אַלע חושים
און אָדערן אין מיר — און כ׳האָב פון אַ בערגל שטיינער
אַראָפּגעגליטשט זיך, אויסגעצויגן אויף דר׳ערד
מיט הענט און פיס צעשפּרייטע: אויב איך דאַרף
דעם ענטפער טרינקען, זאָל איך טרינקען, איינטרינקען אין אים.
ניט ווי אַ מענטש וואָס ראַנגלט זיך מיט כוואַליעס, נאָר ווי איינער
וואָס זינקט אין תּהום, און תּהום האָט שוין פאַרשווענקט
דעם לעצטן ראַנד, בין איך געזונקען
ביז ס׳האָט מיך ווידער אָנגערירט זיין האַנט און קול:
— שטייט אויף!... דער תּהום פון קולות
האָט מיטאַמאָל זיך אָפּגעהאַקט, נאָר ניט אין מיר,
און כ׳האָב די אויגן ניט געוואָלט מער עפענען, ניט אויפשטיין.
און ווידער האָב איך אים דערהערט: — שטייט אויף!
מיט קוואַלן רחמים האָט זיך עס צעגאָסן איבער מיר.
און אַז איך האָב זיך אויפגעזעצט, בין איך געווען
אין זיין רשות, ווי איך וואָלט אויך ווי ער
געקומען פון אַן אַנדער וועלט, נאָר טאַטע איז דאָרט ער.
און אים, דער טאַטן, דאַרף איך הערן.

ד

האָט ער געזאָגט:
אַ רגע בלויז
האָט אייך אַרומגענומען גסיסהדיקער ברויז
פון לעבן אין רוצחס נעגל —
און שוין זענט איר אויף דר׳ערד געלעגן
אַליין צו ווערן אויס.
פון וואָס האָט איר זיך ראַטעווען געוואָלט אין אויס?
פון תוהו ובוהו.
ווייל שלל פון קולות איינצלנע, צעטיילטע,
און יעדער איינער זיינס — איז תוהו ובוהו.
און פאַרן אויער
פון לעבעדיקן מענטש, דעם איין מאָל שוין אַרויסגעשיילטן
פון ניט, איז תוהו ובוהו טויזנט שטריק
וואָס שלעפּן אים צוריק
צום ניט פון פאַרן ווערן.
עס מוז אַ ניגון האָבן ס׳לעבעדיקע אויער,
נאָר מיט אַ ניגון קען עס הערן.

און ווען טוט לעבן ניט זיך ראַנגלען
אין די פאַרקלעמטע צוואַנגען
פון אָנהויב מיטן סוף?
אין טעג פון חורבן און מלחמה —
ווען קלאָגט עס ניט מיטן געיאָמער
פון שוואַרצער שטראָף?
אין טעג פון שלום און פון זעט —
ווען פלאַטערט ניט איבערן טיש און וויג און בעט
דער שרעקעדיקער טאָמער?
און ווען דאָס אויער זאָל דערהערן מיטאַמאָל
דאָס אָפּגעזונדערטע, דאָס גוססדיקע קול
פון יעדן לעבעדיקן אָטעם
וואָס ווערט געטראָטן און צעטראָטן
פון שוואַרצן שאָטן
און זיינע דינער און מחבלים —
ווען וועט זיך די נשמה ניט צעצאַפּלען
אין די צעברויזטע פינצטערנישן פונעם תוהו ובוהו?

דער אָדם אויסגעשיילט פון תוהו ובוהו
אין פורעם און געשטאַלט,
מוז פורעם האָבן פאַרן שלל
פון רויע קולות, אַז דאָס אויער
זאָל הערן עפּעס — עס מוז האָבן ניגון.
און וואָס איז דער יסוד פון ניגון?
דער טאָן. דער עיקרדיקער טאָן.
און ווער עס מאָנט
אַ חשבון זיך אַליין אַרויסצושיילן
פון תוהו ובוהו ווי אַן איינס
מוז קענען ציילן.
און וואָס איז דער יסוד פון ציילן?
דער איינס. דער ערשטער איינס.
צום ערשטן איינס, צום עיקרדיקן טאָן
פון וועלט־ניגון האָט דער געשאַפענער געטאָן
פון אַלע דורות לעכצן צו דערשפּירן
דעם אייגענעם איינס אין איינס פון דער יצירה,
און מיט דער שפּירונג שטעלן זיך אַנטקעגן
דעם ברויז און שטורעם
פון תוהו ובוהו ביי די ברעגן
פון דעם וואָס איז שוין ערד און פורעם.

וואָס האָט דען מענטש פאַר זיך אַרויסגעריסן
פון תוהו ובוהו מער
ווי אינדזלען עלנטע, אָאַזיסן
פון פעסטער ערד
וואו ער איז אין געבענטשטע שעהן זוכה
זיין אייגן קול צונויפצוגיסן
מיט קול פון גראָז און בלאַט און זאַנג,
און אין די נידערן און הייכן
דערהערן דאָס געזאַנג
צום אָנהויב, צום יסוד, צום איינס?
וואָס האָבן מיר אין לאַנגן מאַטערדיקן גאַנג
דורך אַלע ווילדערנישן פון צעברויזטן בלוט
זיך מער דען איינגעקויפט ווי ניגון

וואָס העלפט אַמאָל אין אַ מינוט
פון חסד זיך אַרויסצוקריגן
פון דער אומענדלעכקייט פון תוהו ובוהו
און אָנפילן דאָס אויער
מיט דער האַרמאָניע פון איינס?

***

האָבן מיר געזינדיקט?... אוי געזינדיקט!

אַז אַ וועלט, נעבעך, אַ ניט־באַשניטענע,
שליידערט זיך אין די געוויטערן
פון די תאווהס אירע,
האַמערט עס איר אין געהירן,
קען זי ניט דערהערן, קען זי ניט דערשפּירן
דעם יסוד פון ניגון פון יצירה —
דעם יסוד פון איינס.
איינס ביי איר איז בלויז דער מענטש, דער הונגעריקער,
איינס איז בלויז דער מענטש, דער זאַטער,
זאַט און פרייכנדיק און שיכור
פון זיין גליען, פון זיין פלאַטער,
פון זיין גלוסטן און זיין ווילן,
פון זיין גאַרן און פון שטילן
זיינע תאווהס, די צעצונדענע —
היינט וואָס איז דער וואונדער דען
וואָס דאָס אויג זיינס קען בלויז זען
איינסן, איינסלעך, איינסעלעך
אין געיעג נאָך זעט צעפּאַכטענע
און צעטראָטענע און צעשאָכטענע?
און וואָס איז דער וואונדער
וואָס דער הימל איז באַשפּונען
מיט אַ נעץ פון רויטע, נעפּלדיקע זונען,
און פון יעדער באַרג און טאָל און טייך באַזונדער
גייען אויף צעקלונגענע ניגונים
ווי די איינסן, ווי די איינסלעך, ווי די איינסעלעך,

און עס רייסן זיך אין אויער טענער, טענדלעך, טענדעלעך,
ווי די הענער, ווי די הענדעלעך
אויפגערייצטע און צעפּאַכטענע
און צעמזיקטע און צעשאַכטענע ?

האָבן מיר געזינדיקט ?... אוי געזינדיקט !

איז דאָך שוין אַ שלל מיט יאָרן
ווי מען וואָרנט און מען וואָרנט :
גייט ניט אין די וועגן זייערע,
קוקט ניט מיט די אויגן זייערע
און ניט הערט מיט זייערע אויערן.
ווייל די חושים און מחשבות זייערע
פלאַטערן נאָך אַלץ אין תוהו ובוהו
און מיט תאוהס, מיט צעשטורעמטע,
שלעפּן זיי די וועלט, די שוין געפורעמטע,
ווידער און צוריק אין תוהו ובוהו.
אָבער בלוט איז רויט און זודיק
און דער נחש שפּילט די דודע :
— אוי, עס גלוסט זיך און עס ציט
און עס בענקט זיך און עס בריט
ביז ס׳ווערט די נשמה אויסגערונען...
אין די אויגן — רויטע נעפּלדיקע זונען,
אין די אויערן צעצונדענע ניגונים —
זינגט זיך מיט מיט זיי,
טאַנצט זיך מיט מיט זיי,
שפּילט זיך מיט מיט זיי
צום געדריי פון לאַקנדיקע יצר־הרעס,
צום געבלענד פון גילדענע עבודה־זרהס.
אָבער אַז די זיידעס האָבן אין די אָדערן פאַרפלאַנצט
דעם בראשיתדיקן ניגון,
זינגט מען און מען טאַנצט
און עס קענען זיך די גלידער ניט צעוויגן
צו די טאַקטן פון עבודה־זרהדיקן טאַנץ.
טוט מען אָן דעם זיידנס טלית מיט די תפילין,

קלעפּט מען צו דעם זיידנס באָרד צום גלאַטן קין —
אפשר וועט מען זיך אַזוי אַריינשפּילן, דערשפּילן
צו אַ תיקון פון דער בלענדעניש און זינד.
און די זיידעס מיט די שטייפע גאַרטלען
קוקן אויף די אייניקלעך פאַרנאַרטע
און זיי זינגען צו דאָס לידעלע:
הויך זיינען די ניסעלעך,
קורץ זיינען די פיסעלעך,
קליין זיינען די יידעלעך,
קענען ניט דערגרייכן,
קענען ניט דערגרייכן.

האָבן מיר געזינדיקט?... אוי געזינדיקט!

האָבן זיך די תוהו ובוהו תהומען
ווי וואולקאַנען אויפגעריסן
און אין שוואַרצע, פייערדיקע שטראָמען
פון פאַרדאַרבונג און פאַרוויסטונג
לייב און לעבן איינגעוויכערט —
אין געווירבל פון צעוויכערטער רציחה
צו צעמאָלן עס צוריק אויף תוהו ובוהו.
איז אויף וועמען גייט דער תוהו ובוהו?
אויף זיין קדמונדיקן שונא, אויפן שיר היחוד.
און ביי וועמען זינגט דאָס בלוט דעם שיר היחוד?...
אַיי דער קין איז ביי די זין
ווי געשליפענער בורשטין
און מען שפּילט טעאַטער בלויז
מיט די צוגעקלעפּטע בערד —
אָבער תוהו ובוהו הערט
פון דעם צענטן דור אַרויס,
פון דערווייטערטסטן, אויסגערונענעם,
ווי עס זינגט אין בלוט דער איינגעשפּונענער,
איינגעברענטער שיר היחוד.
ליגן דורות, ערשטער ווי דער צענטער,
פונעם פייערדיקן וויכער אויסגעברענטע,

און פון אַש פון איינגעגליווערטער רציחה
רעוועט, שטורעמט, וויכערט
תוהו ובוהו.
אין געוויכער פון די קולות פון מיליאָנען
אין די קעלן איינגעפּראָרענע
ראַנגלט זיך אויך אַ פאַרלאָרענער,
אַ פאַרשטויסענער, דער טאָן —
ערשטער טאָן פון ניגון פון יצירה.
ווי זאָלן אבלים
מיט די שברי כלים
אים דערשפּירן
און פון תוהו ובוהו
ווידער אַ בראשית בויען
אַז מען האָט פאַרגעסן ווי צו ציילן,
אַז מען ווייס ניט וואָס איז איינס?

האָבן מיר געזינדיקט?... אוי געזינדיקט!

ה

ס'האָבן גרויסע קענער,
כעמיקער, דאָקטוירים, אינזשינערן
אויסגעחשבונט, אויסגעצירקלט, אויסגעווירעט
מייסטערישע פּלענער
פון געשייטסטע טויט־פאַבריקן.
ווער זאָל אויספירן די מייסטערישע פּלענער?
ווער עס דאַרף אין אויוון ברענען,
וועמען ס'דאַרף די קויל דערהרגען,
וועמען ס'דאַרף דער גאַז דערוואָרגן —
זיי אַליין זאָלן זיך גרייטן זייערע טויטן.
קלאָפּן איבער שינעס באַנען אָנגעפּראָפּט,
לייב אויף לייב און קאָפּ אויף קאָפּ,
טאָג אויף טאָג אַלץ ליידיקער די גאַסן און די שטיבער,
אָבער די וואָס בלייבן איבער

גייען ווייטער נאָך דעם ריח פון אַ ברויטל
צו די באַנען, צו די טויטן.
— אוי, מען פירט דאָך אייך צום טויט!
נאָר דער ריח פון אַ שטיקל ברויט
זינגט אין נאַזלעכער, אין אויערן אַריין:
— ס׳קען ניט זיין! ס׳קען ניט זיין!...

וואָס איז איינס?
איינס איז ריח פון אַ שטיקל ברויט,
איינס איז אומגלויבן אין טויט,
איינס איז בלינדער, לעמישער בטחון:
איך בין איך און ניט מיין שכן.

איבער וויגן מאַמעלעך
וויגן קינדער איין מיט גראַמעלעך,
זיסע גראַמעלעך פון ראָזשינקעס און מאַנדלען.
מאַמעס — בריסטן קוואַרע זעקעלעך,
קינדער — קעפעלעך אויף דינע שטעקעלעך,
און דער טויט איבער די וויגן
מרוקעט צו דעם זיסן ניגון
פון די ראָזשינקעס מיט מאַנדלען...
טיף אין קעלערן, אין היילן אונטערערדישע,
ניט אַנטפּלעקט נאָך פון די שפּיר־הינט פון די מערדערשע,
צווישן מאַרגנדיקע הייליקע הרוגים
בליצן פלאַמען פון קורץ־שעהיקע זיווגים.
פינגער פלעכטן זיך און קלאַמערן די דורות
וואָס די שויסן וועלן קיינמאָל ניט געבוירן,
אַלע דורות וואָס דער מערדער וועט פאַרלענדן
גיסן אָן מיט זייער גלוסטעניש די לענדן,
און דאָס פיבערן פון דורות, דורות בלוטן
אין דער נאָענטקייט פון געבליבענע מינוטן.

וואָס איז איינס?
איינס איז מאַמעס ניגון
קינדער צו פאַרוויגן פאַרן טויט,
איינס — געזאַנג פון בלוטן,
אייביקייט אין די מינוטן פאַרן טויט.

אונטער הימלען קרייזן קראָען שוואַרצע סטאַיעס
איבער קופּעס מתים — הונגערס בייניקע שיריים.
ווי אין גריבער קראַטן קריכן קינדער טשאַטעס
אונטער ווענט פון געטאָ צו די גוטע שכנים
מיט די הונגער־אויגן אויסצואוויינען
שטיקלעך ברויט פאַר מאַמעס און פאַר טאַטעס.
און אין רחבותדיקע, פלידש און אַטלעסענע דירות,
מיט די ווייבער איינגעטונקט אין צירונג,
מיט די קינדער אין כל־טוב געבאָדענע,
ביי די טישן, די באַלויכטענע, באַלאָדענע,
זיצן די וואָס מאַכן דעם פאַרטיליקער
די פאַרטיליקונג אַ ביסל ביליקער
און זיי טיילן מיט אים די פּראָפּיטן
פונעם אייגן בלוט וואָס ווערט פאַרשניטן.
ס׳טראָגן ברויט אַהיים די היטערס אויף די ראָגן,
וואָס פון שטיבער, פון די הויפן יאָגן
מחנות צו די וועגענער און וואָגנס,
צו די אָנגעפּראָפּטע באַנען,
צו די גאַז־קראַנען.
און אין שכנות פון די גאַז־קראַנען
פאַר אַן איבעריקן לעפל בלאָטיקן געקעכץ,
פאַר אַ ווערעמדיקן ביסן
קנאַלן ברידער מיט די קנוטן לינקס און רעכטס,
טונקען זיך אין ברידערס גסיסה.

וואָס איז איינס?
איינס איז וואָלף אין די געדערים,
איינס איז שרעק פון בלינדע ווערעם.
איינס איז הינטישע רציחה
פון געקנוטעוועטע קריכער
אויפן שוועל פון טויט.

פינגער איינגעדאַרט פון דורשט און הונגער,
שלייפן קלאַפּן אויס די לעצטע ווײַלע.
אין פאַררוקטע שטיבלעך כיתות אַלטע, יונגע.

סקריפּעט אַ געזאַנג פון אויסגעדאַרטע מיילער:
— אוי, אמר אַביי!
בריען אַ פּאָר אויגן אויף מיט גרינעם פייער,
גאַרגלט אויס אַ קול: — זו תורה וזו שכרה!
ענטפערט מען אים: — ווילסטו די וועלט זאָל ווערן חרוב?
שרייט ער: — ס'איז די וועלט שוין סיי־ווי חרוב,
סיי־ווי חרוב — אוי, אמר אביי!...
אין חדרים קינדערלעך — ביינערדיקע נאַקנס —
ציילן פּרעהן אויס די עשר מכות
ביז עס כאַפּן זיי די כאַפּער אין די גאַסן.
און ביי לערערקעס און לערער אין די קלאַסן
גרייטן קינדער צו אַ שפּיל מיט לידער
וועגן חנהן מיט די זיבן זין
און די שלאַכטן פון די חשמונאים־ברידער,
ביז דער לעצטער פון די זיבן זין
און דער לעצטער פון די ברידער
פאָרן אָפּ מיט וועגענער און באַנען
צו די קאַלך־אויוונס און גאַזן־קראַנען.

וואָס איז איינס?
איינס איז תורה,
איינס איז קנופּ פון דורות,
איינס איז חיי עולם
וואָס ווי זשאַר אונטער פאַרלאָשענע קוילן
גליט אונטערן אַנגסט פון טויט.

און ווען לעצטע הרודעס
פון אַ פאָלק אַן אויסגעראָטנס
ווערן באַלד אויף אַש צעשאָטן,
קומען אויף צוריק יהודהס —
נישט צו ראַטעווען און שיצן,
נאָר אין דורות איינצוקריצן
אַ געדעכעניש פון שטאַרבער מיט כלי־זיין אין די הענט
צווישן ברענענדיקע ווענט,
אין אַ חורבה אַ צעריסענער

פון אַ שונא אַ צעבלוטיקטן, צעוואוטיקטן, געשמיסענעם.
פאַרן לעצטן יום־הדין
שטעלן אַלע זיך ווי זין —
אַלע ווייטע, אַלע נאָנטע,
די באַתפילינטע, באַפּאַנטע
די מיט רויט און די מיט ווייס און בלאָ —
אַלע זיינען דאָ
אין די דורות איינצוקאַרבן
אַ געדעכעניש פון שטאַרבער
מיט כלי־זיין אין די הענט
צווישן ברענענדיקע ווענט.

וואָס איז איינס?
איינס איז צעשטראַל פון גבורה
וואָס צום קדמונדיקן פורעם
פירט צוריק דעם מענטש.
איינס איז הייליקער צוזאַמען
וואָס איז פינצטערניש און פלאַמען
צינדט אָן אייביקייטן פאַרן מענטש.

אינעם אַש דאָ, צווישן שטיין און ציגל
איינסן, איינסן ווימלען
איינסן וואָס ווי ווייסע פליגל
פלאַטערן צו הימלען.
וואָס אָבער פון אַלע איז דער איינס, דער איינער,
שורש און יסוד?
ער איז אויך דאָ צווישן אַש און שטיינער.

ו

ער האָט זיך אויפגעהויבן. איך מיט אים.
געגאַנגען. אָפּגעשטעלט זיך — איר דערקענט עס נישט?
מיר ט׳זיך געדאַכט — דאָס רעשטל ברוק פון גאַס
איז מיר באַקאַנט. — דאָ בין איך אָפּגעזעסן יאָרן
און קוויטלעך אויסגעטיילט אויף קברים. איר געדענקט?

איך האָב דערזען דאָס גמינע־הויז, זיין טיש,
די טישן פון די אַנדערע באַאַמטע אַרום אים.
— איצט לאָמיר זיצן. וועט איר ווידער זען.

פון באַרג מיט שטיינער האָט זיך אויסגעשיילט אַ צימער,
אַ קאַבינעט. אויף ווענט פּאָרטרעטן פון רבנים,
מנהיגים. אין דער מיט אַ גרויסער שרייבטיש. אַרום טיש
פיר יידן שטייען — אויף די אַרבל בלויע מגן־דודס
אויף ווייסע בענדער. אַלע איינגעבראָכענע, געזונקענע,
ווי נאָך אַ לאַנגער מאַטערניש. דער שטייפּסטער צווישן זיי,
מיט אַ געוויקס פון דריי טאָג באָרד אויפן געגאָלטן פּנים —
דער עלטסטער. קעגנאיבער זיי אַ דייטש מיט צווי באַגלייטער —
אויף גאַרטלען רעוואָלווערן, אויף די אַרעמס — סוואַסטיקאַס.
ביים דייטש דאָס פּנים ציטערט. באַלד און די רציחה
וועט פונעם לעדער־טאַש דעם רעוואָלווער אַרויסכאַפּן.

דייטש:

איך זאָג צום לעצטן מאָל — איר האָט אומזיסט
זיך איינגעשפּאַרט. די הונדערט טויזנט דאַרפן מיר
אויף אַרבעט. די מלחמה מיטן שונא אויפן מזרח
האָט זיך פאַרשלעפּט. מיר דאַרפן אַרבעטער אויפן פראָנט.
און איר ווי אייזלען האָט זיך איינגעשפּאַרט. איר מיינט —
ס׳איז אונדז צום האַרצן שלאָגן אייך, פאַרהונגערן,
אין קאַרצער האַלטן? אָט שוין באַלד דריי יאָר.
געווען אַמאָל אויך מיספאַרשטענדענישן. אָבער אַלעמאָל
זיי אויסגעגליכן, זיך פאַרשטאַנען.

עלטסטער:

זיך פאַרשטאַנען.
אויך איצט פאַרשטייען מיר זיך גוט.

דייטש (צאָרנדיקער):

ווייסט איר דאָך —
ס׳וועט אייך נישט העלפן. אַז מיר וועלן דאַרפן
אַ הונדערט טויזנט אַרבעטער, וועלן מיר נעמען.

עלטסטער:

מיר זעען ווי איר נעמט. די ווייבער, קינדער, אַלטע לייט,
אַרויסגעשלעפּטע פון די היימען, אַנגעטריבענע

מיט בייטשן און פּיסטוילן צו פֿאַרגאַזטע פֿי־וואַגאָנען —
מיר זעען ווי איר נעמט די טויזנטער צו אַרבעט.

דייטש:
מיר פֿירן אַ מלחמה און מיר קענען נישט פֿאַרגינען זיך
אומזיסטע עסער שפּייזן. ווער ס׳אַרבעט נישט — מוז גיין.

עלטסטער:
אויך אין דער היים ביי אייך? אויך אייערע ווייבער, קינדער
און אַלטע לייט? אויך זיי ווערן פֿאַרגאַזט, פֿאַרברענט?

דייטש
(כאַפּט אַרויס דעם רעוואָלווער):
ווי וואַגסטו, הינטיש קויט, פֿאַרגלייכן אונדזער אַריש בלוט
מיט אייער אָפּפֿאַל?

עלטסטער:
כ׳וואַג, הער מאַיאָר, ווייל דער רעוואָלווער
אין אייער האַנט איז גרייט און מער ווי שיסן קענט איר ניט.
איר קענט אויך פּייניקן, פֿאַרפּייניקן. איר קענט אונדז אויך,
ווי אַלע טויזנטער, דורך גאַסן טרייבן און פֿאַרטרייבן —
איצט ווייסן מיר וואוהין. איר האָט דאָך אונדז אַליין
געגעבן אַ מלוכה דאָ. איז פֿירן מיר זיך אויך
ווי אַ רעגירונג. שיקן אויסשפּירערס אַרויס און ווייסן
וואָס ס׳ווערט מיט אונדז געטאָן. מיר ווייסן, הער מאַיאָר.
און ס׳לוינט זיך אונדז ניט מער אייך לאָזן גלויבן —
איר קליגט אונדז איבער. ס׳האָט זיך אונדז געלוינט
ווי לאַנג ס׳האָט זיך געדאַכט — מען קען נאָך עפּעס,
כאָטש עפּעס ראַטעווען. אָט פֿאַר דעם עפּעס האָבן מיר
געלאָזט פֿון אייך גענאַרן זיך, געבויגן זיך,
געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז מיר דינען אייך.
איצט לוינט זיך אונדז נישט מער. די שפּיל איז אָפֿן.
איר האָט נישט מער ווי טויט, טויט אויפֿן ראַנד
פֿון ברודער־קבֿר, אויף דער תּליה, אונטערן בייטש,
טויט אויף דער גאַס פֿון הונגער, אין וואַגאָן פֿון גאַז —
איר האָט די קונסט פֿון מאָרד דערפֿירט צו מייסטערשאַפֿט,
צו העכסטער מייסטערשאַפֿט. מען וועט פֿאַרגעסן קאַנט׳ן
דעם פֿילאָזאָף, און געטען דעם פּאָעט, און וואַגנערן,

דעם מוזיקער, נאָר אייערע מאָרד־קינסטלער און טויט־מייסטער
אויף אייביק וועלן דאָס גערמאַנענטום באַקרוינען
מיט זייער רום און גרויסקייט...

דייטש:

און די מענטשהייט
וועט אייביק דאַנקען אונדז וואָס מיר האָבן די וועלט
פון אייער עיפּוש אויסגעלייזט.

עלטסטער:

איר וועט נישט אויסלייזן.
אויך דאָס האָט איר געוואוסט: מיר האָבן וואָרצלען
געלאָזט אין אַלע עקן ערד און ס׳קען נישט אייער האַנט
אונדז אומעטום דערגרייכן. וועט איר דאָ פאַרטיליקן
דעם שטאַם, די וואָרצלען אויסרייסן, וועט אויפגיין
אַ נייער שטאַם מיט וואָרצלען אויף אַן אַנדער ערד.
האָט איר פאַרטראַכט — איר וועט נישט בלויז דאָס לעבן,
דעם מענטש וועט איר פאַרטיליקן, דעם נאָמען אונדזערן
אין קויט, אין ווערעמדיקייט, אין געמיינהייט אויסטונקען.
ווער ס׳דאַרף אין קבר גיין, זאָל זיך אַליין
דעם קבר אויסגראָבן. לאָך, וועלט, מיט אונדז
פון אָט די ווערעמדיקע ברואים! פאַר אַ פענעץ ברויט
קען מען די בעסטע זייערע אָפּקויפן. אָט זעט:
ווער טרייבט די טאַטעס מיט די מאַמעס פון די הייזער?
די זין, די אייגענע זין! ווער בייטשט די ברידער, שוועסטער
אין גאַנג צו שחיטה? אייגענע ברידער, בלוט וואָס איז
צעוווערעמט און פאַרסמט. געדענקט איר אָבער, הער מאַיאָר,
די מעשה מיט די מיידלעך? זיי אין באָד געשיקט
פאַר אייערע העלדן און געגאַנגען זיינען פערציק, פופציק
ריין־בלוטיקע אַריער זיך זעטיקן מיט יידיש לייב,
געגאַנגען און געפונען — טויטע. ס׳איז נישט אַנגעשטאַנען
די מיידלעך אונדזערע דאָס אַרישע בלוט. ס׳איז ליבער
געווען דער טויט. דעם טויט, דאָס איינציקע וואָס איר פאַרמאָגט,
מיט עקל אייך צוריק אַ וואָרף געטאָן אין פנים — — —

דייטש (מיט רציחה):

ווי לאַנג נאָך, ייד?...

עלטסטער:

טוט, הער מאַיאָר, אַ צי דאָס צינגל
און ס׳וועט זיין אויס.

דייטש:

כ׳וועל טאָן ווען איך וועל דאַרפן.

עלטסטער:

איז ביז איר גרייט מיר צו אַן אַנדער טויט, וועל איך
דאָס מייניקע דערזאָגן. איר מעגט טויזנטער
פון אונדזערע טעכטער אין די שאַנד־הייזער פאַרפייניקן —
די טויטע אויף די ווייסע בעטן האָבן אויסגעקויפט
די שאַנד פון אַלע. ס׳מעגן טויזנטער צו איך פאַרקויפטע
די ברידער זייערע פאַרראַטן — די וואָס שטאַרבן
מיט תפילות אויף די ליפּן וועלן אונדזער נאָמען ריינוואַשן
פון קויט פון די פאַרקויפטע. נישט געראָטן איך
די שפּיל. און אָט האָט איר פאַרטראַכט דעם קליגסטן
און שענסטן וויץ: אַליין די עלטסטע פון די יידן זאָלן אייך
דאָס פאָלק צו אויסשלאַכטונג דערלאַנגען. דאָ ערשט
וועט איר זיך אין די הויפּנס אָנלאַכן און אָנוויינען
דער וועלט: אָט זיינען אייך די עלטסטע פון דערוויילטן פאָלק————
דער וויץ איז נישט געראָטן.

דייטש:

האָסט דערזאָגט?

עלטסטער:

איך האָף, איר וועט עס פּינקטלעך איבערגעבן.

דייטש:

דאָס איז מיין זאַך

נאָר מאַכסט אַ טעות, ייד! ווען מיר וועלן מיט אייך
פאַרענדיקן, וועט אויך דער לעצטער לעבעדיקער וואָרעם
פון אייך אויף אַש פאַרברענט ווערן און ס׳וועט
נישט בלייבן קיינער צו דערציילן פון דער העלדישקייט
פון אייערע פרומע מיידלעך. ווער עס זאָל נישט זיין מיט וועמען
מיר וועלן פרידן שליסן נאָכן זיג — פון אייך
וועט קיין געדעכעניש נישט בלייבן. וואו איר זאָלט נישט
זיך האָבן איינגעלויזיקט אויף דער ערד — מיר וועלן אייך

מיט פייער אויסברענען. און יעדער אַנדער פאַלק נאָך אונדז.
כ'האָב אַ באַפעל צו געבן אייך נאָך צוויי שעה צייט.
איך וואָלט געקענט פאַרן אַוועקגיין אייך באַזוכן, צונעמען
די פלעשעלעך, איר זאָלט זיך נישט פאַר העלדן מאַכן
ווי יענע מיידלעך. טו איך עס נישט. אויב איר ווילט
מיט פלעשעלעך פאַרענדיקן — זענט איר ווילקאָמען.
דער שליסל אייערער צום דרויסן און צום שפּעטער איז
ביי אונדז. נישט איר, נאָר מיר וועלן דערציילן וועגן אייך.
וועל איך אייך טרעפן לעבעדיק צי טויט אין צוויי שעה צייט.

דייטש (מיט די צוויי באַגלייטער גייט אַרויס).

ערשטער פרנס:

דאָ האָבן מיר געהערט דעם פולן אמת.

צווייטער פרנס:

זיינעם בלויז.
ער קען נאָך די מפלה קריגן. ווייסן מיר עס דאָך אָן אים:
עס גייט אים שלעכט ביים רוס. ביז ער וועט אַלע
אונדז אומברענגען, חלילה, קען ער נאָך אַליין
אַ מיתה משונה איינעמען.

דריטער פרנס:

איז וואָס דעריבער?

צווייטער פרנס:

איך ווייס נישט, איך האָב מורא אויפן מויל אַרויסברענגען
די ווערטער — אפשר האָט ניט מיין אמונה קיין ממשות.
די טויערן פון רחמים האָבן זיך פאַרהאַקט און ס'איז
דער לעצטער פונק פון חסד אויסגעלאָשן. איך האָב מורא
צו זאָגן דאָס. איך קען נישט זאָגן. זייט מיר מוחל!
איך וויל חלילה נישט דעם מינדסטן שאָטן וואַרפן
אויף אייער יידישקייט, איך האָב ביי יעדן בלוטיקן נסיון
געזען וואָס פאַר אַ טייערע יידן איר זענט. נאָר איך —
איך בין אַ דאַוונער. איך וועל ביז דער לעצטער רגע וואַרטן
עס זאָל אַ נס געשען אַ נס. (וויינט) עס קען דאָך נישט
דער לעצטער פונק פון רחמים אָפּטאָן זיך פון אונדז.
איז דאַכט מיר — זייט מיר מוחל — אפשר אָפּשלעפּן,
פאַרציען, דינגען זיך מיט זיי, דערציילן אַז מען דאַרף

אַ וואָך, צווײ וואָכן אויף צונויפשטעלן די צעטלען, אָפּקלײבן
די הונדערט טויזנט... כ׳וויל די הימלען זאָגן: זעט,
אויך מיטן חלף אויפן האַלדז פאַרלירן מיר נישט דעם בטחון
איז מוזט איר אונדז מיט רחמים ענטפערן. איר מוזט.
מיר זײַנען גוזר אויף אײַך הימלען, איר זאָלט אונדז
מיט רחמים ענטפערן.

דריטער פּרנס:

איר רעדט אַזױנס וואָס אָפּווענדן
עס קען מען נישט. אמונה קען, דאַרף קענען בײַשטײן
די גרויליקסטע, די טויטסטע לאָגיק. האָב איך די אמונה נישט
און זע: דערוויַיל איז זײַער מאַכט נישט אײַנגעבראָכן.
און אַז מע שלעפּט צו פינף צו זעקס טויזנט אַ טאָג
און טויזנטער פון הונגער פאַלן — וויפל טעג אַזעלכע דאַרפן זײ
די לעצטע פון אונדז אומצוברענגען? איז די קשיא בלויז:
צי זאָלן מיר די מיטמערדער פון אונדזער פאָלק זײַן?
און אויב עס דאַרף אַ נס געשען און ס׳זאָל אַ רעשטל
פון אונדז נאָך בלײַבן. ווער גיט אונדז דאָס רעכט
צו וועלן אויפן חשבון פון די טויזנטער וואָס ברענגען יעדן טאָג
אין רעשטל בלײַבן און נישט גײן מיט די וואָס ברענגען שוין?

עלטסטער:

שוין באַלד דרײַ יאָר, און כ׳האָב אין הפקרדיקער העלדישקייט
זיך נישט געשפּילט. פון יענעם טאָג ווען מיר זײַנען אַוועק
צום קאָמענדאַנט די גזירה פון דער געטאָ אָפּשרײַען —
און אָפּגעשריען אויף אַ יאָר — האָב איך דאָס לעבן מײַנס
געטראָגן אויף די שפּיצן פינגער. און עס אָפּגעהיט.
נישט פאַר מײַן ווײַב און קינד. אויך נישט פאַר זיך.
מען האָט מיר אָנגעטרויט אַ פאָלק. פאַר זײ.
פאַר יעדן פיצל אָנהאַלט זײַערן אין לעבן האָב איך
דאָס מײַניקע געהיט. געלאָזט עס טרעטן, אויסלאַכן, באַשפּײַען,
אַנטקעגן יעדער שטראָמל בלוט וואָס האָט געפּלײצט
פון מײַנע אײַנגעשטיקטע וואונדן אויפגעשטעלט די טײַכן
און ימען בלוט פון פאָלק, אַנטקעגן יעדער שוואַרצער גרוב
וואָס האָט געעפנט זיך אין מיר געזען די וויסטע תהומען
וואו ס׳ווערט דאָס פאָלק פאַרזונקען. נישט פאַר זיך —

פאַר זיי — די הונגעריקע קינדער אויפן ברוק, די פּליטים
אין לאַנגע שורות נאָך אַ טראָפּ געקעכץ, די מיטן בייטש
צו קנעכט־אַרבעט געטריבענע, פאַר די פאַרשמיסענע,
פאַרפייניקטע — פאַר זייער אויסדויער, פאַר זייער חשיבות,
פאַר זייער יידיש וואָרט, פאַר זייער תפילה אויף די ליפּן,
פאַר דער נשמה זייערער האָב איך דאָס לעבן מיינס געהיט.
איצט דאַרפן זיי עס מער נישט. ס׳האָט נישט מער קיין זין.
פאַרקערט: זיי דאַרפן איך זאָל גלייך מיט זיי עס אָפּגעבן.
דער טויט איז אויך אַ ברכה. ס׳קומט מיט אים
אַ גרויסע העלקייט און ווען ס׳שטייט דער מלאך המות
ביים זייט און ציילט דיר די מינוטן, נעמט זיך אין דיין מוח
צונויף דאָס גאַנצע וויסן פון דיין לעבן און דו זעסט.
ווער זיינען זיי? ווער — מיר? אין אַלע שחיטות וואָס מען האָט
געשאָכטן אונדז האָט מענטש געדאַרפט אַ גאָט, ער זאָל
פון אים רשות נעמען צו שעכטן אונדז, צו ברענגען אונדז
פאַר אים אַ קרבן. מענטש אַליין פאַרמאָגט גאָרנישט
אַזאַ רציחה ער זאָל קענען טויזנטער פאַרלענדן
מיט אַלע מיתות משונות. אייביק בענטשט אים די רציחה
אַ, גאָט.

ערשטער פּרנס:

ס׳איז אמת.

צווייטער פּרנס:

אָבער יענער זייערער,
וואָס אין זיין נאָמען האָט מען אונדז געקוילעט אַלע דורות,
האָט כאָטש פאַרמאָגט אַ ביסל רחמים. אָנגעזעטיקט זיך
מיט אונדזער בלוט און אָפּגעלאָזט. דער ווערט נישט זאַט.

דריטער פּרנס:

ס׳איז יענער פאַרט געווען אַן אייגענער. געוואָלט
ביים טאָטן אַ בן־יחיד בלייבן און פון אים אַליין
די ערשאַפט איבערנעמען, האָט ער מיט די ברידער
געפירט מלחמה. אָבער פאַרט געווען אַ ברודער.
דעריבער ווילן זיי אויך אים פאַרטיליקן. פון צלם
אַ האַקנקרייץ געמאַכט — פיר שווערדן סקווער געבראָכענע
וואָס דרייען זיך ווי ווינטמיל־פליגל אויף אַ שרויף,
ווי אַ טייוולאַנישע מאַשין וואָס האַקט און שניידט.

עלטסטער:

דער גאָט פון צלם האָט געוואָלט אונדזער נשמה. דורך רציחה
אונדז רחמים, ליבשאַפט איינטיילן. זיין שרש נשמה איז געווען
אָן אונדזעריקער. שלאָגט נאָך וואו דער שרש אויך אין זיינע גלויבער.
ביים גאָט פון האַקנקרייץ איז אונדזער שרש נשמה־ליכט
וואָס טרייבט זיין מאַכט פונאַנדער, מוז ער אים פאַרטיליקן,
די שפורן זיינע אויסברענען פון צענטן דור, אין וויסטע זומפּן
אַזוי צעקנעטן די נשמה אונדזערע, אַז אויך אָן אומגעבראַכטע
זאָל זי אין וויסטע זומפּן פינצטערן. וואָס מער ער ווייס —
ער קען זי נישט פאַרטיליקן — אַלץ שוואַרצער זיין רציחה.
ער וועט זי נישט פאַרטיליקן. אָן איר איז פאַר דער וועלט
נישטאָ קיין קיום. מיט דער האַנט פון מלאך המות אויף מיין אַקסל
אויך איך זע זייער בראָך. זיי וועלן אויפגעריסן ווערן
פון אייגענער רציחה. און נישט זיי וועלן דעם דרויסן און דעם שפּעטער
דערציילן וועגן אונדז. די ציגל פון די ווענט, די שטיינער פון די גאַסן,
די ערד אונטער די שטיינער זיינען אונדזערע עדות
און זיי וועלן דערציילן וועגן אונדז. און דאָ, און איצט,
ווערט אָפּגעשפּילט אַ גורלדיקע שלאַכט. זייט מוחל, יידן!
קען זיין, איך רעד נישט ווי אַ ייד. עס טאָר גאָרנישט אַ ייד
קיין אַנדער כוח זען אַחוץ דעם איינציקן. און איך — איך זע
אַ וועלט־געפעכט פון צוויי יסודות און אויף אונדז,
פיר יידן אויסגעפייניקטע, איז אויסגעפאַלן צו באַשטימען
דעם גורל פון געפעכט. פיר יידן מיט פאַפּירענע קרוינען
און קלאָון־גלעקלעך, וואָס דער גרויסער מענטשן־פרעסער
האָט צוגעטיילט די זכיה צו זיין לצים פאַר זיין טראָן
און לעבן אַזוי לאַנג ווי זיי וועלן אים לעבנס ליפערן,
פון זייערע ברידער לעבנס אין די טויזנטער, אין צענער טויזנטער.
עס שטייען קעגנאיבער אין געפעכט מיליאָנען זיינע,
באַוואָפנטע מיט אַלע טויטן, און אַ הייפל — מיר — די פיר.
און וואָס איז אונדזער אויסוואַל? אומקומען
ווי צושטעלער פון ברודער־פלייש מיט קלאָון־קרוינען
און לאָזן די פאַרדאַרבער אויסשאַלן איבער דער וועלט:
די לעצטע פירער פון ישראל האָבן די נשמות
פאַרקויפט דעם טייוול — אָדער אויסטאָן פון די קעפּ די מיצלעך

און לאָזן וויסן די פאַרדאַרבער, די מיליאָנען זייערע,
דער וועלט פון הײַנט און וועלט פון אַלע צײַטן,
אַז איבער אַלע טויטן, אַלע שאַנדן, אַלע פּײַנען, אַלע זינד
גייט די נשמה אויף צוריק צום ריינעם שרש.

(ער זעצט זיך, די אַנדערע דריי בלײַבן שטיין)

איך קען אויף אײַך מײַן ווילן, ייִדן, נישט אַרויפצווינגען.
מיר טראָגן די אַחריות פאַר אַ פאָלק. מיר דאַרפן
מיט אונדזער ענטפער לאָזן וויסן אונדזערע ברידער וואו
מיר האַלטן — אפשר וועלן זיך געפינען שטאַרקערע פון אונדז
וואָס וועלן קענען געבן אויף אַן אַנדער ענטפער. און די וועלט,
די נאָענטע ווי די ווייטע, זי זאָל אויך — זי וועט —
דערהערן אונדזער ענטפער. אפשר וועט זי פאַרט מיט עפּעס
זיך דורכרייסן צו אונדז. נאָר יעדער איינער טראָגט אויך
פאַר זיך אַליין, פאַר ווייב און קינד אַחריות. גייט
און פאָלגט דער אייגענער נשמה. אין דער לעצטער שעה אַצינד

(ער שטעלט זיך אויף צוריק) **פאַרגעבונג ביי אײַך בעט איך**
פאַר אַלץ מיט וואָס איך האָב אין אונדזער אַלעמענס נסיונות
אײַך ווי געטאָן, פאַרבראָכן קעגן אײַך צי קעגן פאָלק
מיט פאַלשן חשבון אָדער אָפּשאַצונג, צי ווייל ס'האָט מיר
קיין שכל אָדער כוח נישט געסטייעט. לאָמיר זיך געזעגענען
ווי ברידער.

(פּרנסים ערשטער, דריטער דריקן אים די האַנט. דער צווייטער פאַלט מיט אַ געוויין אַרויף אויף אים. מע זעגנט זיך. מע גייט. אַליין — נעמט ער פון טישקעסטל אַ פלעשעלע אַרויס און שטעלט עס אויפן טיש פאַר זיך. ער שפּאַרט דעם קאָפּ אָן אויף די הענט, מאַכט צו די אויגן. עס שטעלן זיך אַריין צוויי ייִדן. איינער אין מלבושים פון מיטלאַלטערלעכן דייטשלאַנד, צווייטער פויליש־פּרוס. זיי גייען אויף די שפּיץ פינגער ביזן טיש, אַ רגע וואַרטן זיי).

דייטשער ייד (זייער ווייך):

דו האָסט נישט רעכט געטאָן, מײַן זון. ביי אונדז
אין מאַינץ, אין וואָרמס, אין אַלע הייליקע קהילות
וואו ייִדן האָבן אומקומען געדאַרפט אויף קידוש־השם
איז מען זיך נישט צעלאָפן יעדער איינער אין זײַן היים.
צוזאַמען איז מען אומגעקומען. טאַטעס האָבן צוגעזען
ווי אַנדערע טאַטעס קוילענען די קינדער, מאַמעס האָבן

אויף אַנדערע געקוקט און איינס דעם צווייטן האָט געגעבן
די גבורה בייצושטיין דעם פּחד פאַרן טויט און הייליקן
זיין נאָמען ברוך הוא. און זיכער די מנהיגים פון דער עדה.
מיר זיינען אַלע זינדיקע. און שטעלן זיך אַליין,
אַן איינציקער, קעגן השם יתברך און זאָגן: זעסט,
איך גיב מיין לעבן אָפּ פאַר דיר! איז צופיל גאווה.
אַ ייד, אויך ווען ער איז מקדש־השם, דאַרף די עניוות האָבן
צו זיין אַ שאָף בלויז אין דער הייליקער סטאַדע.

פּוילישער ייד:

אויך מיר, ווען ס'האָט די גזירה אָנגעטראָגן, זיינען
צוזאַמען אין די בתי־מדרשים, אין די הייזער אומגעקומען,
צוזאַמען אויפן הייליקן אָרט אַוועק, זיך קברים אויסגעגראָבן
און איינער לעבן אַנדערן זיך פון דער רשעות אָפּגעשיידט.

עלטסטער (הייבט אויף דעם קאָפּ צו זיי):

נישט גאווה, חס־ושלום, האָט אונדז אויף דער לעצטער שעה
צעשיידט און מיך געטריבן זיך אַליין אַוועקצולייגן
אויף מיין מזבח. איר, אין מאַינץ, אין וואָרמס, טולטשין, לובלין —
פאַר אייך, פאַר יעדן איינעם, פאָלק און פּרנס, טאַטע
און קינד האָט איינציק און אַליין געלויכטן בלויז איין נאָמען,
דער הייליקער, ס'האָט איין נשמה זיך אין אַלע אָנגעצונדן
און ס'איז די איינקייט פון דער איינער אויך געווען די הייליקונג
פון איינציקן. ביי אונדז זיינען פון אייער איינער נשמה
געבליבן שפּליטערס בלויז, אַ שפּליטער אויף אַן עדה
און ברעקל אויף אַ מענטש, געגנוג צו שפּירן הינטער וואָלקנס וואו
אַ שיין פון בלענדיקן שרש, אָבער נישט גענוג פון ליכט זיינעם
פאַרבלענדט צו ווערן און מיט פרייד אַנטקעגנטראָגן אים
צוריק דאָס לעבן. יאָ, מיר הייליקן, נאָר יעדער איינער האָט
אַן אַנדערן נאָמען פאַר דער קדושה, יעדער איינער דאַרף
פון זיך אַליין דאָס ליכט אַרויסשלאָגן וואָס זאָל אין קרבן
אַריינגיסן די פרייד פון אויסלייזונג. דאָס אויך
איז אויף מיין דור די שטראָף: פאַרשניטן ווערן ווי אַ דור
און אומקומען ווי זעמדלעך אין אַ שטורעם: יעדער איינער פאַר זיך.

דייטשער ייד:

אויך איצט, מיין זון, ביסטו צו האַרב צו זיך
און דור דיינעם. און אַלע גזירות און פּורעניות זיינען

נשמות שוואַכערע נישט בייגעשטאַנען דעם נסיון, אויסגעקויפט
דאָס לעבן מיט פאַרלייקענונג, נאָר אויך אונטער פאַרלייקענונג
האָט נאָך געגליט אין זיי אַ פונק, האָט זייער תשובה
דעם חטא פאַרוואַשן. ווער קען דען די עזות האָבן
צו זאָגן, אַז אַפילו ווען ער טראָגט אַליין צום האַלדז דעם חלף
טוט גאָרער בלענד פון שכינה זיך צו אים אַנטפּלעקן?
מיר אַלע ברענגען אונדזער קרבן מיטן כוח פון ניצוץ בלויז
און פאַרן ניצוץ, וואָס אין שעה פון אָפּשייד
באַהעפט אונדז מיטן אייביקן, זיין נאָמען לויבן מיר.
און די ניצוצות גליען אויך אין דיין דור. וועלכן נאָמען
איר זאָלט נישט אָנרופן די קדושה איז זי איינע.
און דו ביסט נישט אַליין. דעריבער זיינען מיר געקומען
צו דיר — מיט דיר צו זיין, דיין האַנט צו שטאַרקן אין נסיון
און דיין נשמה, אַ געלייטערטע, אַריינגעמען אין אונדזער עדה!

עלטסטער:

איך האָב די זכיה נישט פאַרדינט, אַז איר זאָלט זיך
מטריח זיין נאָך מיר און מיין נשמה וועט נאָך אומוואַגלען
אַ פרעמדע צווישן איך. אויך איצט איז נאָך דער שטראַל,
וואָס דאַרף דעם ניצוץ אָנקניפּן אין קוואַל, פאַרוואַלקנט,
פון מיר פאַרהוילן. ווי קען די נשמה זיך צום שרש אומקערן
אַז מיינע אויגן זעען נישט דעם לייטער? און דערזען אים מוז איך
אַליין. דאָס איז דער גורל פון מיין דור: אַליינקייט.
און די אַליינקייט בייקומען, זיך איינקויפן די זכיה
אין אייער עדה צו געהערן, מוז איך אויך אַליין.
דעריבער טוט מיט מיר אַ חסד, לאָזט מיך מיט מיין גורל.

(די צוויי טוען זיך אָפּ. אַליין — שטעלט ער זיך אויף מיט צוגע־
מאַכטע אויגן, שטייט אַן איינגעבויגענער און אָנגעשפּאַרטער אויפן
טיש).

צו דיר וואָס כ׳האָב דעם נאָמען דיינעם אויסגעביטן
אויף אַלע מינים קלוגשאַפטן,
צו דיר, יסוד, קוואַל, איינציקער,
צו דיר, וואָס איך דאַרף דעם פּקדון אומקערן אַצינד —
אַליין, אַ ליידיקער, אַן אויסגעהוילטער קום איך
און בעט:
כ׳וויל קענען אָנרופן דיין נאָמען,

כ׳וויל זען די האַנט וואָס נעמט צו דעם פּקדון.
איך האָב געקענט אָן דיר זיך פּלאָנטערן אַ לעבן,
אַמאָל זיך איינריידן, אַז איך טו רעכט
און אָפּטער בלאָנדזשען אַ צעטומלטער,
נאָר שטאַרבן אָן דיר קאָן איך נישט.
ווייל לעבן איז אַ סך,
ווייל לעבן איז צעוואָרפן איבער טעג און רגעס,
און ס׳טוט אַ שימער שיין, אַ פֿלעמל פון איין העלער רגע
די טונקלקייט באַלויכטן פון די אַנדערע
ביז ווידער שימערט אויף אַ שיין,
און טויט איז איינס,
נישט מער ווי איינס
און ס׳קען דאָס איינס פון טויט נישט אויפגיין
מיט קיין דערלייזנדיקן ליכט
ווען ס׳איז פאַרהוילן הינטער כמאַרעס
דאָס איינס פון קוואַל פון אַלע ליכטן.
איך ווייס — ביסט דאָ.
וואָס כ׳האָב אין זיך גערופן מענטש — ביסטו.
וואָס כ׳האָב גערופן פאָלק — ביסטו.
וואָס ס׳האָט מיין רוקן איינגעבויגן צו די קראַנקע קינדער אויף דער גאַס
און זיי געגלעט מיט מיינע הענט — ביסטו.
וואָס ס׳האָט מיר כוח געגעבן בייצושטיין
דעם מערדערס בלוטיקן שפּאָט — ביסטו.
וואָס ס׳האָט געפירט מיין צונג מיט גלאַטע רייד
און איבערמענטשלעכן געדולד — ביסטו.
און דו ביסט אויך אַצינד אין מיר דער ווילן און כוח
דעם לעצטן טייוולשן נסיון בייצוקומען.
ס׳איז דו, דו, דו.
נאָר אָנקניפּן דעם דו אין אַלץ וואָס פּלאָטערט אין מיר איצט
און לאָזן זיך פון אים פאַרפלייצן
און זיך אַריינגיסן אָן איינס אין אים,
אָן איינס אין איינס —
פאַרוואָס פאַרמאָג איך עס נישט, טאַטע?
פאַרוואָס זאָגסטו מיר אָפּ דעם לעצטן חסד?
פאַרוואָס? פאַרוואָס?

כ׳האָב דיך געלעסטערט.
כ׳האָב מיט אַ ווייל צוריק ערשט קעגן דיר געשטעלט
די פינצטערניש, רציחה, בייז —
כ׳האָב נאָר גערעדט דאָס לשון פון מיין דור,
כ׳האָב די נשמה, די צעבראָכענע, פון דור
מיט גאַנצקייט געוואָלט אָנגיסן
און גרייטקייט פאַרן קרבן
פאַר דיר, פאַר דיר.
אויך מיינע, מיין צעבראָכענע נשמה —
פאַר דיר, פאַר דיר.

פאַרוואָס ?
פאַרוואָס זאָלסטו פון מיר פאַרלאַנגען,
אַז אין דער לעצטער רגע
ווען הינטער אַלע פלאַטערנישן ווייגט פון מיר
בלויז איין פאַרלאַנג — צו קענען אָנרופן דיין נאָמען —
זאָל אויך דער איינער אויסגיין אין געוויין ?
ווייל איך בין אַ שליח פון די טויזנטער
וואָס אונטער בייטש און ביקס ווערן געטריבן
צום טויט פון פיין, פון שפּאָט, פון לעסטערונג,
און איך מיין אומקום האַלט אין האַנט
און בין כאַטש אויף אַ רגע
אַ האַר איבער אַ רגע לעבן.
און אפשר נאָך עפּעס פאַרפעלט.
און אפשר האָב איך צווישן די געטריבענע צום אומקום
געדאַרפט זיך אויפשטעלן אַנטקעגן דיר
און שעלטן,
פאַר אַלע טויזנטער,
מיט אַלע טויזנטער דיך שעלטן
און ס׳וואָלט די קללה אויך געווען פון דיר און דו.
ווי האָב איך עס געקענט אַז כ׳זע דיך נישט
און קען נישט אָנרופן דיין נאָמען ?

איז אויב דיין ווילן איז
פון מיר אָוועקצונעמען אַ נשמה אַ פאַרטונקלטע,

צעבּרעקלטע, פֿאַרלוירענע און בלינדע —
ס׳איז דיינע! נעם זי!
ער טרינקט פֿון פלעשעלע און פֿאַלט צוריק אין שטול מיט צו־
געמאַכטע אויגן. ס׳שטעלן זיך אַריין צוריק דער דייטשער ייִד,
דער פּוילישער, מיט זיי אַ גאַנצע עדה, וואָס רינגלען אים אַרום און
פילן אָן די שטוב. מע זעט אים נישט. עס הערט זיך בלויז זיין
קול):
— איך זע! איך זע!
(און ס׳ענטפֿערט די גאַנצע עדה אין איין קול):
— שמע ישראל.

ז

ס׳קול האָט זיך פֿאַרלאָשן, נאָר דער הייזעריקער גלי
פֿון צעפּלאַמטן גאַרגל האָט נאָך אין די אויערן געבריט
און ס׳האָט פֿאַר די אויגן זיך אַ בראַנד געוואַלקנט
איבער הורבעס קאַלטע ציגל. כ׳האָב געוואַרט:
באַלד וועלן די ווערטער זיינע קומען אָפּקילן דעם גלי.

ער:

וואָס האָט איר געזען?

איך:

זיך האָב איך געזען אין די גלגולים מיינע.
ערשטער — איך אַליין.
שפּיר דעם מקור, גאָר זיך אויפֿצולייזן
אין באַהעפטונג מיטן איינס,
קען זיך פֿון מחנות איינסלעך נישט אַרויסרייסן.
צווייטער — זיידע מיינער.
העלע תמימות זיינע
האָבן בייזע קלוגשאַפֿטן אין מיר צעשטויסן —
כ׳קען זי נישט צוריק צונויפֿשמעלצן.
דריטער — חלום מיינער.
פֿון די פֿונקען קדושה
אויפֿצינדן צוריק אַ גאַנצן פֿלאַם,
אויפֿברענען אַליין אין אים אין גאַנצקייט.
און געזען די דריי זיך אָפּגעבן דעם טויט.

ער:

טויט איז טיר צום איינס.
האַנט פון טויט ביים גאַרגל איז נסיון.
האַנט פון טויט ביים גאַרגל איז מאַגנעט
וואָס פון אונטער אַלע שפּענער, אַשן, מיסטן
ציט אַרויס די פונקען קדושה,
נעמט זיי אין אַ פלאַם צוזאַמען
און באַהעלט די חושכן פון אייביק.
דורך נסיון טוט זיך אייביקס ליבשאַפט
צום באַשאַף זיינעם אַנטפּלעקן.
ווען מיר ווערן אָפּגעפרעמדט פון אים
און פאַרזינקען אין דער נישטיקייט פון רגעס,
אין די פלאַטערדיקע שימערן פון איצטיקייט —
טוט אונדז אייביק דעם נסיון שיקן
דורך דער האַנט פון טויט
און באַלויכט אונדז זיינע סודותדיקע פינצטערנישן
און דערנענטערט אונדז צוריק צו זיך.
יעדער גלגול אייערער — אַן אַנדער טיר
דורך נסיון צו באַהעפטונג מיטן איינס.
ערשטער דורכן צווייטן פירט צום דריטן.

איך:

און דער דריטער האָט זיך אַנגעצונדן
און פאַרברענט געוואָרן דאָ אויף אַש.
אָנגעצונדן, אויפגעפלאַמט און אין די פלאַמען
סוד פון זיין צונויפשמעלץ מיטן אייביק
מיטגענומען אין פאַרהוילעניש פון אייביק.
איך אויפן בית־עולם פון מיין דור
טרינק זיך ווייטער
אין אַ מבול שוואַרצן אומזין.

ער:

זינדיקט נישט!
צווישן בערג חללים, מיטן טויט ביים גאַרגל
זיינען יידן דאָ געזעסן
און געגריבלט זיך אין סוגיא׳ס —
סוגיא׳ס פון דער אַלטער און פון נייע תורהס —

אין דער שוואַרצקייט אָנצוצינדן זיך נר־תמידס
און אין זייער ליכט אַ זין אַרויסצולערנען
פון די צייכנס אויף די שוואַרצע בלעטער.
אייך האָבן די דריי גלגולים איירע
און מיט זיי אומצאָליקע מאָל דריי
אויפגעלויכטן ווי נר־תמידס
איר זאָלט אין דעם ליכט פון זיי
אין די שוואַרצע בלעטער תורה לערנען.

איך:

מיך וועט ביזן לעצטן אָטעם וואַרגן
שטומער ווי איבער מיליאָנען
וואָס דער שטן האָט צעטראָטן
און באַשפּיגן און געשענדט
איידער ער האָט זיי אין קאַלך־אויוון געוואָרפן.
וואָס צעצונדענער דער פלאַם פון די נר־תמידס,
פינצטערער די אוממאַכט און דער גוואַלד.
שניט פון לעבנס, לעבנס, לעבנס וואַרגט מיך.
אַלע תורהס ווערן איינגעפראָרן
אינעם טויטן גליווער
פון אַ מאַמען מיט אַן עופעלע אין אָרעמס
ביי דער טיר פון גאַז־קאַמער.
כ׳קען נישט לערנען.
לערנט איר!

ער:

אפשר קענט איר נישט.
תורה אין רציחה
דאַרף מען לערנען אַן דעם שוידער פאַר רציחה.
און דער שליסל אייערער צו וועלט, צו מענטש, צו תורה
איז אַ וואָרט
וואָס ווערט איינגעשרומפּן און פאַרשניטן פון רציחה.
ס׳דאַרף אַן אַנדער וואָרט זיין.
ס׳וואָרט וואָס איז פון אַלע רשעותן און ליבשאַפטן
און טויטן און געבוירנס אייביקער.
ס׳וואָרט פון איינס.

איך:

וואָסער וואָרט?

ער:

וואָס האָט אָפּגעשיידט די אויפגעצונדענע נר־תמידס
פון די ברידער,
די צעטראָטענע, באַשפּיגענע פון שטן?
בלעטערט די מגילות פון די דורות,
ווער ס'איז אויפגעגאַנגען אינעם פלאַם פון שייטער־הויפן,
ווער ס'האָט אויפן האַלדז פון זיינע קינדער
און אויף אייגענעם געלייגט דעם חלף,
און ווער ס'האָט געלאָזט זיך אויסמעקן פון שטאַם
און דאָס בלוט מיט פרעמדע אויסמישן,
אָפּגעגעבן זיך דעם באַצווינגער,
וואָס האָט אָפּגעשיידט די איינע פון די אַנדערע?
ווערטער.
ווערטער צוויי.
שליסלען צוויי צו וועלט און מענטש.
לאָמיר אויפמישן אַ בלאַט אין בוך פון אומקום,
וועט איר הערן איינס.

(ער ווערט אַנטשוויגן. פאַר די אויגן וואַקסט אַ צימער אויס, אַ טיש אַ נאַקעטער, אַ שראַנק פון ספרים אויסגעליידיקט, אַ סאָפּקע, שטולן. ס'זיצט ביים טיש אַ פאָטער אַ צעשאָקלטער, מיט אים אַ זון. אַ קראַנקע טאָכטער אויף דער סאָפּקע, אַ מוטער לעבן איר. ביי אַלע־מען די בגדים אָפּגעריבענע, די פּנימער פאַרהונגערטע. דער פאָטער שאָקלט זיך).

פאָטער:

זאָל דאָ כאָטש, יאָסל, אויפהערן דאָס פוצן זיך
אין זייערע פעדערן און לאָזט אונדז שטאַרבן ווי מיר שטאַרבן.
מיט וואָס איז טויט אין שלאַכט געהויבענער ווי טויט פון הונגער?
ס'איז זייער תורה. ס'איז נישט אונדזערע.

יאָסל:

אויך אונדזערע.
די טאַטעס וואָס האָבן געלאָזט די שווערדן ווי חלפים בודק זיין
צו שעכטן זיך און זייערע קינדער, האָבן אויך געזאָגט
דעם שונא: זעסט, מיר האָבן פאַרן טויט קיין מורא נישט,

ווייל אונדזער לעבן ווערט נישט אָפּגעשניטן מיטן טויט.
מיר נעמען עס אַוועק ביי זיך מיט אייגענע, מיט ריינע הענט.

טאַכטער

(פון סאָפּקע קוויטשעט אויף ווי אַ געשטאָכענע. עס וויקלט זיך
דער קוויטש ווי לאַנגער חיהשער געוואָי):

מוטער:

הערט אויף אַמאָל!
וואָס איז באַשערט וועט קומען, אָבער לאָזט אַ ווייל פאַרגעסן
כל זמן מע זשיפּעט.

פאָטער:

וואָס קען איך איר העלפן?
פאַר מיינע, נישט פאַר אירע, זינד ווערט זי באַשטראָפט.
איך האָב געלאָזט זיך איינריידן — די צייט פון בלוטיקע
נסיונות איז אַריבער און געהאָדעוועט אַ קינד פאַר לעבן,
פאַר עולם הזה, נישט פאַר פאַלק וואָס טויט ביי אים
איז בלויז אַ שפּאַן צום עולם האמת. מאָנט זי איצט
איר לעבן. ווען זי קען איר לעבן ראַטעווען ביים שונא,
וואָלט זי צו אים געלאָפן. אָבער שונא וויל נישט מער
נשמות ביי אונדז קויפן — האָט זי נישט וואָס צו פאַרקויפן.

טאַכטער (שרייט אויף):

איך האָב, איך האָב! כ׳וואָלט אויך מיין לייב צו זיי פאַרקויפט
אַפילו פאַר אַ יאָר, אַפילו פאַר אַ חודש לעבן.

(מען ענטפערט איר נישט. ס׳קומט אַריין אַ בחור אין היטל און
אין אַרעמבאַנד פון יידישן פּאָליציאַנט. ער טראָגט צום טיש אַ פּעקל,
לייגט אַרויס אַ ברויט און פּרוכט און בלעכלעך מיט קאָנסערוון).

מוטער (צו דער טאָכטער):

זעסט, מיכל איז געקומען. כ׳וועל באַלד מאַכן עסן.

יאָסל (שפּרינגט אויף):

פון וואָס? נישט ברויט האָט ער געבראַכט. ס׳איז לייב,
ס׳איז טויטער לייב פון די וואָס ער האָט אָנגעיאָגט
אויף שחיטה פאַר די מערדער. גיב דער שוועסטער עסן
דאָס לייב פון מתים וואָס דער ברודער האָט געקוילעט.

פאָטער:

ס׳איז אמת, מיכל? זאָג דעם אמת!

מיכל:

כ׳ווייס נישט.

איך בין דאָרט נישט געווען.

יאָסל:

און אַנדערע זיינען געווען

און ווייסן. ער ווייסט אויך. און אויב ער מיינט, אַז ער

וועט זיך אַרויסדרייען פון זייערע הענט, מאַכט ער אַ טעות.

זיי וועלן אַזוי לאַנג אים לאָזן שלעפּן אַנדערע און אונדז

צום טויט ביז ער וועט האָבן אָפּגעטאָן זיין אַרבעט.

דערנאָך וועט ער ווי אַלע גיין.

מיכל:

און אַז איך ווייס — איז וואָס ?

די וואָס איך נעם צונויף — אַלץ איינס דאַרפן זיי שטאַרבן.

צי ערגעץ פון אַ קויל, צי דאָ פון הונגער — ס׳איז אַלץ איינס.

ס׳איז גרינגער פון אַ קויל, און ווען זיי האָבן וואָס צו עסן,

וואָלט קיינער נישט אַוועקגעשענקט אַ ביסן קיינעם. כל זמן

מע לעבט וואָלט מען מיט ציין און נעגל זיך געהאַלטן

ביים טראָפּן לעבן. מאָרגן איז דער טויט — איז היינט נישטאָ

קיין יושר און רחמנות און מאָראַל. ווערסט דאָרט, אויף יענער זייט

מיך קומען אַנקלאָגן מיט דיין מאָראַל. דאָ לאָז מיך לעבן.

פּאָטער:

אויב ס׳גייט אין נאָך אַ לעבל ברויט פאַר דיר און פאַר דיין שוועסטער —

און מיר איז דאָך אַלץ איינס צי דאָ פון הונגער אָדער דאָרט

פון עפּעס אַנדערש — נעם מיך אויך. די מאַמע מיטן ברודער אויך.

וועסט אויך פאַר אונדז דריי ברויטן קריגן.

מיכל:

לאָזט מיך לעבן !

ח

טוט זיך אַ לאָז צו דער טיר, צעעפּנט און פאַרשווינדט. מיט אים רינט
אויך דאָס צימער אויס. ס׳איז ווידער שטיל).

ער:

דאָס איז איין וואָרט — לעבן.

וואָרט וואָס האָט אַריינגעזויגן

אַלע אַטעמס פון באַשאַף —
אַלע הייליקייטן, אַלע טומאהס און רציחות.
ער — צוליב אַ ברויטל פאַרן וואָרט
האָט זיין לייב און בלוט געשלעפּט צו שחיטה,
די באַפעלער זיינע פאַרן וואָרט
האָבן מיליאָנען אויסגעשניטן און צעטראָטן,
אייך האָט שניט פון וואָרט פאַרשאָטן די געהירן
מיט אַ בריענדיקן אַש,
איז נישטאָ אין אייך קיין קילער אָטעם פון מחשבה
פאַר דער תורה פון נסיון.
דאָס איז איין וואָרט — לעבן.

איך:

און דאָס צווייטע?

ער:

ס׳איז דאָס וואָרט פון איידער.
איידער ס׳איז געוואָרן וועלט און מענטש און חושים.
איינמאָל האָט איר עס געהערט, דאָס וואָרט,
און ס׳האָט אייך געהייליקט,
איז די הייליקונג געוואָרן אייער גורל.

איך:

ווען האָב איך געהערט דאָס וואָרט?

ער:

ביים באַרג סיני.

איך:

דאָרט האָט בורא עולם
פאַר די אָבות אָנגעטאָן זיך אין אַ נאָמען.

ער:

וואָס איז נאָמען?
ס׳איז אַ צייכן וואָס דער מענטש אין זיין פאַרלאָרנקייט
האַלט זיך אָן ביי אים
צו דערקענען זיך אַליין.
ס׳איז די שוץ פון קינד
קעגן פּחד וואָס אין וועלט.
ס׳איז דער שטעמפּל פונעם איך

אויפן שטיקל לעבן וואָס איז אים געשאָנקען.
ס'איז דער פּאָדעם פאַר די פלאַטערדיקע רגעס לעבן
אַז זיי זאָלן נישט צעשאָטן ווערן
אין דער אימה פאַרן טויט.
דאָס האָבן די אָבות, די צעשראָקענע, די קינדישע,
דאָס אַנטפּלעקטע וואָרט פאַרנאָמענט
און דערנאָך דורך אַלע דורות
צווישן וואָרט און נאָמען זיך געשטויסן.
נאָר אַנטפּלעקט האָט זיך אַ וואָרט.
בלויז אַ וואָרט.
און פון אַלץ וואָס אָדם־מענטש
האָט אין זיינע טויזנטער צי מיליאָנען יאָרן
אויסגעשפּירט אין זיך און אויסער זיך
איז דאָס מדברדיקע וואָרט פון איינס,
פונעם אייביקן און אומבאַנומענעם,
אַלץ דער מקור נאָך פון אַלע וויסנס און אַנטפּלעקונגען.

איך:

נישט קיין שם המפורש־וואָרט?

ער:

קוקט אַריין אין פסוק:
אל און אלהים — זיי זיינען חי און חיים־לעבן.
דאָס וואָס איז געוואָרן שם המפורש,
ס'וואָרט וואָס טייטש דערפון איז זיין — איז צבאות:
מאַכט, צעלויכטונג,
אויסשטראַלונגען, ווערנס פונעם זיין.
זיין איז מקור, לעבן איז באַשאַף.
זיין איז וואָרט און לעבן איז מיליאָנען נעמען.
זיין איז איינס און לעבן איז אומצייליקייט.
זיין איז וועלטס און לעבן מיינס.
זיין איז איך אין אַלע אייביקייטן,
לעבן — איך אין דער געשפּירטער רגע.
און אַז פסוק בינדט צונויף די צוויי און זאָגט:
יהוה אלהים,

זיין און לעבן
איז עס גאָר די תורה
און דער גאָרער גאַנג פֿון מענטש ביז לעצטן דור:
אינעם לעבן צו דערשפּירן זיין
און זיך אָנקניפּן אין זיין
און פֿון די אומצאָליקייטן אויסשמעלצן דעם איינס
און אין מיליאָנען נעמען צו דערהערן —
וואָרט.
דאָס איז גאָר דער גאַנג פֿון אונדז דורך דורות
דורך עבודה זרהס און רציחות,
דורך פֿאַרבלענדענישן, זינד און לייטערונגען
פֿון דער גאָלדענער קאָלב אין מדבר
ביז די בלאָנדזשענישן אייערע און מיינע,
ביזן לעצטן גרויליקן נסיון,
ביזן אַש אונטער די פֿיס ביי אונדז.

איך:

ביז די עופֿעלעך צעשמעטערטע?
ביז די קינדער אין די גאַז־אויוונס?
ביז די זשיפּענדיקע בערג חללים אין די גריבער?

ער:

אויך ביז דאָס. און ווייטער.
ביזן ווייטסטן דור,
ביז משיחן
ווען די חושים וועלן זיך אַזוי צעעפֿענען
קעגן אומבאַנומענקייט פֿון זיין
ווי ס׳צעעפֿנט זיך אַ בלימל קעגן זון
און ס׳וועט יעדע רגע לעבן
ווערן אָנגעגאָסן
מיט דער אייביקייט פֿון זיין.
דאָס איז גאָר די תורה.
מישט די בלעטער אויף און איר וועט זען.

ט

דער בראַנד פון חורבן איז געווען שוין איינגעלאָשן.
אין מיר אָבער דער שווייגער האָט נאָך אַלץ געקייט
די שטיקער שטומקייט הינטער שטייפע ליפּן
און ס'האָט דער קנופּ פון איינגעקנוילטן לשון
פאַרשטעקט זיך אין אַ הייל אַ פינצטערער —
נישט אָנצוטאַפּן און נישט אויפצוקניפּן.
האָט אָפּגערופן זיך דער אַנדערער,
דער גלויבער, דער פאַרעקשנטער:
— ס'איז דאָ אַ צייט פאַר שוויגן און אַ צייט פאַר רייד.
די ברודער־קברים זיינען שוין פאַרשאָטן,
די גאַזן פון די וואַרג־אויוונס צעווייט,
די האַלעוועשקעס האָבן זיך אויף קויל צעשאָטן
און לעצטער פונק האָט אויסגעטליעט אויפן קויל, —
און אויב דו קענסט נאָך אַלץ נישט עפענען דאָס מויל,
איז שפּילט מיט דיר אַ שפּיל דער שטן.
דאָס האָט דער ימח שמו אַזוי זיך אָנגעקליידט
אין צער וואָס האָט דאָס לשון דיר פאַרקנוילט,
אין אומבאַנומענקייט, אין שטומען גרויל —
זאָלסט מיטן טערפּקען האָניק פון מאַרטירער
דאָס זאַטע ברויט מיט פוטער קענען שמירן
און אָפּשטומען אין נישט די רעשט פון דיינע טעג.
צערייס דעם כישוף פון פאַרקנוילטן צער,
צערייס די נעץ פון פאַרכטיקן גענאַר
וואָס ער האָט אַרום דיר אַרומגעשפּינט,
און אויב דו קענסט נישט דאָ, פיר אים אַהין
וואו מ'האָט דעם דור דיינעם פאַרשניטן
און מיט די קברים־דערנער, מיט די שטיינער־שפּיצן
צערייס, צעברעך, צעפּיצל
פון איבער דיר זיין שליטה.
אויב שטום די צונג, איז דאָך דאָס אויג נאָך זעעוודיק,
און דאַרפסט דאָך נישט קיין שיפן, באַנען, עראָפּלאַנען
צו ברענגען דיך פון דאַנען

אַהין צוריק. — —
אַזוי האָט דעם פאַרקנוילטן צער
דער גלויבער מיט די רייד זיינע געפליקט,
און ווייל איך האָב שוין לאַנג אויף אָט די רייד געוואַרט
האָב איך געפאָלגט און בין אַוועק.
הינטער מיר געפייף פון רויכיקע מאַשינעס,
שנאָבלען אייזערנע צעפליקן שטיקער שוואַרצע ווענט,
קראַכט אין שטויב וואָס נישט צעריסן פון די מינעס,
הורבעט זיך אין אַש וואָס בראַנד האָט נישט דערברענט.

וואַרשע וועט זיך אויסשיילן פון שמאַך אירן און חורבן,
אויסצירן אויפסניי אין מאַרמאָר און בעטאָן.
וואו עס האָט דער שונא בראָך אויף שאַנד געהורבעט
פלאַטערן וועט העכער די ווייס־אָדלערדיקע פאָן.

מיר אָבער פאָרויס פון וואו געווען איז גרזשיבאָוו
מיילן וויט —
גרינע וויסטעניש און שוואַרצע גריבער,
גרויל פון אָפּגעשטעלטער צייט.

אויגן אויף אַ רגע צוגעזשמורעט
זעען וואָס געזען:
מויערדיקע בינשטאָקן אין שורות,
ברוינע, געלע, רויטע ווענט,
קראָמען, טירן, גייער, שפּאַנער,
היטעלעך באַפּעדערטע, קאַפּאָטעס, ווייכע היט,
פּאָרלעך אין די רעסטאָראַנען,
בערד צעשמייעטע ווי פון יאַריד,
ווייבער ביי וויטרינעס,
קינדער אין געיעג,
געלע טראַמען אויף צעגלאַנצטע שינעס,
דראָשקעס, וועגענער געפּעק.

אָבער ס׳איז מיראַזש בלויז, שטיקער ווענט פאַרשוואַרצטע
טרעפּלען זיך פון ערד אַרויף אין גרויליקן געדריי.
גרינע פלאַכטעס ווילדע גראָזן בערגלדיקע שטאַרצן
ווי סקעלעטן וואָלטן זיך געהורבעט אונטער זיי.

מאַכסט אַ טראַט און ס׳עפענען זיך היילן־לעכער,
מייז צי מתים וועלן באַלד אַרויסשפּרינגען פון לאָך.
פלעכט זיך שלאַנג צי שטעכל־גראָז אַרום די קנעכל,
טרעטסטו איבער לייבער אָדער ווייכן מאָך?

אויגן זעען מער נישט. אויגן נעמען הערן,
ס׳גייט פון יעדן טראַט אויף אַ געוואָרגענער געברום,
און געברומען ווידער שטייגן אויף ווי דערנער
און די דערנער וואַקסן, פלעכטן דיך אַרום.

דורכן דזשאַנגל דערנער ווי פון בראַנד געצונדן
ברעכסטו זיך און ס׳רייסט דיר פּנים, הענט און לייב.
שרפעדיקע זיסקייט בריט דיר אויף די וואונדן,
תאווהדיקע בייטש צו נייע פּיינען טרייבט.

פיס געליימטע פּלאָנטערן זיך, שפּרינגען, הינקען,
זינקען איין אין אַ מין טייוולשן געפלעכט
און דאָס לייב און די געהירן זינקען
אין אַ קלעפּעדיקן פּעך.

אין פּעכיקן דרימל פאַרזונקען גיי איך איבער אַ גאַס.
אַ גאַס — אַ מין דורכגאַנג. פון אונדזערס צו זייערס.
דורך דאַנען — פון נאַלעווקעס, גענשע און דזשיקע,
פון אונדזערע קראָמען, געשעפטן, וואַרשטאַטן, פאַבריקלעך,
פון אונדזערע גאַרקיכן, בתי־מדרשים און שטיבלעך,
פון אונדזערע הייזער מיט לייכטער, מנורות און שווערע קאַמאָדן.
טוט שפּאַנען אַ יוגנט צו זיי — צו דער אָפּערע, דראַמע,
צו זייערע בוכהאַנדלען, שווי־פענצטער, פאַרקן, אַלייען.
פון איין זייט מלוכה־געבייען, און צווישן זיי, טיפער,
דער טעמפּל וואו וואַרשע קומט כאַפּן די שטיפערישע
און פאַרשייטע מעלאָדיעס און ווערטלעך פון אָפּערעטעס,
און פונקט קעגנאיבער — די יידישע קראָמען
מיט שווי־פענצטער — ניי־וועלט און מאַרשאַלקאָווסקע
און קרעמער און קרעמערקעס — געגשע און נאַלעווקעס.
און אויך אין אַ הויף — אַ טעאַטער, וואו איינמאָל
באַווייזן פאַרפּודערטע שאַנסאָנעטעס די היפּטן
אין ראַזן טריקאָ און זינגען נבול־פּה לידלעך

און ס׳צווייטע מאָל גייען כאַריסטן מיט צוגעבונדענע בערד
און לאַנגע געשטרייפּטע כאַלאַטן
עולה רגל זיין צום בית־המקדש.
איך קען אַלץ אויף דער גאַס דאָ און אַלץ איז מיר היימיש
און אין פּעכיקן דרימל ווייס איך פֿאַרוואָס
מ׳האָט אַהער מיך געבראַכט.

ס׳איז די גאַס פֿון מיין דור, פֿון דעם דור וואָס געגאַנגען
פֿון אונדזערס צו זייערס. און ס׳קומט מיר אַנטקעגן דער דור.
אַרבעטער, בעלי־מלאכה, משרתים פֿון גרויסע
און קליינע געשעפֿטן — ווער מיט סאָציאַליסטישע בלעטלעך
אין בוזים־טאַש, ווער מיט אַ לשון־קודשדיק בוך
און ווער בלויז מיט עטלעכע גראָשן אַ לעב צו טאָן דאָרט,
אויף יענער זייט. אַנגעפּאַרענע מיידן מיט רוסיש אין מויל
און פֿרומע, פֿאַרזאָרגטע פּנימער — מאַרגנדיקע אַקושערקעס,
דאַנטיסטקעס און פֿעלדשערקעס. היימישע חסידישע טעכטער
מיט פּלעמלעך אין אויגן, וואָס לאָזן זיך זוכן די העלדן
פֿון אָקאָרשט פֿאַרשלונגענעם לעצטן ראָמאַן, און חסידישע זין
מיטן שטיבל אין ציכטיקן לאַנגן ראָק און אייראָפּע
אין שניפּסל אונטערן ווייסן קאָלנער. לערערס
און שטיקלעך סטודענטן און אַנגעבלאָזענע יונגען
מיט שאָטנס פֿון קאָנספּיראַציע אַרום די ווינקלען פֿון מויל —
עס קומט מיר אַנטקעגן מיין דור און איך קען אים.
מיט וועמען געשפּאַצירט זיך וואו אין אַ צימער,
מיט וועמען אין ביליקע רעסטאָראַנדלעך געשלונגען
די קאַווע מיט גויאישע ראַגאַלעס, וועמען געטראָפֿן
ביי אָוונטן, רעפֿעראַטן און אויף דער גאַליאָרקע אין אָפּערע.
אַלעמען קען איך און קען זיי אַצינד
אייגענער, נענטער ווי דעמאָלט. אַזוי ווי ס׳וואָלט עמעצער
צוגעשטעלט אַ פֿאַרגרעסער־גלאָז צו דער געדעכעניש
פֿון דעם געזעענעם, פֿון דעם געפּילטן אַמאָל,
שניידט זיך אין אויגן אַריין יעדער שאָטן און קנייטש אויף אַ פּנים
און פֿאַלד אויף אַ קלייד מיט צעצונדענער היימישקייט.
און די וואָס אַמאָל ערגעץ וואו אויף דער גאַס בלויז געטראָפֿן
ווערן האַרצעדיק־אייגן ווי וואָלסט מיט זיי יאָרן

געלעגערס געטיילט. ס'אַראַ פלאַטער פון בענקשאַפט,
וואָס וועט זיך באַלד אויפלייזן און צעהעלן אין פרייד,
עס ציט זיך פון מיר צו זיי!

נאָר זע — זיי דערקענען מיך נישט!
זיי זעען מיך און דערקענען מיך נישט!
זיי קענען מיך און זיי ווילן מיך נישט דערקענען.
אויגן קוקן מיך אָן מיט אַ הוילקייט ווי איך וואָלט געווען
בלויז לופט און נישט מער, און ביי אַנדערע בריט
דורך דער הוילקייט אַ גיפטיקער חידוש:
— ווער דאַרף אים? ווער האָט אים גערופן?
כ'וואָלט וועלן אַ שפּאַן־טאָן צו איינעם, אַ נעם טאָן ביים אָרעם,
פאַרהאַלטן, אים צווינגען מיך אויסהערן — זיינען די פיס
און הענט מיר געליימט און איך קען זיך נישט רירן.
כ'בין שטיין ווי דער שטיין פון דער וואַנט וואָס האַלט מיך
אַ צוגעקלעפּטן צו זיך, בין אַריינגעוואַקסן אין שטיין,
נאָר זען טו איך זען מיט אַ שאַרפקייט וואָס עפנט
אַ טויזנט געשטאַלטן און פנימער קלאָר
ווי אַן איינציקן פינגער,
און פון אַלע, די טויזנט, כמאַרעס אויף מיר
מיט אַ פינצטערער הוילקייט וואָס מאַכט פון מיר טויזנט מאָל נישט.
כ'ווער פאַרגליווערט צו נישט — צו אַ נישט
וואָס האָט בלויז אַ פּאָר ווילד אויפגעריסענע אויגן
און אַ גליווערדיק פינטעלע וויסן,
אַז כ'בין טויטער ווי טויט, ווייל פון אַלע געדעכעניש
אַ פאַרשמיסענער, נישטיקער אויסגעמעקט.
און זיי גייען, זיי גייען — מיין דור,
מיין דור וואָס האָט מיך פאַרחרמט.
איך רייס מיך אויף, דערזע דעם מדבר אַרום זיך
פון גראָז און שטיין און ווייס, אַז גרויל פון מדבר
און חרם פון מיין דור אויף מיר איז איינס,
נאָר וואָס דער איינס איז און פאַרוואָס
באַנעם איך נישט. און זינק צוריק
אין פּעך פון דרימל און דערזע אַן אַנדער גאַס.

אַן אַנדערע, אַן אונדזעריקע.
דער ברוק אין מיטן און די טראָטואַרן זײַנען שמאָל,
די הײַזער הויך און פֿון דער שמאָלער פּאַסמע הימל טריפֿט
מיט הײַזער נעץ און קעלט. פֿון קעלט איז געלבלעך־בלוי
די הויט אויף פּנימער און אויגן פֿיבערן
מיט בלאַסע פֿלעמלעך. נאָר ווי קומען זיי אַהער,
די מענטשן דאָ? ווי קומט אַהער דער הויכער פֿאַן סטאַניסלאַוו
מיט זײַנע גרויסע בלאָנדע וואָנצעס, וואָס פֿלעגט אײנמאָל בלויז
אַ יאָר אַרונטערלאָזן זיך אין קאַרשול? שטייף,
נאָר אָפּגעריסן, אָן קראַוואַט און אין צעדרייטע שיך —
ווי קומט ער דאָ אַהער פֿון די אַלייען? און וואָס טוט דאָ
די שוואַרצע זאָשקע, די סאַלאָן־דאַמע מיט די צעוויגטע היפֿטן
און די צעקלונגענע ליבעס? ברעמען אַלץ נאָך שוואַרץ
און קנאַפּלען הויך, נאָר אויגן צאַנקענדיק
און ס'אויסגעכאַליעט לילית־לײַב פֿאַרמאָרעט. און אָט גייט
ר' בערעלע, דער אַלטער גביר און דאַזאָר. קליין געוואָרן,
די הדרת־פּנימדיקע באָרד צעקאַלטנט,
דער ראָק צעריבן און אַ זעקעלע אונטערן אָרעם
ווי ער וואָלט קווארע שטיקלעך ברויט אין דעם געטראָגן,
ס'איז געטאָ. ס'וויל נישט מער דער דײַטש
בײַ פֿאַן סטאַניסלאַווס טיש אין קאָרטן שפּילן,
אויף זאָשקעס פּלושענע דיוואַנען זיצן
און בײַ ר' בערעלען אונטער קרישטאָלענעם הענגלאָמפּ
פֿון קרישטאָלענעם גראָפֿין זיך לאָזן משקה אָנגיסן,
ער האָט זיי אַלעמען אַרויסגעזעצט פֿון זייערע היימען,
אַרײַנגעטריבן דאָ. זיי זײַנען דאָ.

און הינטער הויכן פֿאַן סטאַניסלאַוו ווי אַ צווילינג־ברודער
דער הויכער נחום, דער קאַמאַשנמאַכער, וואָס האָט דעקלאַמירט
פֿון אויסנווייניק אַ האַלבן ביאַליק, נאָר צו וואָס
האָט ער געלאָזט אַ באָרד זיך וואַקסן,
אַ קײַלעכדיקע און געדיכטע בלאָנדע באָרד?
און נאָך זיי ביידן אהרן לײַב, דער הינקעדיקער שמש,
און לייזער גריץ, דער עולם־הזהדיקער שנײַדער מיט די זיבן קינדער,

וואָס כ׳האָב ביי יעדע זיי אין קאַמערן געוואוינט.
און הינטער זאָשקען שלעפּט זיך אַ צעקנוידערטע די מאַמע
פון חבר מיינעם אייזיק, וואָס איז יאָרן־לאַנג
געשטאַנען מיט אַ גרינס־געשטעל ביים אייזערנעם טויער, אַלץ געוואַרט
דער זון, דער ביכער־שלינגער, זאָל איר העלפן
די יינגערע יתומים צו אַ תכלית ברענגען און געמוזט כסדר
פון אירע גראָשנס אויסטיילן אים טאַשן־געלט.
עס קומען נאָך. דורך אויגן אויסגעלאָשענע, צעפּיבערטע, פאַרביסענע
דערקען איך די וואָס איך האָב מיין חיונה אויסגעשלאָגן
מיט זיי אונטער איין דאַך, וואָס האָבן טיי געטרונקען
ביי מיין טיש און איך ביי זייערן — דערקען זיי
און זיי דערקענען מיך און ווילן נישט דערקענען.
איצט ווייס איך שוין, אַז ס׳איז אַזוי אויף מיר
דער משפּט: שטיין אַן איינגעוואַקסענער אין ציגל פון דער וואַנט
וואו איך בין אַנגעשפּאַרט און זען און זען
און וויסן אַז איך בין פאַרחרמט
פון די צו וועמען כ׳בין געקומען.

און מיט אַמאָל צוויי אויגן שטעכן דורך
מיין שטייניקייט — צוויי שרעקלעך־נאָענטע פּיבערדיקע אויגן.
אַן אַלטע פרוי, אַ חורבה פון אַ פרוי, מיט פּאַסמעס גרויע האָר
צעפּאַטלט אונטער אַ פאַטשיילע... רבקה!
מיט לעצטן ביסל לעבעדיקייט, וואָס די אויגן האָבן
אין מיר צעבויטעט וויל איך אויסשרייען דעם נאָמען,
דעם נאָמען פון מיין ברודערס קינד... איך רייס מיך
פון צוגעוואַקסנקייט צום שטיין, מיר דאַכט — איך עפן
דאָס מויל, דער גאָרגל שטרענגט זיך אָן, איך שריי
אַ שטומען, שטייניקן געשריי און — זי דערהערט.
דערהערט, בלייבט שטיין אַ רגע, אויגן טוען מיר אַ שמיץ
מיט גרינעם פייער: — פּעטער! — און זי גייט פאַרביי.
פאַרביי מיט אַלע אַנדערע, האָט זי געהערט?
האָט זי געענטפערט? האָט זי מיך באַבריט כאָטש
מיט האַס, מיט גרינעם פייער און אַרויסגעגעבן,
אַז זי דערקענט מיך? איך וויל אַנכאַפּן ביים האַנט
דעם אַלטן מאַשיניסט, מיין ברודערס חבר, זימל,

דעם מיט דער אויסגעקראַכענער באָרד און געלן פּנים,
וואָס גייט איר נאָך און פרעגן אים: דאָס איז דאָך רבקה?
נאָר יענער מיט די וואָסערדיקע אויגן זעט מיך נישט
און גייט פאַרביי.
און ס׳ווערט אַ טומל אויף דער גאַס.
ס׳פאַרהאַקן זיך די טויערן. מע לויפט. נאָר ס׳איז צו שפּעט.
עס האָבן אָנגעיאָגט די לאַסט־אויטאָמאָבילן — צוויי, דריי, פיר.
שוין אָנגעפּאַקטע, איינגעפּרעסטע. בלויז די קעפּ,
די קעפּ קוקן אַריבער. דייטשן מיט די סוואַסטיקאָס שפּרינגען אַראָפּ,
מיט רעוואָלווערן אין די הענט. מע יאָגט.
און אַלע קריכן, שטופּן זיך און קוועטשן זיך אַריין.
ר׳ בערעלע, סטאַניסלאַוו, זאָשקע, אייזיקס מאַמע און אויך רבקה,
אויך רבקה. דאַכט זיך, אַז זי דרייט דעם קאָפּ נאָך אויס
און וואַרפט מיר צו אַ בליק. און ס׳פאָרן אָפּ די וועגענער
ס׳ווערט שטיל די גאַס. ס׳ווערט ליידיק. נעץ פון הימל פאַלט.
נאָר איך אַליין, אין שטיין אַריינגעוואַקסן, שטיי,
און ס׳איז נישט איך, נאָר שטומקייט וואָס אין מיר,
דער שטיין אין מיר, דער נישט אין מיר
נעמט רעווען, רעוועט, רעוועט...

י

— — — איר ווילט באַנעמען, פּעטער,
וואָס בריט אין די געהירן פון אַ מענטש
וואָס וויקלט זיך אַרום ווי מיט אַ טלית מיט זיין פּאַן
און שפּרינגט דעם לעצטן שפּרונג
פון דאַך אין ברענענדיקער לאַווע פון צעשמאָלצענעם אַספאַלט?
איר ווייסט — ער האָט קיין ברירה נישט געהאַט.
טאָ ווייסט אויך — ס׳איז געווען אַ שפּרונג
נישט אין צעבריטן גיהנום פון דער ערד,
נאָר אין צעגליטע הימלען.

עס זיינען אין דער מיט פון די גיהנומדיקע וואָכן
פון שלאַכט און בראַנד און מיתות משונות

געוועז אויף שטילע שעהן,
ווען מ׳איז געלעגן אין די בונקערס, אין די מייזלעכער,
געוואַרט אויף אַ סיגנאַל און זיך געגרייט.
וואָס מיינט עס „שטיל״?
פון דרויסן קראַכט מיט פאַלנדיקע הייזער,
דו זעסט דערשטיקטע, ברענענדיקע לייבער,
הערסט גסיסהדיקן אומזין ריטשען ביז די הימלען,
און אַרום דיר אין דער באַהעלטעניש —
פאַרשמאַכטע, דאַרשטיקע, צעצונדענע
וואָס ליגן שטום און ברענען אויס דעם פחד פאַרן טויט
מיט דורשטעניש נאָך בלוט פון שונא.
אין ווינקלען גוססט מען. אין ווינקלען שטאַרבט מען.
אין ווינקלען מתים ווען ס׳וועט שוין קיינער
פון דאַנען נישט אַרויסטראָגן.
דער אייגענער אומקום רעוועט פונעם דרויסן, גלאָצט אויף דיר
פון גסיסהדיקע אויגן, געלט אַראָפּ פון טויטע גלידער,
נאָר אין די שטילע רגעס טוט דער מוח זיינס
און טראַכט.

דיין אומקום איז אַרום דיר און אין דיר,
נאָר איצט איז מיט אים גרינגער ווי צוריק מיט וואָכן.
איצט ביסטו לויטערער, באַפרייטער.
מיר ברענען, נאָר די חרפּה פון פאַררעטער,
פון קויטיק בלוט וואָס האָט דעם שונא זיך פאַרקויפט,
איז אויסגעברענט. זיי וועלן מער
נישט גיין מיטן אוקראַינער, מיטן לעט און פּאָליאַק
אין מאָרד־וואַגאָנען אָניאָגן
די ברידער, שוועסטער, טאַטעס, קרובים זייערע
ווי פי צום שלאַכטהויז —
מיר האָבן אויסגעברענט דאָס שלעכטס פון צווישן אונדז.

מיר ברענען, נאָר די שוואַרצע שאַנד
פון פאָלק וואָס לאָזט זיך קאַטעווען, פאַרקאַטעווען,
וואָס גראָבט אַליין זיך קברים, לאָזט דעם לעצטן פונק
נשמה אויסטונקען אין אָפּטריט פון דער חיה רעה —

בלויז צוליב אָנהאַלט אין אַ רגע הינטיש לעבן —
די שאַנד איז אויסגעברענט.
די פּגרים פון די חיות רעות אויף די גאַסן
און די מלחמה קעגן אונדז מיט בראַנד און טאַנק און באַמבע זאָגן עדות—
מיר האָבן אויסגעברענט די שאַנד.
מיר ברענען, נאָר דער שמאַך פון די סמבטיונס
וואָס גאולהס און משיחים האָבן אויפגעזאָטן צווישן ברידער
אויך ווען דער רינג פון טויט
האָט אַלעמען פאַרשמידט — דער שמאַך איז אָפּגעטאָן,
און האַרטע האַנט פון אַרבעטער און בלייכע פינגער
פון קלויזניק וואַרפן גלייך גראַנאַטן,
און רויטע פאַן און טלית קטן סמאַליען זיך צוזאַמען
אויף לייבער פון געפאַלענע.

דער פייערדיקער רינג פון שלאַכט ווערט ענגער,
דער אינדזל ווידערשטאַנד אַלץ איינגעשרומפּענער,
געפאַלן קאָמאַנדירן,
געפאַלן טויזנטער פאַרקוילט אין פלאַמען,
נאָר די פון וועמען קויל און גהינומדיקער אומקום
איז נאָך מיט שעהן און מעת־לעתן אָפּגעטיילט —
זיי זיינען אויסקויפער פון שאַנדן,
זיי זיינען ברידער,
זיי זיינען ברענענדיקע ליכט פון אַ מנורה,
זיי זיינען פאָלק.
און אין דעם אומקום־וואָרגעניש פון בונקער
גייט אָפּ די פּיין פון אַלע שמאַכן
און מענטש ווערט אויף אַ רגע פּשוט מענטש
און טראַכט.

וואו זיינען זיי — דער ברודער דן, די שוועסטער מירל,
דער טאַטע און די מאַמע ?
אין וועלכן וואַלד־קבר פאַרשאָטן לעבעדיקערהייט ?
אין וועלכן גאַז־אויוון דערוואָרגן ?
ווען דן איז דאָ, וואָלט ער מיט מיר אַצינד
געזעסן אין איין בונקער אָדער אין אַן אַנדערן,

צי אפשר שוין געלעגן ערגעץ אונטער חורבות
און טאַטע וואָלט געזען וויביידע זין האָבן געשלאָסן שלום.
און ער אַליין, דער טאַטע? ער וואָלט מיט די אַלע טויזנטער
געלאָזט זיך אין וואַגאָן אַריינטרייבן
און שפּלדיק און יאושדיק און שטום
געשלעפּט די פיס
צו דער עבודת פּרך אונטער קנוט
צו חיהדיקן חוזק, שפּאָט און לעצטן טראָט.
איצט קען איך מיט אים ריידן. רוף איך אים אַרויס
פון וואו ער איז און זעץ אים לעבן זיך אַוועק
אין ווינקל פון האַלב־טויטן בונקער
און רעד צו אים:

— ווער האָט פאַרשעמט דעם גאָט פון אונדזערע אָבות, טאַטע?
דו האָסט געמיינט — כ׳האָב דיך און אים פאַרלאָזט
ווען כ׳בין אַ פּופּצניאַריקער אַוועק פון דער גמרא
און פאַר אַ לערן־ייִנגל זיך געשטעלט ביים שלאָסער?
ניין, כ׳האָב אים אויסגעלייזט.
ווייל וואָס האָט איר געטאָן מיט אים — דו און די אַנדערע,
דערשראָקענע, פאַרשטויסענע אין אייערע קרעמלעך
מיט אימה פאַרן גוי וואָס אָט וועט ער די שויבן אויסהאַקן,
דאָס מאָגער ביסל סחורה אויסראַבירן
און צונעמען דעם גראָשן פדיון?
איר האָט געלאָזט זיך די נשמה איינשרעקן,
און מיטן גאָט זענט איר אַוועק אין קלויז,
באַהאַלטן זיך, געמאַכט פון אים אַ שותף
צו אייער פחד און געפאַלנקייט.
און מיר, די פּופּצניאַריקע, מיר האָבן נישט געקענט
די חרפּה איבערטראָגן און צעחלומט זיך
פון מענטש אָן פחד, מענטש אָן שלעכטס און שקר,
פון מי, פון פריי, פון ערד אונטער די פיס
און אויגן אָפענע צום הימל.
מיר האָבן נישט געפעלשט אין גאָט פון אונדזערע אָבות —
בלויז פון דער טונקעלער און תפיסהדיקער קלויז

מיט זיך אַליין אים אויסגעלייזט
און צוגרייטן פאַר אים געוואָלט אַ נייע וואוינונג און אַ ליכטיקע —
די אייגענע באַפרייטע, זוניקע נשמה.

איצט זעסטו, טאַטע — יענע יאָרן אויפן מאַרק
מיט איינצלנע הרוגים, אויסגעהאַקטע שויבן און דעם שרעק
וואָס האָט אין קלויז פאַריאָגט — זיי זיינען בלויז געווען
אַן אָנזאָג, הינטער זיי האָט זיך געגרייט דער שוואַרצער מבול
פון נבוזהדיקן אומקום — און וואָס האָט איר געטאָן מיט אייער גאָט
ווען ס׳האָט דער טויטער עיפוש פון די מבול־כוואַליעס
דערגרייכט צום גאָרגל און פאַרשוועכט דאָס לייב און לעבן?
איר האָט צעפייניקטע, צעשטויבטע,
מיט זיך געשלעפט אים אונטער קנוט און שפּאָט,
איר האָט אַוועקגעשטעלט אים גראָבן פאַר אייך קברים,
איר האָט אים מיטגעפירט אין גאַז־קאַמער
און ס׳האָט די חיה וואָס געפייניקט און באַשפּיגן אייך
אים גלייך מיט אייך
געקאַטעוועט, פאַרכראַקעט און פאַרמיאוסט.
איר האָט אים אומגעבראַכט אין שמאַך,
ווייל מער ווי אַ פאַרשעמטער שותף
צו אייער פּחד און געפאַלנקייט איז ער אויך פריער נישט געווען
און איצט, ווען ער האָט נישט געהאַט פאַר אייך
קיין ביסן ברויט, קיין אָרעם שוץ, קיין טראָפּן טרייסט
און האָט געלאָזט אייך אומקומען אין מבול —
ווי האָט ער זיך אַליין געקענט פון מבול ראַטעווען
און נישט פאַרלענדט ווערן ווי איר?

דאָס האָבן מיר אים אויסגעלייזט — מיר ווידערשפּעניקע,
פון קלויז אַנטלאָפענע, פון קרעמל אָפּגעשיידטע,
מיר — מיט די האַמערס, זעגן, נאָדלען אין די הענט.
וואָס נענטער ס׳איז דער מבול רשעות אָנגעקומען,
וואָס קלעמיקער דער חיהס נעגל אַרום גאָרגל,
וואָס נידעריקער די שפלות אונדזערע און פינצטערער דער שמאַך —
אַלץ העכער האָבן מיר דערהויבן אים,
ער — גוטס און ליבשאַפט,

ער — שטאָלץ און גבורה,
ער — לויטערקייט און אמת,
ער — איבער אַלע טויטן אייביקייט,
ער — דין און רעכט פון אייביקייט —
און צו זיין הויך געצויגן זיך —
דער איבערשלעכטישער, דער איבערערדישער,
און פון דעם אַבסאָלוט פון אים געצויגן טראָפּנס
צו קענען מענטש אַנטקעגנשטעלן חיה רעה
און מאַכט פון גלויבן קעגן שפלות פון געבראָכנקייט
און טויט פון גאולה קעגן טויט פון אונטערגאַנג.
און זע — ווער גייט אַרום צווישן די ברענענדיקע חורבות ?
ווער וואַרפט גראַנאַטן מיט די הענט פון קלויזניקעס ?
ווער בריט מיט הימלדיקן האַרבן משפט
און גוססדיקע אויגן ?
ווער ברענט מיט פלאַמען אויס אַן אָנזאָג צו די דורות
צו הייליקן זיין נאָמען איבער אַלע פינצטערע נסיונות,
אויב נישט דער אייביקער, דער קדוש ישראל ?

איצט מאַך אַ חשבון פון מיין לעבן, טאַטע !
נישט אַלט קיין צוויי און צוואַנציק יאָר דיין זון,
און אָפּגעזעצט אין אים דער גרויל
און חושך פון יאָרטויזנטער.
האָט אים דער גרויל פאַרסמט מיט כפירה ?
האָט זיך זיין בלוט מיט הפקר אָנגעזויגן,
מיט חיי־שעהדיקער תאווה אינעם רינג פון טויט ?
האָט ער, אָדער זיין ריינע כלה גדרים איינגעבראָכן
און איינסביים אַנדערן אין לייב געזוכט פאַרגעסנקייט,
פאַרשיכורונג, צעשמעלצונג ?
אין פעלד און ביים וואַרשטאַט,
אויף שליחותן אין קעלערס און אין בוידעם־שטיבלעך
געפילט די ליבשאַפט ריזלען דורך דער הויט פון לייב צו לייב
און אָפּגעהיט זי ריין און לויטער פאַר דער שעה פון גאולה,
אויב גאולה איז אַמאָל באַשערט,
צי פאַר דער שעה פון טויט. איז טויט געקומען.

איך האָב געזען איר לייב אין טויט פֿאַרזינקען
אין טהרה און אין קדושה,
און מיינעם, טאַטע, אויך — און מיינעם האַלט איך אויך
אין טהרה און אין קדושה אָפּצוגעבן אַטאַ באַלד,
אַט נאָך אַ טאָג, אַט נאָך אַ שעה.

אַזוי האָב איך גערעדט צום טאַטן
אין יענע שטומע רגעס אין דער שטיקעניש פֿון בונקער,
און אין צעצונדענעם געהירן,
אין אָדערלעך און נערוון דורכן גאַנצן לייב
האָט נאָך עפּעס געבריט וואָס איך האָב נישט געוואָגט אים זאָגן.
איך האָב געפֿילט, געפֿילט בפּועל ממש
ווי גליענדיקע פֿעדים וועבן זיך דורך דורות
פֿון די הרוגי מלכות ביז די קדושים אויף די שייטער־הויפֿנס,
ביז מיר — מיר, מענדל בן אפרים,
און וועבן זיך דורך די געהירן און די גלידער מיינע
און כ׳האָב באַנומען אינעם אויפֿגלי פֿון מיין קרובהשאַפֿט מיט יענע,
אַז ווי די תורה איז פֿאַרגרייט געוואָרן איידער נאָך
די האַנט פֿון שעפֿער האָט די וועלט געפֿורעמט,
אַזוי זיינען פֿון פֿאַר בראשית נאָך פֿאַרגרייט
די לויטערע נשמות וואָס די שליחות זייערע
איז אויפֿצוגליען און פֿאַרברענט צו ווערן פֿאַר דער קדושה פֿון דער וועלט,
און איך, איך מענדל בן אפרים, טראָג אין זיך אַזאַ נשמה,
און באַלד דערנענטערט זיך די שעה,
ווען כ׳וועל זי דאַרפֿן אומקערן צום מקור,
כדי מיטן אומקער אירן זאָל דאָס וואָרט מקוים ווערן:
יתגדל ויתקדש שמיה רבה...

יתגדל ויתקדש...
אויף דורשט־פֿאַרדאַרטע ליפּן,
אויף צונג פֿאַרקוואַרטן,
אין הונגער־שמאַכטנדיקן אינגעווייד האָבן געברענט
די ווערטער צוויי,
און ס׳האָט געטראָגן מיך — שוין נישט קיין מענטש,
נאָר אַ צעברענטן פֿורעם פֿון אַ מענטש —

פון הויז צו ברענענדיקן הויז
אין לעצטן פייער־איינגעקלעמטן רינג
וואָס איז פאַרבליבן נאָך פון קריגערישן געטאָ,
און אָט דאָס לעצטע ברענעדיקע הויז, די לעצטע קוילן,
דער לעצטער שאָס.
פון שטאָק צו שטאָק אַרויף אַלץ העכער יאָגן זיי
און אין געלאָף אַרויף, אַרויף צום לעצטן אָטעם.
דער מוח צינדט נאָך אַ רגע מיט אַ בליץ אַזאַ:
דו ביסט מתקן עפּעס איבער די הרוגי מלכות,
איבער די ברענער אויף די שייטער־הויפנס —
דו צאָלסט צוריק מיט פייער,
דו שטייגסט מיט גבורה,
דיך טרייבט די שוואַרצע טומאה העכער, העכער —
אַהין וואו אַלע פלאַמען ציען זיך אַרויף, אַרויף — — —
און אַז איך האָב דעם דאָך דערגרייכט
און רויטן, רויך־פאַרפּלייצטן הימל,
בין איך אַ רגע נאָך געבליבן שטיין און האָב דערזען
דעם גאַנצן בראַנד פון געטער אַרום מיר
און איך אָן איינציקער איבערן בראַנד,
האָב איך די פאָן מיינע אַרויסגענומען —
די פאָן פון שטאָלצן, גלויביקן און גבורהדיקן פאָלק,
פאַרוויקלט זיך אין איר, אין טלית מיינעם,
און כ׳האָב שוין נישט געדאַרפט די ווערטער אויף די ליפּן ברענגען,
ווייל ס׳האָט יתגדל ויתקדש פון מיין אינגעווייד,
פון אַלע ביינער, פון די האָר מיינע מיך אויפגעהויבן,
אַ ריס געטאָן — אַרויף, אַרויף צום הימל.

יא

(אַ צימער. ספרים־אַלמערס. נאַקעט טישל. בעט. אַן אַלטער ייד זיצט שבעה אויף אַ פוס־בענקל. אויך זיצנדיק און איינגעבויגן איז ער הויך. רייסט אָפּ די אויגן פונעם ספר אויף די קני, צעוויגט זיך):

זע, לאהשי, ס׳אַראַ זכות דו האָסט!
אַזוי פיל כשרע טעכטער יידישע

אין מיטן גאַס אַוועקגעפֿאַלן
און מ׳האָט זיי גאַנצע וועגענער אַזוי
געפֿירט צו קבורה — זאָלן זיי אין גן־עדן
דעם שכר באַקומען. דו האָסט אין דיין אייגן בעט
די כשרע נשמה אויסגעהויכט און גוטע שכנים
האָבן דיך צו דיין רו באַגלייט און איך האָב אויף דיין קבר
געזאָגט דעם ערשטן קדיש. אונדזערע קינדער, לאהשי,
זיינען ביים השם יתברך אין די הענט. אויב זיי זיינען זוכה
וועלן זיי ניצול ווערן, און אויב ס׳איז באַשערט זיי
מיט כל ישראל זיין אַ קרבן חטאת איז מיין טרייסט —
זיי האָבן דעם גזר־דין ווי ערלעכע יידן אָנגענומען.
אָבער דיר זיינען די אָבות בייגעשטאַנען, לאהשי.
מ׳האָט מיך געלאָזט די פֿולע שבעה אויסזיצן נאָך דיר
און כ׳האָב אַ האַלב משניות אָפּגעלערנט.
איצט צייל איך שוין די שעהן. באַלד —
און מע וועט קומען אויך נאָך מיר.

ווען נישט נאָך דיר די שבעה, וואָלט איך אפשר
אַליין אַהין אַוועק וואו אַלע יידן ווערן
אַוועקגעשלעפּט. ווייל כ׳בין אַליין געבליבן.
די טייערע שכנים אונדזערע האָט מען פֿאַרנומען
אויף מאָרגן נאָך דיין פּטירה.
אין הויף אַראָפּגעטריבן און פֿאַרנומען.
נאָר מיך געלאָזט דאָ. אין דיין זכות אַוודאי.
צו קענען שבעה אויסזיצן נאָך דיר.
געוואָרן ליידיק אונדזער דירה און דער הויף
און כ׳ווייס נישט ווער ס׳האָט נאָך געקענט געדענקען
אַ קריגל וואַסער און כזית ברויט מיר ברענגען.
און אפשר האָב איך זינדיקע מחשבות. ניין,
כ׳וואָלט נישט אַוועק אַליין. מע טאָר נישט דוחק זיין דעם קץ.
ווער בין איך פֿאַר הקב״ה אויסצופּיינען זיך —
איך גיי אַליין. ווי ס׳ווערן אַלע יידן
געטריבן — דאַרף איך אויך געטריבן ווערן.
נאָר אָט — געלויבט השם יתברך — קומט שוין אויך

אויף מיר די שעה. איך פיל — מע גייט נאָך מיר.
און ס׳ווילט זיך שוין אַזוי מיט יידן זיין.
מיט אַלעמען אַנטקעגנגיין דעם גזר־דין,
און די נשמה, וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעטרונקען
מיט כעס און עצבות, פון דער קליפה אויסלייזן.
און דאָס איז דאָך אַ חסד: ס׳טונקט דער שטן
די נשמה אויס אין חושך, נעמט ער זי דערנאָך אַליין
און שליידערט זי אין קאַלף־אויוון און לייטערט זי
אין פייער. ס׳איז דאָך אויך אַ חסד.
(הויבט אויף די אויגן צו די ספרים — פייכטע, אָנגעצונדענע)
אַ גרויסע זכיה וואַרט אויף מיר, נשמות הייליקע,
אַ גרויסע זכיה — ווערן איינס מיט אייך,
ווי איר דעם לבוש די פלאַמען אָפּגעבן.
(שטייט אויף אין פולער הויך, אין האַנט דעם ספר, גייט צום אַלמער ספרים, שפרייט די לאַנגע אָרעמס אויס אויף אים)
איין גורל וואַרט אויף אונדז — אין פייער אויפצוגיין.
פון אייך אָבער די אותיות פורחות וועלן זיך צוריק
אין זייער שורש אָנהעפטן — געלייטערטע און ריינע.
ס׳איז ריין אייער לבוש — פּאַפּיר און טינט.
און מיינער האָט זיך אויסגעטונקען אין אַזוי פיל קויט
און זינד, און די נשמה וואָס דאַרף גרינג
און פלאַטערדיק צום נעסט אירן אַרויפפליען
איז שווער און אָנגעלאָדן
מיט מרה שחורה, שנאה און געוויין.
נשמות הייליקע! אַזוי פיל מאָל האָב איך געהערט
דאָס פּאָכען פון די פליגל אייערע איבער מיר —
טוט מיר דעם לעצטן חסד, הייבט מיך אויף
פון ים פון שטנס חושך, איך זאָל קענען
אַנטקעגנגיין דעם גזר־דין מיט אַ לויב צו השם יתברך
און די פאַרחושכטע נשמות פון די ברידער מיינע
ביים שוועל פון קאַלף־אויוון אַריינגעמען אין מיינער
אַז אַלע זאָלן מיר אַריין אין פייער מיט דער גבורה
פון חנניה, מישאל און עזריה.
(ער הערט אין דרויסן טריט און כאַפּט אַרויף דעם טלית)

מזמור לתודה, הריעו לה׳ כל הארץ,
עבדו את ה׳ בשמחה, באו לפניו ברננה —
(עס שטעלן זיך אַריין צוויי יונגעלייט, ער ווערט דערשראָקן)
וואָס טוט איר דאָ? ס׳איז אַ סכנה,
זיי קומען באַלד אַהער.

ערשטער יונגערמאַן:
מיר מוזן מיט אייך עפּעס איבעררײדן, רבי!

אַלטער
(ווי נישט געהערט, צעעפנט שרעקעדיק אַ טיר):
אַז איר וועט הערן טריט, באַהאַלט זיך דאָרט אין שטוב
און איך וועל זיך ביים טיר אָוועקשטעלן.

ערשטער יונגערמאַן:
מיר קומען וועגן כבוד פון ישראל, רבי!
כ׳געדענק וואָס איר האָט מיר געענטפערט
ווען כ׳בין געקומען מיט אַ יאָר צוריק אייך פרעגן:
עד מתי — ביז ווי לאַנג דאַרף מען זיך לאָזן פירן
כצאן לטבח און קיין האַנט נישט הייבן קעגן זיי.
האָט איר געזאָגט: זיי ברענגען אום פאַר איינעם הונדערט,
און מיט מרידה וועלן מיר קהילות גאַנצע
אַליין אַריינוואַרפן אין ברענענדיקן מויל דעם מולך.
ס׳האָט די הכנעה נישט געראַטעוועט.
פון האַלבן מיליאָן איז בלויז געבליבן איצט
אַ רעשטל — פערציק, פופציק טויזנט. און מיר ווייסן שוין:
צו גיין ווי שטומע שאָף, צי אויפמאַנען פון זיי אַן אָפּצאָל —
אַלץ איינס נישטאָ פאַר אונדז קיין תקומה.

אַלטער:
עס טאָר אַזוי אַ ייד נישט רעדן.

ערשטער יונגערמאַן:
ס׳איז אמת, רבי!
און ס׳מאָנט דער כבוד פון ישראל, אַז די לעצטע כאַטש
זאָלן פון די רוצחים אויפמאָנען אַן אָפּצאָל
פאַר אַלע לעבנס און עינויים אונדזערע
און זיך נישט אָפּגעבן ווי שאָף. סע שטייט הבא להרגך — — —
מיר האָבן זיך צונויפגערעדט — ווער ס׳קען אין האַנט

אַ שטיין, אַ ביקס, אַ פלעשל אויפּרייס האַלטן,
מיר האָבן איינגעטיילט די גאַסן און די הייזער צווישן זיך,
מיר זיינען גרייט — — —

אַלטער:
איז וואָס פאַרלאַנגט איר
פון מיר?

ערשטער יונגערמאַן:
מיר ווילן אייער הסכם, רבי.
מיר זאָלן אויך אין אייער נאָמען קענען זאָגן: ר׳ יוסף
האָט איך געשיקט זיין ברכה, גייט און זייט מקדש השם.

אַלטער:
וואָס רעדסטו, זלמן? איך, מיט איין פוס שוין אין קאַלך־אויוון,
זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דעם הקב״ה און זיך אַריינמישן
אין זיינע דרכים? מיינסט, חלילה, אַז הקב״ה זעט נישט
און דאַרף אַז מיר, מיט אונדזער מרידה, זאָלן אים
דערמאָנען וואָס דער שונא טוט מיט אונדז? איז דאָ אַ קרעכץ,
אַ טרער, אַ וויי־געשריי, חלילה, וואָס דערגייט נישט צום כסא הכבוד?
איז דאָ אַ רשעות, אַ רציחה פון די רוצחים
וואָס ווערט אויף זייער חשבון נישט פאַרשריבן?
און אויב ער האָט די האַנט נישט אויסגעשטרעקט נאָך
און זיינע לעסטערער נישט אויסגעראָטן — ווער בין איך,
איך זאָל מיין האַנט יאָ אויסשטרעקן? דער מלך מלכי המלכים
פאַרטראָגט און איך זאָל זאָגן — איך פאַרטראָג נישט!
דער קדוש ישראל לאָזט זיין פאָלק, זיין תורה און זיין נאָמען
אין קויט און בלוט צעטראָטן ווערן
און איך זאָל זיך דעם כבוד פון ישראל אָננעמען?
פאַר ווּעמען איז די חרפה גרעסער? אויב הקב״ה
פאַרטראָגט זי און דערלאָזט נאָך אַלץ דעם שטן
געוועלטיקן מיט זיינע מעשים תעתועים — ווער בין איך,
איך זאָל זיך פון דער חרפה ווּעלן אָפּטרייסלען?

צווייטער יונגערמאַן:
האָט מתתיהו דאָך אַליין אַ שווערד אין האַנט גענומען
און האָט געבענטשט דעם שווערד פון זיינע זין,
האָט ר׳ עקיבא דאָך בר־כוכבאס שווערד געבענטשט.

אַלטער:

צדיקים גמורים ווייסן. זייערע נשמות קומען
פון העכערן מקור, האָבן זיי גלוי שכינה.
איך בין אַ ייד אַ זינדיקער וואָס קוים איך קען
אַ פסוק תהילים מיט כוונה אָפּזאָגן
דער שטן זאָל מיך נישט אַראָפּשלעפּן אין חושך.
ווי קען איך זיך מיט זיי פאַרגלייכן?

ערשטער יונגערמאַן:

איז ביז דער לעצטער נפש וועט פאַרטיליקט ווערן
וועט איר אַלץ מצדיק זיין דעם דין?

אַלטער:

ווי אַנדערש?
ווי אַנדערש זאָל דען טאָן אַ ייד? סע שטייט געשריבן:
שעבוד מלכיות קומט נאָר דורך אונדזערע זינד.
עס איז דאָס בייז אין אונדז וואָס טוט געבערן בייז.
אין שויס פון אונדזער אייגענער טומאה קומען אויף
די קליפות און מחבלים וואָס פאַרדאַרבן אונדז.
איז דען ביי אונדז די מאָס צו מעסטן אונדזערע זינד
און ויסן ווען דער עונש איז פאַרפולט?
און אַז מיר ווייסן נישט — וואָס אַנדערש קען דען טאָן אַ ייד
ווי אָננעמען מיט ליוב דעם עונש און מתפלל זיין
אַז די נשמה זאָל פון קאַלך־אויוון זיך אומקערן
געלייטערט צו איר שורש?

צווייטער יונגערמאַן:

און די רוצחים — — —

אַלטער:

דער רשע איז די צאָרן־רוט אויף אונדז,
נאָר פאַר זיין רשעות וועט ער צאָלן.
הקב״ה שיקט דעם רשע צו באַקערן זיינע קינדער
צו תשובה.. נאָר דער רשע ווייס קיין מאָס נישט.
אני קצפתי מעט והמה עזרו עלי לרעה.
און אומברחמנותדיק ווי ס׳איז געווען די רשעות
וועט האַרבער נאָך דער אָפּצאָל זיין.
פאַר די תינוקות אונדזערע, פאַר אונדזערע כשרע טעכטער,

פאַר יעדן נפש בישראל וואָס זיי האָבן אומגעבראַכט,
פאַר יעדן טראָפּן בלוט, פאַר די עינויים קשים,
פאַר די בזיונות, חוזק, שפּאָט — — — (ווערט מיטאַמאָל דערשראָקן)
אוי, ווי איז מיר!.. אָט האָט דער שטן ווידער
אַריינגעכאַפּט מיך אין זיין שליטה (נעמט זאָגן שנעל)
אשמנו, בגדנו, גזלנו, דברנו דופי...

(דערהערט פון דרויסן טריט, כאַפּט ביידע יונגע לייט און שטופּט זיי אין דער טיר פון צווייטן צימער. צוגעמאַכט און מיטן טלית איבערן קאָפּ אַ גרייטער שטייט ער. עס קומט אַריין אַ דייטש, מיט אים אַ יידישער פּאָליציאַנט):

ס'איז גוט וואָס איר זענט דאָ. איך וואַרט אויף אייך.

פּאָליציאַנט:

איך בעט אייך, זייט מיר מוחל, רבי.

אַלטער:

פאַרוואָס, מיין זון? דו טוסט דיין שליחות.
דו פירסט מיך וואו עס גייען אַלע יידן — — —

פּאָליציאַנט:

ניין רבי, נאָך נישט. נישט אַהין.

אַלטער:

וואו דען, מיין זון?

פּאָליציאַנט:

די מאַכט — זי רופט אייך.

אַלטער:

מיך? די מאַכט? צו וואָס?

דייטש:

פאַרענדיק עס און לאָמיר גיין.

פּאָליציאַנט:

איך מוז אים דאָך דערקלערן. (צום אַלטן): ס'גרייט זיך דאָ אַ בונט.

אַלטער:

איך ווייס נישט פון קיין בונטן. כ'ווייס פון גאָרנישט.

פּאָליציאַנט:

די מאַכט אָבער — זי ווייס. איז רופט זי אייך
איר זאָלט קעגן די העצער וואָרענען, איר זאָלט אָסרן.
(מיט אויגן אויפן דייטש) די מאַכט מיינט אונדזער גוטס.

אַלטער:

וואָס וואָרענען? וואָס אַסרן? איך ווייס פֿון גאָרנישט.

פּאַליציאַנט:

אירט מוזן, רבי, מסכים זיין. אירט מוזן...

אַלטער:

אַז נישט וועט מען מיך פּייניקן? עינויים קשים אָנטאָן?
ווי אַלע יידן... איז דאָך גוט, מיין זון. איז גוט.
האָב איך דאָך טאָג און נאַכט געבעטן אויף דער זכיה.
אַ דאַנק השם יתברך... אַט, כ׳וועל נאָר די תפילין נעמען,
און לאָמיר גיין. (פאַרנעמט דעם תפילין־זעקל, זאָגט):
דמו כי ה׳ הוא אלהים, הוא עשנו —
(אַרויס דער ערשטער, דייטש און פּאַליציאַנט נאָך אים).

יונגע לייט

אַרויס פֿון צימער).

צווייטער יונגערמאַן:

אָט האָסטו דיר אַ יידן!

ערשטער יונגערמאַן:

הלוואי אויף אונדז געזאָגט די גבורה!

ל. פ.

ביבליאָגראַפיע

די ביבליאָגראַפיע איז זיכער נישט פֿול. געוויס איז אַ סך אויסגעלאָזט געוואָרן. ביים איצטיקן מצב און אין דער קורצער צייט איז שווער געווען אַלץ אויפצוזוכן.

מיר דריקן אויס אונדזער אויפריכטיקן דאַנק דעם ביבליאָגראַף, פריינד יעפים יעשורין, פאַר זיין הילף אין צונויפשטעלן די ביבליאָגראַפיע.

מנחם באָריישאַ, זיין פרוי שרה, זייער טאָכטער אַדאַ
און איר מאַן אפרים פאָגעל — 1936

ווערק פון מנחם באָריישאַ*)

פּוילן

פּאָעמע, 19 זייטן, פאַרלאַג א. גיטלין, 1914, וואַרשע.

אַ רינג אין דער קייט

אויסוואַל פון לידער און פּאָעמעס, 127 זייטן, ליטעראַרישער פאַרלאַג, 1916, ניו־יאָרק.

זאַמד

ליריש־עפּישע לידער, 208 זייטן, פאַרלאַג „אידיש", 1920, ניו־יאָרק.

זאַוול רימער

אַ כראָניק אין 16 קאַפּיטלען, 224 זייטן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1923, וואַרשע.

דער גלגול

פּאָעמע, דיאַלאָג אין צוויי באַגעגענישן, 145 זייטן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1927, וואַרשע.

דער פּאַסטוך דוד

ביבלישע דראַמע, 149 זייטן, פאַרלאַג ב. קלעצקין, 1932, וואַרשע.

דער קריזיס אין יידיש

רעפעראַט, 32 זייטן, פאַרלאַג ציקאָ, 1940, ניו־יאָרק.

דער גייער (צוויי בענד)

קאַפּיטלען פון אַ לעבן, 512 זייטן, אַרויסגעגעבן פון קאָמיטעט „דער גייער", 1943, ניו־יאָרק.

דער גייער, (איין באַנד)

צווייטע אויפלאַגע, פאַרלאַג „מתנות", 1945, ניו־יאָרק.

אַ דור

אָפּקלייב פון לידער און פּאָעמעס, מיט אַ נאָכוואָרט „מיט דעם דור", 307 זייטן, פאַרלאַג „מתנות", 1947, ניו־יאָרק.

דורך דורות

צוויי פּאָעמעס — משה. חשבון אויפן אַש (י. ל. פּרץ)

ביאָגראַפיע געשריבן פון לעאָ פינקעלשטיין און אַ ביבליאָגראַפיע, 277 זייטן, פאַרלאַג „מתנות", 1950, ניו־יאָרק.

The Story Of Yiddish

געשיכטע פון יידיש, 23 זייטן, אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס, 1946, ניו־יאָרק. דאָס ביכל איז אין 1949 דערשינען אין אַרגענטינע אויף שפּאַניש.

---

*) „זאַמד", 1920, איז דאָס לעצטע בוך וואָס טראָגט דעם נאָמען מנחם. נאָכדעם האָט מנחם (גאָלדבערג) אָפיציעל אָנגענומען זיין מוטערס פאַמיליען נאָמען באָרוישאָ און אונטער דעם נאָמען זיינען דערשינען אַלע זיינע לידער, אַרטיקלען און ביכער.

װעגן „אַ רינג אין דער קייט"

אַלגין, מ.
אַ רינג אין דער קייט, „די נייע װעלט", יאַנואַר 28, 1916.

בערקאָװיסי, ק.
אַ רינג אין דער קייט, „דער אַמע־ריקאַנער", 1916, ניו־יאָרק.

גלאַנץ־לעיעלעס, א.
מנחמס אַ רינג אין דער קייט, „דאָס װאָרט", 1916, ניו־יאָרק.

װיערניק, פּרץ
אַ רינג אין דער קייט, „מאָרגען זשורנאַל", 1916, ניו־יאָרק.

װלאַדעק, ב.
אַ רינג אין דער קייט, „צוקונפט". אַפּריל 1916, ניו־יאָרק.

כץ, מ.
אַ רינג אין דער קייט, „טאָג", יאַנואַר 30, 1916, ניו־יאָרק.

לעבעדיקער, דער
פון זיך אַליין צו זיך אַליין, „פרייע אַרבעטער שטימע", 1916, ניו־יאָרק.

מרמר, ק.
מנחמס אַ רינג אין דער קייט, „דער יידישער קונסט־פרינט", פעברואַר 25. 1916, שיקאַגאָ.

נאַדיר, משה
„אונטערן מעסער" — אַ רינג אין דער קייט, תרע"ו, „קונדס", יאַ־נואַר 28, 1916.

קאָראַלניק, ד"ר א.
אַנגעהויבענע מאָטיװן, „פרייע אַר־בעטער שטימע", 1916, נ. י.

שטיינבערג, נח
װעגן מנחמס אַ רינג אין דער קייט, „יידישער זשורנאַל", מאַי 4, 1916, טאָראָנטאָ.

װעגן „זאַמד"

אימבער, ש. י.
װעגן מנחמס זאַמד, „די צייט", 1920, ניו־יאָרק.

װיערניק, פּ.
מנחמס זאַמד, „מאָרגען זשורנאַל", 1920, ניו־יאָרק.

יאַקובאָװיטש, א. ל.
מנחמס זיפּץ, „הײנט", װאַרשע.

ניגער, ש.
כנסת ישראל, „טאָג", 1920. נ. י.

װעגן „זאַװל ריװער"

איינהאָרן, אהרן
דער מענטש װאָס קלאַמערט זיך אין גורל, „הײנט", דעצעמבער 21, 1923, װאַרשע.

בעל דמיון
אַ תהילים פון אַ פאַלקסמענטש, „מאָרגען זשורנאַל", יוני 24, 1924, ניו־יאָרק.

גראַבאַרד, ב.
זאַװל רימער, „די פעדער", 1924. ניו־יאָרק.

לעבעדיקער, דער
זאַװל רימער, „מאָרגען זשורנאַל", יאַנואַר 12, 1924, ניו־יאָרק.

מייזיל, נ.
„מנחם" (באַריישאַן): זאַװל רי־מער, ביכער־װעלט, סעפּטעמבער־אָקטאָבער, 1923, װאַרשע.

מייזיל, נחמן
נאָענטע און װייטע, באַנד 2, 1926, װאַרשע.

מייזיל, גיטל
זאַוול רימער, „פאָלקסצייטונג, אָק-טאָבער 4, וואַרשע.

מלאך, ל.
דורך פענצטער-בליקן צו מנחם באַריישאַן, „די פרעסע", מאַי 22, 1927, בוענאָס איירעס.

ניגער, ש.
צווישן ליריק און עפּיק, „טאָג", יאַנואַר 6, 1924, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
צער און צאָרן, „טאָג", יאַנואַר 13, 1924, ניו-יאָרק.

עמנואל
זאַוול רימער, „מאָמענט", פעברואַר 15, 1924, וואַרשע.

פיינזייד, י.
זאַוול רימער, „בריסעלער צייטונג" דעצעמבער 1929, בריסל.

קאַציזנע, אַלטער
זאַוול רימער און נאָך עפּעס, ליטע-ראַרישע בלעטער (22), 1924, וואַרשע.

וועגן „אַ גלגול"

מאַרק, אהרן
מ. באַריישאַן (מנחם), ליטעראַרישע בלעטער, מאַי 6, 1927, וואַרשע.

מייזיל, נחמן
אין קנויל פון פּראָבלעמען, „היינט", אַפּריל 8, 1927, וואַרשע.

ניגער, ש.
דער גלגול, „טאָג", יוני 12, 1927, ניו-יאָרק.

עפּשטיין, שכנא
מאַרטירערטום לשם מאַרטירערטום. „פרייהייט", מאַי 22, 1927, נ. י.

ADLER, HENRYK
Ciekawy Poet Zydowski, Wiadomosci Literackie, Warszawa, 1927.

וועגן פאַסטוך דוד

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מ. באַריישאַס פאַסטוך דוד, „די פרעסע", יאַנואַר 4, 1933, בוענאָס איירעס.

מוקדוני, ד"ר א.
מיר, דאָס ביבל-פאָלק, „מאָרגען זשורנאַל, 1932, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
ווידער ביבלישע מאָטיוון, „טאָג", יולי 31, 1932, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
באַמערקונגען וועגן „פאַסטוך דוד" — אַן ענטפער אויף מנחמס אַן ענטפער, „טאָג", 1932, ניו-יאָרק.

פינקעלשטיין, לעאָ
דער קיניג מיט הירטן-בלוט, „מאָ-מענט". יוני 3, 1932, וואַרשע.

שטערן, ישראל
מכוח דעם פאַסטוך דוד, „היינט", 1932, וואַרשע.

וועגן „דער גייער"

אבנרי, אריה
דער גייער למנחם באַריישאַ, „מבפנים". כרך י"ב, אלול תש"ט, עין חרוד, אויגוסט, 1949.

אויערבאַך, אפרים
דער גייער, „מאָרגען זשורנאַל", יאַנואַר 19, 1943, ניו-יאָרק.

ABNERI ARYEH
Boraisha's "Wayfarer." "The Jewish Spectator", Vo. XV, Nos. 3 and 4, February and March 1950.

אַמסטער, פּ.
דער גייער — קאַפּיטלעך פון אַ לעבן, „אונדזער שטימע", מערץ 27, 1943, פּאַריז.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מנחם באָרײשאָס גייער, „די פּרעסע", מערץ 2, 1943, בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
ליפער און גייער, „די פּרעסע", מערץ 3. 1943, בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
בבדי איינצושטילן די פרומע מאַמע, „די פּרעסע", מערץ 5, 1943, בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
אַ משנה תורה פון אונדזער יידישן לעבן, „די פּרעסע", מערץ 6, 1943, בוענאָס איירעס.

ביק, אברהם
אַ רינג אין דער קייט פון אייביקייט. „שיקאַגער קוריער", נאָוועמבער, 1938, שיקאַגאָ.

ביק, אברהם
אַ רינג אין דער קייט פון אייביקייט", „דער שפּיגל", מערץ 16, 1940, בוענאָס איירעס.

גאָטליב, נ. י.
קאַפּיטלען פון אַ לעבן, „קענעדער אָדלער", דעצעמבער 11, 1943. מאָנטרעאָל.

גאָלאָמב, א.
און דער גייער גייט, „דאָס יידישע וואָרט", פעברואַר 12, 1943, וויניפּעג, קאַנאַדע.

גאָלאָמב, א.
דער ספר פון אַ דור.

גאָרדין, אבא
וואוהין גייט דער גייער? „יידישע קולטור", אָקטאָבער, 1944, ניו-יאָרק.

גלאַנץ, יעקב
אין שפּור פון די הומאַניסטן, „דער וועג", פּעברואַר 27. 1943, מעקסיקע

גרוזמאַן, י. ל.
לייענענדיק מנחם באָרײשאָס גייער, „דער שפּיגל". אָקטאָבער 6, 1943, בוענאָס איירעס.

האָפּער, ד"ר י.
מנחמס גייער, „צוקונפט", סעפּטעמבער, 1949, ניו-יאָרק.

HALKIN, SIMON
The Eternal Seeker, "Opinion", August 27, 1943.

חיימסאָן, מ.
מנחם באָרײשאָ „וועגן אין וואַלד", זאַמלביכער 3, „פאָרווים", אַפּריל 28, 1938, וואַרשע.

יפה, מרדכי
שירת תקופה, „הדואר", תש"ג, 26, 1943, ניו-יאָרק.

יציב, י.
בית ישראל, „דבר", תל אביב.

לייוויק, ה.
מנחם באָרײשאָס גייער, „זאַמלביכער 4", זז' 269-247, ניו-יאָרק.

לייוויק, ה.
מנחם באָרײשאָס גייער, „טאָג", יאַנואַר 10, 1943, ניו-יאָרק.

מאַסטבוים, יואל
דער גייער, „דבר", 1943, תל אביב.

מאַרקוס, פסח
דער שרייבער און זיין בוך — דער גייער, „מאָרגן-פרייהייט", 1943, ניו-יאָרק.

מוקדוני, ד"ר א.
ס'יידישע געוויסן אין אַ באָאָטישער צייט, „מאָרגען זשורנאַל", דעצעמבער, 1943, ניו-יאָרק.

מוקדוני, ד"ר א.
דער גייער, „מאָרגען זשורנאַל", יאַנואַר, 1943, ניו-יאָרק.

MINKIN, JACOB
A Jewish World Pageant, "Congress Weekly", March 19, 1943, New York.

מענאַכאָווסקי, מ.
אַ בוך וואָס וועט פאַרבלייבן לדור דורות, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", מערץ 1, 1943, טאָראָנטאָ. קאַנאַדע.

KNOX, ISRAEL
A Spiritual Odyssey of Jewish Life (Der Geyer), "Reconstructionist", 1943, New York.

ניגער, ש.
צוויי לירישע פּאָעמעס, „טאָג", יולי 12, 1936, ניו־יאָרק.

ניגער, ש.
דער גייער, „טאָג", יוני 26, 1938, ניו־יאָרק.

ניגער, ש.
מנחם באָריישאָס דער גייער, „טאָג", פעברואַר 17, 1943, ניו־יאָרק.

ניגער, ש.
מנחם באָריישאָס דער גייער, „טאָג", פעברואַר 24, 1943, ניו־יאָרק.

ניגער, ש.
מנחם באָריישאָס דער גייער, „צוקונפט", מערץ, 1943, ניו־יאָרק.

סאָקאָלאָווער, א.
מנחם באָריישאָס דער גייער, „פרייע אַרבעטער שטימע", יאַנואַר 31, 1943, ניו־יאָרק.

סיגאַל, י. י.
מנחם באָריישאָס דער גייער, „קענעדער אַדלער", פעברואַר 12, 1943, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

SAMUEL, MORRIS
The Seeker, "Jewish Frontier", Jan. 1944, New York.

ענטין, יואל
מנחם באָריישאָס דער גייער, „פּיאָנערן־פרוי", אָקטאָבער, 1944, נ. י.

פּאָמעראַנץ, גרשון
דער אייביקער גייער, „קענעדער אַדלער", יאַנואַר 31, 1943, מאָנטרעאָל, קאַנאַדע.

פּאָמעראַנץ, גרשון
דער יידישער מענטש אין וועג אין מנחם באָריישאָס דער גייער, „פרייע אַרבעטער שטימע", יולי 16, 1943. ניו־יאָרק.

פיינבערג, ל.
דער גייער איז געגאַנגען, „עפּאָכע" מערץ, 1943, ניו־יאָרק.

פריילעך, י.
די יידישע ליטעראַטור איז באַרייכערט געוואָרן מיט אַן אָדיסיי, „פּראָלעטאַרישער געדאַנק", פעברואַר 1, 1943, טאָראָנטאָ. קאַנאַדע.

קומאַרובסקי, מ.
המהלך, „בצרון", ניסן, תש"ה, 1944, ניו־יאָרק.

ראָגאָף, ה.
דער גייער, „פאָרווערטס", יאַנואַר 24, 1943. ניו־יאָרק.

ראַוויטש, מלך
אַלערליי באַמערקונגען אויף די ראַנדן פון מנחם באָריישאָס גייער, „די פּרעסע", מאַי 20, 1945, בוענאָס איירעס.

ריווקין, ב.
מנחם באָריישאָס גאַנג דורכן גייער, „יידישער קעמפער". יוני 18, 1943 ניו־יאָרק.

שאַצקי, ד"ר יעקב
וועגן מנחם באָריישאָס דער גייער, „קולטור און דערציאונג", מערץ, 1943, ניו־יאָרק.

שטאַרקמאַן, משה
מנחם באָריישאָס דער גייער איז דערשינען, „טאָג", יאַנואַר 10, 1943, ניו־יאָרק.

Der Geier (the Wanderer), "Jewish Spectator", March, 1943.

וועגן „אַ דור"

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מנחם באָריישאָ און זיין דור, „די פּרעסע", יולי 30 און אויגוסט 6, 1947, בוענאָס איירעס.

בילצקי, י. ח.
שירתו של מנחם באָריישאָ, „משמר" אָקטאָבער 5, 1947. תל אביב.

גלאַטשטיין, יעקב
מיין חוב צום יאָר 1947 — „יידישער קעמפער", דעצ. 19, 1947, ניו־יאָרק.

לעיעלעס, א.
וועלט און וואָרט, „טאָג", יולי 12, 1947, ניו־יאָרק.

ניגער, ש.
מנחם באַריישאַ און זיין דיכטערי-
שע אויטאָביאָגראַפיע, „טאָג", אַפּ-
ריל 5 און 11, 1948. ניו-יאָרק.

רייזען, אברהם
ליטעראַרישע רעוויו, „פעדער",
1949, ניו-יאָרק.

פעפער, איציק
אַ גלויבן, אַן אַ נשמה — וועגן
מנחם באַריישאַס נייעם בוך, „מאָרגן
פרייהייט", מאַי 23, 30, 1948,
ניו-יאָרק.

אַלגעמיינע אַרטיקלען

א. ב.
די אַטאַקעס אויפן „בונד" — דאָס
פאָלק אָדער אַ מלוכה-פּעטיש?
„אונזער צייט", זז' 12-11, סעפּט.
1948, ניו-יאָרק.

אויערבאַך, אפרים
מנחם באַריישאַ, „מאָרגען זשור-
נאַל", פעברואַר, 1938, ניו-יאָרק.

איגנאַטאָוו, ד.
פון מיינע זכרונות — מנחם זאָגט
אויך עפּעס, „עפּאָכע", נומ' 30-29,
זז' 154-153, יולי 1947, ניו-יאָרק.

איינהאָרן, דוד
דוד איינהאָרן צו מנחם באַריישאַ,
„דער וועקער", פעברואַר 1, 1945,
זז' 11-10, ניו-יאָרק.

אַלגין, מ.
„פוילען", פון מנחם, „צוקונפט",
אָקט. 1914, זז' 1073-1072, נ. י.

אַלמי, א.
אַ וואָרט אַריין און אַ וואָרט אַרויס,
„פרייע אַרבעטער שטימע, יוני 24,
1946, ז' 5, ניו-יאָרק.

אַמסטער, פּ.
אַ גאַסט ביי לייוויקן, „אונדזער
שטימע", נאָוועמבער 19, 1948,
פּאַריז.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
אויף געטלעכע וועגן, אַרגענטינער
„ציקאַ"-בלעטער, בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
נישטאָ אַזאַ צייט ווען דער מענטש
דאַרף ניט קיין ליד, „די פּרעסע",
בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מ. באַריישאַ, פּאָרטרעטן פון יידישע
שרייבער, זז' 241-236, 1933,
וואַרשע.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מנחם באַריישאַ אויף יום-טוב,
„די פרעסע", דעצעמבער 16, 1938,
בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
די איינציקע הערצל-פּאָעמע אין
יידיש, „די פרעסע", דעצעמבער 4,
1947, בוענאָס איירעס.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
דאָס געדרוקטע וואָרט אין 1947,
„די פרעסע", בוענאָס איירעס,
דעצ. 31, 1947.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
מאַמע יידיש, בוענאָס איירעס,
1949 (מנחם באַריישאַ, ז' 238).

באַפרייאונג, מינכען, מערץ, 1948
מנחם באַריישאַ — 60 יאָר.

בילעצקי, י. ח.
באַריישאַ, „משמר", סעפּטעמבער 5,
1947, תל אביב.

ביק, אברהם
מנחם באַריישאַס ליריק און
תפילה-לידער, „יידישער קוריער",
סעפּט. 4, 1938, אָקט. 4, 1938,
שיקאַגאָ.

ביק, אברהם
מנחם באַריישאַ — דער אידייאַי-
שער מענטש און דיכטער, „דער
שפיגל", מאַי 16, 1940, בוענאָס
איירעס.

ביק, אברהם
אַ רעוויזיע פון יידישיזם, „פּראָ-
לעטאַרישער געדאַנק", אָקטאָבער 15
1940, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

ביק, אברהם
דער חסידישער מאָטיוו אין דער
מאָדערנער יידישער פּאָעזיע, המשך
2, זז' 48-47, 1940, ניו-יאָרק.

בעל מחשבות
ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן — מנחם, געקליבענע שריפטן, 2-טער באַנד, זז' 87-86, 1910, ווילנע.

BENEDICT LIBBY
Journal of Jewish Bibliography, Jan.-April, 1943, pp. 45-46. N. Y.

בערגעלסאָן, דאַוויד
ווער וואַגט? „אייניקייט", אַפּריל 3, 1948, מאָסקווע.

בערגעלסאָן, דאַוויד
ווער וואַגט? וועגן מנחם באָריישאַס פּאַסקוויל אויף מיכאָעלסן, „מאָרגן-פרייהייט, אַפּר. 18, 1948, ניו-יאָרק.

ברייניך יוסף
אַ קראַנץ ליגנס אויפן קבר פון שלמה מיכאָעלס — אַן ענטפער אויף מנחם באָריישאַס קאָלום אין „טאָג", „מאָרגן פרייהייט", יאַנ. 23, 1948, ניו-יאָרק; „פאָלקס-שטימע", פעב. 13, 1948, לאָדזש.

גאָלדבערג, ב. צ.
וועגן דער יוגנט, „טאָג", ניו-יאָרק

גאָלדבערג, אב.
די נייע ריכטונגען אין דער יידישער ליטעראַטור, „געזאַמעלטע שריפטען", ערשטער באַנד, ז. 51, 1913, ניו-יאָרק.

גודמאַן, נ.
נאָטיצן פון אַ לעזער, „יידישער קוריער, 1936, שיקאַגאָ.

גוטמאַן, שואל
יידישער מענטש איז די צענטראַלע פּראָבלעם (אינטערוויו מיט מנחם באָריישא), „אויפן שוועל", אַפּריל 1945, ניו-יאָרק.

גלאַנץ, יעקב
אַ בריוו צו מנחם באָריישאָ, „דער וועג". פעברואַר 3, 1943, מעקסיקע.

גלאַנץ, יעקב
ווען פּאָעטן ווערן אָנקלאָגער — פּאָעמע „פּוילן", „דער וועג", יולי 29, 1944, מעקסיקע.

גלאַנץ, יעקב
דאָס יידישע ליד צווישן צוויי מלחמות, „ליטעראַרישע זאַמלונגען" 3, ז' 154, 1946, שיקאַגאָ.

גראָבאַרד, ב.
אַ פערטל יאָרהונדערט, ז' 188, 1935, ניו-יאָרק.

גראָדזענסקי, שלמה
ווען מען זייט געשפּענסטער, „יידישער קעמפער", סעפּט. 10, 1945, ניו-יאָרק.

גראָדזענסקי, שלמה
אַן ענטפער אויף מנחם באָריישאָס בריוו, „יידישער קעמפער", אָקט. 22, 1948, זז' 8-7, ניו-יאָרק.

גלאַנץ-לעיעלעס, א.
די נייע יידישע פּאָעזיע אין אַמע-ריקע, „ליטעראַרישע בלעטער", נום. 14, אויג. 8, 1924, ז' 1, וואַרשע.

גלאַנץ-לעיעלעס, א.
וועלט און וואָרט, „טאָג", מאַי 29, 1948, ניו-יאָרק.

גלאַנץ-לעיעלעס, א.
וועלט און וואָרט, „טאָג", דעצ. 18, 1948, ניו-יאָרק.

וויינפּער, ז.
מנחם, „אויפקום", נאָוו. 1926, זז' 30-20, ניו-יאָרק.

וויינפּער, ז.
מנחם. „ליטעראַרישע בלעטער", נומ' 34, אויג. 24, 1928, זז' 660-662, וואַרשע.

וויינפּער, ז.
מ. באָריישאָ, „אויפקום", יאַנואַר 1935. זז' 22-14, ניו-יאָרק.

וויינפּער, ז.
מנחם באָריישאָ, „יידישע שריפט-שטעלער", באַנד 2, זז' 52-42, 1936, ניו-יאָרק.

וויינפּער, ז.
מנחם באָריישאָ — 50 יאָר, 1938, ניו-יאָרק.

WEISS-ROSMARIN DR. TRUDE
Authentic Jewish Creative Expression, "Jewish Spectator", Sept., 1948.

וויסמאַן, י. א.
דאָס וואָרט און דאָס ליד, „עפּאָכע" נומ' 17, זז' 425-420, מערץ 1945, ניו-יאָרק.

WEISS-ROSMARIN TRUDE
Menachem Boraischa, "Jewish Spectator", N. Y. March, 1949,

זאַראַמב, ש.
פון די „שריפטן" ביז די „זאַמלביכער" (מנחם באַריישאַ), „שריפטן", יאַנואַר 1937, ז' 33, װאַרשע.

זרבבל
שטריכן און געדאַנקען (װעגן די ליטעראַרישע מאָנאַטשריפטן), „פסח-בלאַט", זז' 31-30, ניסן תרס"ח, װילנע.

זשיק, ג.
אַנטיסאָװעטישע איבונגען פון מע-נאַכעם באַריישאַ, „אײניקײט", יולי 15. 1948, מאָסקװע.

חײמסאָן, מ.
מנחם באַריישאַס „װעג אין װאַלד", „פּאַראָװים", נומ' 38, אַפּר. 28, 1939, זז' 4 און 7; נומ' 39, מאַי 12, 1939, ז' 3; נומ' 43, יולי 7, 1939, ז' 6; נומ' 46, אויג. 18, 1939. ז' 6, װאַרשע.

טאָג, נ. י., יאַנ. 25, 1948.
מנחם באַריישאַ — 60 יאָר.

טװערסקי, יוחנן
דרײַ בריװ פון מנחם באַריישאַ, „די גאָלדענע קײט", נומ' 4, האַרבסט 1949, זז' 220-217, תל-אביב.

יפה, מרדכי
בספרות האידית, „הדואר", י' סיון תש"ז, 1947, ניו-יאָרק.

כץ, משה
דער נײַער שדים-טאַנץ פון די „אידישקייט"-באַשיצער, „מאָרגן-פרײהײט", דעצ. 25, 1948, נ. י.

כץ, משה
זיי זיינען נאָך גערעכט ! „מאָרגן-פרײהײט", יאַנ. 30, 1948, נ. י.

לאַנדוי, זישע
„ליטעראַטור און לעבן", אָקטאָבער 1915, ניו-יאָרק.

לאַנדוי, זישע
„אַנטאָלאָגיע — די יידישע דיכטונג אין אַמעריקע", פאַרלאַג „יידיש", 1919, ניו-יאָרק.

לוצקי, א.
אַ זינג און אַ זאָג, „פּאָרטרעטן", 1945, ניו-יאָרק.

ליבמאַן, יצחק
בלעטערנדיק די בלעטער — אַן ענטפער אויף מ. באַריישאַס אַנ-פראַגן, נאָך אַן ענטפער אויף מ. באַריישאַס זעקס קשיות, „ניו-יאָרקער װאָכנבלאַט", יוני 22, 1945, זז' 5-4, ניו-יאָרק.

לייוויק, ה.
מנחם, „שריפטן", פרילינג 1921, זז' 11-3, ניו-יאָרק.

לייוויק, ה.
מנחם, „טאָג", נאָוו. 20, 1938, ניו-יאָרק.

לייוויק, ה.
גאָט איז אין סוד, „טאָג", מערץ 7, 1948, ניו-יאָרק.

LEIVICK, H.
God Is in the Mystery ... On Menachem Boraisha's Sixtieth Anniversary, "Congress Weekly" New York, Feb. 20, 1948, p. 9-10.

מאַלאַדאָװסקי, קאַדיע
מנחם באַריישאַ, „טאָג", מערץ 14, 1942, ניו-יאָרק.

מאַלאַמוט, י. ל.
מנחם באַריישאַ, „יידישע װעלט", פעב. 27, 1938, פילאַדעלפיע.

MARGOSHES, DR. S.
"News n Views", 1939, p. 29.
„טאָג", יאַנואַר 29, 1939.

MARGOSHES, DR. S.
Dear Menachem Boraisho, "The Day", New York, Mar. 17, 1948; Mar. 18, 1948.

מוקדוני, ד"ר א.
װעגן די זאַמלביכער, „מאָרגן זשורנאַל", יאַנ. 17, 1936, נ. י.

מוקדוני, ד״ר א.
מנחם באָריישאָס פּאָעמע, „מאָרגען זשורנאַל״, יוני 1, 1938, נ. י.

מוקדוני, ד״ר א.
מנחם באָריישא, צו זיין 50סטן געבוירנטאָג, „דער שפּיגל״, 1938, בוענאָס איירעס.

מוקדוני, ד״ר א.
מנחם באָריישא, „מאָרגען זשור-נאַל״, יאַנואַר 19, 1938, נ. י.

מוקדוני, ד״ר א.
דער קריזיס פון יידיש, „מאָרגען זשורנאַל״, מאַי 1, 1940, נ. י.

מוקדוני, ד״ר א.
פּערזענלעכע ליטעראַטור געשיכטע, „דהי סטאָרי אָף אידיש״, „מאָרגען זשורנאַל, יוני 9, 1946. נ. י.

מייזיל, נחמן
מנחם, „ליטעראַרישע בלעטער״, אויגוסט 6, 1926, וואַרשע.

מלכין, ד. ב.
השלום הטרגי שלנו, „משמר״, סעפּט. 11, 1944, תל-אביב.

מלמד, מ.
יידישע שרייבער, „יידישע וועלט״, אויגוסט, 1936, פילאַדעלפיע.

מלמד, ד״ר ש.
„נייע יידישע פּאָעזיע״ — קליינע באַמערקונגען וועגן גרויסע ביכער, „וואַרהייט״, יאַנ. 23, 1916, נ. י.

מענאַכאָווסקי, מ.
וועלטלעכע יידישקייט, „אונדזער וועג״, מערץ 1, 1948, ז׳ 9, נ. י.

נאָוויק, פּ.
די ראָל פון דער פּרעסע אינם איצ-טיקן מאָמענט, די זייפמאַן-געשיכ-טע און דער אָנפאַל אויף מיכאָעלסן, „מאָרגן-פרייהייט״, מערץ 6, 1948, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
פון אַ לעזער און אַ שרייבערס נאָ-טיץ-בוך, „טאָג״, יאַנ. 23, 1927, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
צייט און צייטלאכעס, לעזער, דיכ-טער, קריטיקער, ערשטער באַנד, זז׳ 237-236, „יידישער קולטור פאַרלאַג״, 1928, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
פון י. ל. פּרצס חדר, „טאָג״, פעב. 6, 1938, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
בריוו וועגן דער אַלטער און דער נייער יידישער ליטעראַטור (מנחם באָריישא), „צוקונפט״, אויגוסט 1938, ז׳ 482, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
אונזער לעבן — און אונזער לי-טעראַטור (מנחם באָריישא), „צו-קונפט״, יאַנ. 1939, זז׳ 47-46, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
צייט-ליטעראַטור, „טאָג״. אויג. 18, 1940, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
מנחם באָריישאס „דער גייער״, „טאָג״, יאַנ. 17, 1943, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
קונסט-טעאָריעס און קינסטלערישע פּראַקטיק, „טאָג״, פעב. 28, 1943, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
וועגן די ליטעראַרישע טעאָריעס פון מנחם באָריישאָ און י. י. זינגער. „טאָג״, 1943, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
געלייענט און געשריבן, „טאָג״, נאָוו. 22, 1944, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
געלייענט און געשריבן, „טאָג״, אויג. 19, 1945, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
פון יידיש אויף ענגליש, „טאָג״, מאַי 12, 1946, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
דער קונסטס אידייען און דעם קינסטלערס טענדענצן, „טאָג״, יאַנ. 30, 1949, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
מוז דער קריטיקער זיין אַ שליח ציבור? „טאָג״. יוני 19, 1949, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
די קריטיק פון „נאַציאָנאַלער באַ-שטעלונג״, „טאָג״, יוני 26, 1949, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
שרייבערשע קאָרעספּאָנדענץ, „טאָג״, יאַנ. 22, 1950, ניו-יאָרק.

סאָקאָלאָווער, א.
טינט און פעדער, „פרייע אַרבעטער שטימע״, אָקט. 9, 1936, נ. י.

סאָקאָלאָווער, א.
מנחם באָריישאָ, „פרייע אַרבעטער שטימע״, ניו-יאָרק.

סעגאַלאָוויטש, ז.
טלאָמאַצקע 13, זז׳ 98, 126, 134, 176, 222, בוענאָס איירעס, 1946.

ענטין, יואל
דריי יאָר לייוויק-אָפּאַטאָשו זאַמלביכער, „יידישער קעמפער״, אויג. 12, 1938, נ. י.

פּאָמעראַנץ, גרשון
מנחם באָריישא, „ליטעראַרישע בלעטער״, אַפּריל 29, 1938, וואַרשע.

פרילוצקי, נח
ליבע אין דער יידישער פּאָעזיע, ראָמאַן-צייטונג, נומ׳ 14, אויג. 9, 1907, זז׳ 431-434, וואַרשע.

FRANK, MOSES Z. R.
Menachem, The Universal Jewish Encyclopedia, Vol. 7, pp. 464-465, New York.

צביון
יידישע אינטערעסן, „פאָרווערטס״, אַפּריל 20, 1940, ניו-יאָרק.

צייטלין, אהרן
פון פרייטאָג ביז פרייטאָג; אַן ענטפער אויף אַן ענטפער (צו מ. באָריישאָ), „מאָרגען זשורנאַל״, יאַנ. 11, 1946, ניו-יאָרק.

ראַוויטש, מלך
נאָכוויינען צום מיכאָעלס-פעפער באַזוך אין אַמעריקע אין יאָר 1943, „פרייע אַרבעטער שטימע״, יוני 4, 1948, ז׳ 3, ניו-יאָרק.

ראַוויטש, מלך
מנחם באָריישאָ, „די פרעסע״, בוענאָס איירעס.

רייזען, אברהם
ערינערונגען, „פרייהייט״, דעצעמבער 15, 1927, ניו-יאָרק.

רייזען, זלמן
מנחם, „לעקסיקאָן פון דער יידישער ליטעראַטור, פרעסע און פילאָלאָגיע״, צווייטער באַנד, זז׳ 438-441, ווילנער פאַרלאַג פון ב. קלעצקין, ווילנע, 1930.

קאַהאַן, אַב.
אַ נייע פּיעסע אין דעם פאָלקס טעאַטער: „איין פרוי״, פון מנחם באָריישאָ, „פאָרווערטס״, דעצ. 16, 1931, ניו-יאָרק.

קיטאַי, מ.
מנחם באָריישאָ — צו זיין 50סטן געבורטסטאָג, „הייַנט״, יולי 15, 1938, וואַרשע.

שאַליט, משה
וועגן זאַמלביכער, „ליטעראַרישע בלעטער״, נאָוו. 20, 1936, וואַרשע.

שאָולזאָן אַב.
מנחם באָריישאָ — דער גייער, „יידישע שריפטן״, באַנד 3, העפט 2, פּרילינג 1943, זז׳ 253-254, ניו-יאָרק.

שטיינבערג, נח
נאָדיר וועגן אונזערע שרייבער — מנחם, אַ בוך משה נאָדיר, זז׳ 152, 153, פאַרלאַג לעבען, 1926, נ. י.

געשריבן נאָכן טויט פון מנחם באָריישאָ

א. ב.
מנחם באָריישאָ, „יידישע קולטור״, ז׳ 51. מערץ 1949, ניו-יאָרק.
איבערגעדרוקט אין „איקוף״-בלעטער, רומעניע.

א. ל.
מנחם באָריישאָ, „הדואר״, גליון ט״ז, פעברואַר 18, 1949, ניו-יאָרק.

אונדזער וועג, מינכען,
פעב. 25, 1949
מנחם באָריישאָ.

אונזער וואָרט, בריסעל,
פעב. 18, 1949.
מנחם באָריישאָ.

אונדזער שטימע, פּאַריז,
פעב. 18, 1949.
מנחם באָריישאָ.

אונדזער שטימע, פּאַריז
פעב. 23, 1949.
ביאָגראַפיע פון מנחם באָריישאָ.

דאָס אידישע וואָרט, סאַנטיאַגא,
אָרום דער פּטירה פון דיכטער
מנחם באָריישאָ.
פעב. 25, 1949.

דאָס אידישע וואָרט, וויניפּעג,
פעב. 15, 1949.
מנחם באָריישאָ געשטאָרבן.

דער אַמעריקאַנער, נ. י.
פעב. 18. 1949
מנחם באָריישאָ, ע"ה

אַרבעטער וואָרט, פּאַריז,
פעב. 18, 1949
מנחם באָריישאָ

ב. צ. צ.
מנחם בורײשה, „דבר" פעב. 17,
1949, תל-אביב.

ב. ש.
צום טויט פון מנחם באָריישאָ און
ז. סעגאַלאָוויטש, „נייע פּרעסע",
פעב. 26, 1949, פּאַריז.

באַטאַשאַנסקי, יעקב
אַ קבר איז אַ וועלט. „די פּרעסע",
מערץ 20, 1949, בוענאָס איירעס.

ביאַלאָסטאָצקי, ב. י.
וויזיע פון דער יידישער פּערזענ-
לעכקייט, „קולטור און דערציאונג"
אַפּריל 1949. ניו-יאָרק.

אַ ביבליאָטעקאַר
מנחם באָריישאָ, „אונדזער שטימע",
פעב. 19-20, 1949, פּאַריז.

ביקל, ד"ר שלמה
מנחם באָריישאָ דער פּובליציסט,
„טאָג", אַפּריל 12, 1949, ניו-יאָרק.

גלאַנץ, יעקב
נישטאָ מער באָריישאָ, „פאָלקס-
בלאַט", מערץ 6, 1949, מאָנטע-
ווידעאָ.

גלאַנץ-לעיעלעס, א.
טרויער אויף מנחם באָריישאָ,
„טאָג", פעברואַר 19, 1949, נ. י.

גאָלאָמב, א.
דור הולך, „דאָס וואָרט". 1949,
מעקסיקע.

דינגאָל, ס.
אויפן קבר פון אַ ליבן חבר און
פריינט (מנחם באָריישאָ), „טאָג",
פעב. 19, 1949, ניו-יאָרק.

דיימאַנדשטיין, ב.
מנחם באָריישאָ, „ליטעראַרישע
העפטן", מאַי-אויג. 1949, זז' 32-
33, טוזשונגא.

היינט, בוענאָס איירעס,
מערץ 6, 1949
מענאַכעם באָריישאָ

וואָכנבלאַט, בעלזען,
פעב. 25, 1949
מנחם באָריישאָ, ז"ל

וויניק, עקיבא
נישטאָ דער גייער, „דרום אַפריקע"
אַפּריל, 1949, יאָהאַנעסבורג.

WEISS-ROSMARIN TRUDE
A Poets Life, "Congress Weekly" Feb. 28, 1949, New York.

WEISS-ROSMARIN TRUDE
Reflections, "New Palestine — 1949, New York.

WEISS-ROSMARIN TRUDE
Jewish Survival. "Philosophical Library", 1949, pp. 137-143; p. 277.

WISE, STEPHEN S.
In Tribute to Menahem Boraisha, "Congress Weekly", Feb. 21, 1949, New York.

דער וועקער, ניו־יאָרק
פעב. 15, 1949
מנחם באָריישאָ

זאַק, אברהם
צוויי פרישע קברים. „די פּרעסע",
מערץ 19, 1949. בוענאָס איירעס.

טאָג, ניו־יאָרק
פעב. 14, 1949
מנחם באָריישאָ.

טרייסטער, ל.
מנחם באַריישאַ און זיין ליטעראַ-
רישער חלום, „קיום", אַפּריל 1949,
פּאַריז.

כאַרלאַש, י.
מנחם באַריישאַ", „דער וועקער",
אַפּריל 1, 1949, ניו-יאָרק.

כהן, יעקב
מנחם באַריישאַ און ז. סעגאַלאָ-
וויטש, „די יידישע וועלט", אַפּריל
22, 1949, בוענאָס איירעס.

לאַפּין, ב.
צום יידישן בטחון (ליד), „טאָג",
1949. ניו-יאָרק.

לייוויק, ה.
מנחם באַריישאַ, „טאָג", פעברואַר
16, 1949 ; איבערגעדרוקט אין :
„אַרבעטער וואָרט", פעב. 25, פּאַ-
ריז ; „די שטימע", פעב. 26, מעק-
סיקע ; „אונדזער וואָרט", פעב.
25, בריסעל ; „אונדזער וועג", פעב.
25, מינכען ; „דאָס יידישע
וואָרט", פעב. 25, סאַנטיאַגאָ ;
„וואָכנבלאַט", פּעב. 29, בעלזען ;
„נייע וועלט", מערץ 8, תל-אביב.

לייוויק, ה.
אַ יאָר אַז מנחם איז אַוועק, „טאָג",
5-טן פעב., 1950, ניו-יאָרק.

לעיעלעס, א.
אונדזער דור (ליד צום אָנדענק פון
מנחם באַריישא, ע"ה), „טאָג",
5-טן פּעב., 1950, ניו-יאָרק.

לעשצינסקי, יעקב
מנחם באַריישאָ, „יידישער קעמ-
פער". פּעב. 18, 1949. ניו-יאָרק.

לעשצינסקי, יעקב
אחרי מטתו של מנחם בוריישה,
„דבר", מערץ 4, 1949, תל-אביב.

דער מאָרגן, מינכען,
פּעב. 25, 1949
מנחם באַריישאָ

מאַסטבוים, יואל
מנחם באַריישא (אַ יאָר נאָך זיין
טויט), „נייוועלט", תל אביב, יאַ-
נואַר 6-טן, 1950.

מאַרגאָשעס, ד"ר ש.
מנחם באַריישא (אַן אָפּשאַצונג פון
מ. באַריישא אַלס פּובליציסט,
„טאָג", 5-טן פּעב., 1950, ניו-יאָרק

מאַרק, עמנואל
דער רואיקער מנחם און דער שטי-
לער זוסמאַן (ליד), „צוקונפט",
אפּריל, 1949, ניו-יאָרק.

מוקדוני, ד"ר א.
מנחם, „מאָרגען זשורנאַל", פעב-
רואר 27, 1949, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
מנחם באַריישאָ, ע"ה, „טאָג", פעב.
20. 1949, ניו-יאָרק.

ניגער, ש.
זיין וועג צו שלמות (צום ערשטן
יאָרצייט פון מנחם באַריישאָ),
„טאָג", 5-טן פעב., 1950, ניו-יאָרק

ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט,
פעב. 25, 1949, ז' 5
מנחם באַריישאָ.

נייוועלט, תל־אביב,
פּעב. 15, 1949
מנחם באַריישאָ

ס.
מנחם באַריישאָ און ז. סעגאַלאָ-
וויטש, „אונדזער שטימע", פּאַריז,
מערץ 2-3, 1949.

סיגאַל, י. י.
מנחם באַריישאָ דער דיכטער, „קע-
נעדער אָדלער", פעברואַר 21, 1949,
מאָנטרעאל.

ענטין, יואל
דער טויט פון מנחם באַריישאָ,
„פּאַרבאַנד-שטימע", מערץ 1949,
ניו-יאָרק.

פּאָמעראַנץ, גרשון
מנחם באַריישאָ, „טינט און פּעדער"
2, 1949, טאָראָנטאָ, קאַנאַדע.

פּ. ב.
מנחם באַריישאָ, „דער שפּיגל",
מערץ, 1949, בוענאָס איירעס.

פאָלקסבלאַט, מאָנטעווידעאָ,
פּעב. 22, 1949
געשטאָרבן מנחם באַריישא

פוקס, חיים לייב
מנחם באַריישאָ (עטלעכע ווערטער
אויפן פרישן קבר), „אונדזער
שטימע", פעב. 19-20, 1949.
פּאַריז.

פוקס, חיים לייב
מנחם באָריישאָ, „דער מאָרגן", מערץ 4, 1949, מינכען.

פיינבערג, ל.
גאולה-טרוימער (ליד), „טאָג", יולי 10, 1949, ניו-יאָרק.

פיינבערג, ל.
מנחם אין קריג מיט זיין דור, „טאָג", 5-טן פעב., 1950, ניו-יאָרק

פריילעך, י.
נישטאָ, „אונדזער וועג", מערץ 15, 1949, ניו-יאָרק.

קולטור־ידיעות, פּאַריז,
מערץ, 1949, ז' 2
צום טויט פון צוויי גרויסע דיכטער — מנחם באָריישאָ און זוסמאַן סעגאַלאָוויטש.

קיום, פּאַריז,
פעב.-מערץ, 1949, ז' 890
מנחם באָריישאָ.

קינדער זשורנאַל, ניו־יאָרק,
אַפּריל, 1949, ז' 18
מנחם באָריישאָ, ע"ה

קינדער צייטונג, ניו־יאָרק
מערץ, 1949
מנחם באָריישאָ.

ראָזשאַנסקי, שמואל
מנחם באָריישאָ און ז. סעגאַלאָוויטש, „יידישע צייטונג", מערץ 6, 1949, בוענאָס איירעס.

RIBALOV, HAROLD V.
Boraisha's Lasting Influence, "Congress Weekly", Feb. 28, 1949, New York.

רימון, יצחק
פייערלעכע אַקאַדעמיע צום אָנדענק פון מנחם און סעגאַלאָוויטש אין תל-אביב, „קענעדער אָדלער", אַפּריל 17, 1949, מאָנטרעאָל.

ש. נ.
רעיונות און ספקות, „צוקונפט", מערץ, 1949, ניו-יאָרק.

שווייד, מאַרק
מנחם באָריישאָ, „דער פריינד", אַפּריל, 1949, זז' 9-11, ניו-יאָרק.

שערמאַן, בצלאל
מנחם באָריישאָ, „אונדזער וועג", מערץ 1, 1949, ניו-יאָרק.

Menachem Boraisha (Editorial) "Congress Weekly", Feb. 21, 1949, New York.

We Mourn the Departure of Boraisho, "The Jewish Review" Feb. 24, 1941, New York.